STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02772

# ERD UN HIML

M. B. Stein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ISBN: 0-657-02772-3
Old Call No., v. 97-984

מ.ב. שטיין

# ערד און הימל

געקליבענע כתבים

1

Yi
1130 Stein,M.B.
Erd un himl. Tel-
Aviv,n.d.
500.3.272

1

Yi Stein,M.B.
1130 Erd un himl. Tel-
Aviv,n.d.
500.3.272

JAN 2 1975
Monmouth Co.

BULK LOAN - 90 DAYS ONLY

THE PUBLIC LIBRARY
NEWARK, N.J.

Fines are charged on overdue items to encourage prompt return so that they may be available to others.

Your library card may be used at the Main Library and any neighborhood branch library.

**Do not remove date card from pocket**

Digitized by the Internet Archive
in 2012 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/nybc202772

# ערד און הימל

Free Public Library Newark, N.J.

# ערד און הימל

## געקליבענע כתבים

### מ. ב. שטיין

איבערגעגעבן צום דרוק
שלמה גראָדזענסקי

פאַרלאַג „לעצטע נייעס", תל־אביב, תשכ"ז

©

כל הזכויות שמורות לרבקה בורנשטיין

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ תל־אביב



1895—1961

# הקדמה

ווען מ. ב. שטיין (באָרנשטיין) איז נפטר געוואָרן מיט זעקס יאָר צוריק, האָט ער נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ גרויסן ליטעראַרישן עיזבון — מאַנוסקריפּטן, פאַרענדיקטע און נישט־פאַרענדיקטע, ראָמאַנען, דערציילונגען, זכרונות. גאָר אַ קליינער טייל פון די דאָזיקע כתבים איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביי זיין לעבן. די דאָזיקע שריפטן זענען פאַרבליבן אין שופלאָד נישט נאָר צוליב אויסערלעכע שוועריקייטן, כאָטש אַזעלכע שוועריקייטן האָבן אַוודאי נישט געפעלט. מער ווי אַ סך אַנדערע יידישע שרייבער, איז מ. ב. שטיין געוועזן אינגאַנצן אַ קינד פון זיין שטאָם און סביבה, פון פוילישן יידנטום, און מען קען אַפילו זאָגן, פון זיין שטאָט, פון דער יידישער וואַרשע, ווו ער האָט געלעבט פון יאָר 1919 ביז צום ערב־חורבן. די דאָזיקע קולטור־לאַנדשאַפט, דער דאָזיקער יידישער וועלטטייל, מיט זיינע טיפע וואָרצלען אין דער געשיכטע פון פאָלק און פון דער נאָענטער משפחה, מיט זיינע זכרונות פון הונדערטער יאָרן, מיט זיין גרויסער און קראַמפּהאַפטיקער וויטאַליטעט צווישן די צוויי וועלטמלחמות, איז געוועזן מ. ב. שטיינס אָטעם־לופט. ער איז געוועזן איינער פון יענע יידן, וואָס בלויז אין זייער סביבה פילן זיי זיך איינגעגלידערט, און בלויז אין דעם באַריר מיט איר לעבן זענען זיי מסוגל גייסטיק צו לעבן. דערפאַר זענען אויך מ. ב. שטיינס ליטעראַרישע פאַרבינדונגען געוועזן כמעט דורכאויס לאָקאַלע — די ליטעראַרישע סביבה פון דער יידישער וואַרשע, מיט אירע צייטונגען און זשורנאַלן, שולן און קלייזלעך. מחוץ דער דאָזיקער סביבה האָט ער זיך שוין קיין אָרט נישט געפונען, און

עס האָט אים נישט געסטייעט די איניציאַטיוו, און אפשר איז שוין נישט געווען דער ווילן, צו פאַרקניפּן נייע קאָנטאַקטן מיט דעם וואָס עס איז נאָך פאַרבליבן פון די צענטערן פון דער יידישער ליטעראַטור נאָכן חורבן.

ווען ער האָט, אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, געזוכט אַ רעטונגס-פּלאַץ, האָט ער נישט צופעליק געפונען דעם וועג קיין ארץ-ישראל. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מ. ב. שטיין זאָל אין פוילן זיין פאַרבונדן מיט דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער באַוועגונג און מיט איר פּרעסע (ער איז געווען אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דער טאָג-צייטונג „דאָס וואָרט") — גאָר נישט קיין זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך אין דער יידיש-ליטעראַרישער וואַרשע, וואָס איר פּאָליטישע אָריענ-טאַציע איז בדרך כלל נישט געווען קיין ציוניסטישע. מ. ב. שטיין איז נישט געווען קיין פּאָליטישער מענטש. ארץ-ישראל איז אים געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין ראָמאַנטישער יידישקייט, און די ארץ-ישראל, אין וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט אַ נישט קיין קליינעם טייל פון זיין לעבן, איז אים געווען אַ טייערע, די טייערסטע, היים. אָבער זיין אינטימער מקום-מקלט, איז געווען דאָס יידישע וואָרט, די יידישע ליטעראַטור, וואָס איז געווען אַזוי אומצוטיילבאַר פאַרבונדן מיט זיינע זכרונות, מיט זיין משפּחה, דער קרובשער און דער פאָלקישער. אין ארץ-ישראל האָט ער ווייטער געשריבן, אַזוי ווי אַמאָל, אין וואַרשע — און כמעט אויסשליסלעך וועגן דעם אַמאָל, וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן. וועגן עפּעס אַנדערש, אפילו וועגן דעם נייעם, אים טייערן לעבן אַרום אים, האָט ער ווייזט אויס, נישט געקענט שרייבן.

דער אַמאָל איז אייגנטלעך געווען זיין טעמאַטיק אויך פאַרן חורבן: יידיש-פוילן, „דער ערשטער ייד אין דאָרף", דער גאָטפאַרכטיקער אַרענדאַר, דער אָפּהיטער פון קדושה אין אַ פיינטלעכער וועלט, דאָס גאָלד פון הייליקן שבת אין דער גרויקייט פון דער גרויסער שטאָט. זיין ייחוס האָט אים אויך מחייב געווען. משה באַרנשטיין איז געבוירן געוואָרן (אין

יאָר 1895) אין אַ רביישער משפּחה. ער איז געווען אַן אייניקל פֿון ר׳ אַברהמלע סאָכאַטשאָווער, דער מחבר פֿון „אבני נזר“, אַן איידעם פֿון דעם קאָצקער רבין, אפשר דעם אָפּגרונט־טיפֿסטן פֿון די חסידישע צדיקים. משה באַרנשטיינס פֿאָטער, ר׳ שמואל (דער מחבר פֿון ספֿר „שם משמואל“), איז געווען אַ רבי בזכות עצמו. די אומהיימלעך־גרויסע געשטאַלט פֿון ר׳ מענדל קאָצקער איז געשטאַנען אין צענטער פֿון מ. ב. שטיינס משפּחה־כראָניק און פֿון זיין גייסטיקער ירושה. זי האָט ווייזט אויס קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט צו באַשעפֿטיקן זיין קינסטלערישע פֿאַנטאַזיע. אַזוי איז זיין ערשטער אַרויסטריט אין דער יידישער ליטעראַטור געווען די קאָצקער־דראַמע „ערד און הימל“, וועלכע ווערט איבערגעדרוקט (צום ערשטן מאָל זינט זי איז דערשינען אין יאָר 1926) אין דעם דאָזיקן בוך.

ביז צו זיין זיבעצנטן יאָר האָט משה באַרנשטיין געלעבט אין דער משפּחה־סביבה, און פֿאַרשטייט זיך, געלערנט תורה. עס איז קענטיק, אַז די דיסציפּלין פֿון לערנען האָט ער זיך דאָרטן נישט איינגעשאַפֿן. עס האָט אים געצויגן אין אַן אַנדערער וועלט, די פֿרייערע און טומלדיקערע וועלט פֿון דער יידישער ליטעראַטור. עס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר איין זייט פֿון זיין פּערזענלעכקייט, אַז אין וואַרשע איז ער געשטאַנען נאָענט צו דעם קרייז אַרום י. מ. וויסנבערג, דעם פֿאַנאַטישן קעמפֿער פֿאַרן פּוילישן נוסח אין דער יידישער ליטעראַטור. פּוילישער נוסח איז אין דער וויסנ־בערגשער אויפֿפֿאַסונג אויך געווען אוממיטלבאַרקייט, דירעקטקייט, כמעט רויקייט. — על כל פּנים, מער „ערד“ ווי „הימל“. אין מ. ב. שטיינס שטייגער־דערציילונגען און סקיצן מערקט זיך זייער שטאַרק די דאָזיקע השפּעה. ער איז נישט געווען קיין געדולדיקער שרייבער, דאָס הייסט, אַן איבערשרייבער, אַן איבעראַרבעטער און פֿאַלירער. אַ געוויסע רויקייט, די רויקייט פֿון דער ערשטער ווערסיע, איז געבליבן אין כמעט אַלע זיינע כתבים. אָבער דאָרטן וווּ ערד האָט זיך באַגעגנט מיט הימל, איז די רויקייט געווען טיפּע סטיכיע.

עס איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע, צו מאַכן דעם אויסקלייב פאַר דעם דאָזיקן באַנד. מיר גלויבן, אַז דאָס וואָס איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער דאָזיקער זאַמלונג וואָלט ניט אַרויסגערופן קיין פּראָטעסט מצד דעם מחבר פון די דאָזיקע כתבים. וואָרים מ. ב. שטיין איז געווען זייער שטרענג מיט זיך אַליין; די וואָס האָבן אים געקענט פון נאָענטן האָבן אין אים דערקענט דעם דאָזיקן ניצוץ פון זיינע גרויסע אָבות. „איין וואָרט וואָר — אין דעם איז דער גאַנצער רבי מענדל קאָצקער", זאָגט הלל צייטלין אין זיין אָפּשאַצונג וועגן „ערד און הימל". אַוודאי איז דאָס געווען די מאָס, מיט וועלכער מ. ב. שטיין האָט געמאָסטן זיינע ליטע־ראַרישע באַמיאונגען, און ער איז, אין זיינע אייגענע אויגן, אַוודאי אַרויס חייב. אָבער די תמידיקע, אומדערמידלעכע גאַרונג נאָכן וואָרן וואָרט לעבט אַפילו אין זיינע אומבאַהאָלפנסטע באַמיאונגען. פון די דאָזיקע באַמיאונגען האָבן מיר אויסגעקליבן זיין שלימותדיקע שאַפונג, זיין קאָצ־קער־דראַמע, די צוויי אידל־דערציילטע, סוגעסטיווע קינדהייט־נאָוועלן (קינדהייט, וואָס באַשיצן זי נאָך די אָבות) און די סעריע שבת־בילדער, וואָס ער האָט שוין אין די לעצטע יאָרן אַרויסגערופן פון די טיפענישן פון זכרון, און זיי זאָלן מיטן כוח פון הייליקן טרויער אים ביישטיין קעגן גלייכגילטיקן אינדערוואָכן.

דער דאָזיקער אויסקלייב פון דער מי פון אַ שווער און פּילגעפּרוּווטן לעבן איז אַ טייערע ירושה זיינע נאָענטע, און זיינע פריינט, און מיר האָפן, אויך אַ ווערטיקער ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער ער האָט ליב געהאַט און געדינט מיט דער גאַנצקייט פון זיין פרומער נשמה.

שלמה גראָדזענסקי

# דער גרויסער איינזאמער פון קאצק

## וועגן דער דראַמע „ערד און הימל“ פון מ. ב. שטיין

### פון הלל צייטלין

1

אויסערלעך אַ דראַמע צוגלייך מיט אַלע אַנדערע דראַמעס. אַ דראַמע פון רביש־חסידישן לעבן. ס׳זענען שוין היינט דאָ פאַרשיידענע דראַמעס פון דעם מין. גענוג צו דערמאָנען: „חורבן בית־צדיק“, „די גאָלדענע קייט“, „דער דבוק“. איז איצט צוגעקומען אַ נייע דראַמע פונעם אַלט־חסידישן לעבנס־שטייגער א. נ. „ערד און הימל“.

דאָס איז אָבער נאָר אויסערלעך. אינערלעך — אַ דראַמע פון אַ גאַנץ באַזונדער באַדייטונג. אַ דראַמע, וואָס קאָן נישט צוקומען צו דער מדרגה פונעם „דבוק“ אין פאָלקסטימלעכקייט און רייכקייט פון פּראָבלעמען, דערפאַר אָבער שטייט זי איבער דעם „דבוק“ אין טיפקייט און קינסטלערישער אויסגעהאַלטנקייט.

ס׳איז שוין היינט דאָ אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן קאָצק. ס׳האָט אָבער באַדאַרפט צו קומען אַ מענטש פון אינעווייניק, וואָס איז דערביי דיכטעריש באַגאַבט, כדי צו מאַכן אַ סוף צו די פיל שקרים און דומהייטן, וואָס מען האָט, סיי אין די פריערדיקע צייטן, סיי אין די לעצטע יאָרן דורך אָפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער“, אָנגעטשעפּעט אָן דעם גרויסן איינזאַמען צדיק. „מעט מן האמת דוחה הרבה מן השקר, כשם שמעט מן האור דוחה הרבה מן החושך“ (אַ ביסל אמת פאַרטרייבט פיל שקר אַזוי ווי אַ ביסל ליכט פאַרטרייבט פיל פינצטערניש). אונדזערע קדמונים האָבן שטענדיק געזאָגט: „ניכרים דברי אמת“ אָדער „האמת עֵד לעצמה“. אַזוי איז עס טאַקע. ווען צום ריין אמתן וואָרט קומט נאָך צו די אינטויִציע פונעם דיכטער און

די מייסטערשאַפט פונעם קינסטלער, ווערן צעזייט אַלע „רקיעין של תהו”, וואָס עס בויט עס, לויטן זוהר, דער „איש תהפוכות”...

איך האָב אַמאָל געהערט אַ שיין מעשהלע פונעם לאָמזשער רבין (אַן אייניקל פונעם קאָצקער). צום קאָצקער האָט מען אַ מאָל געבראַכט די חב״דער כתבים פונעם ליובאַוויטשער. דער קאָצקער האָט פונעם ליובאַוויטשער זייער שטאַרק געהאַלטן. ווען זיינס אַ חסיד איז אַמאָל געפאָרן קיין לייבאַוויטש האָט ער געהייסן איבערגעגעבן דעם ליובאַוויטשער רבין: „מענדל מענדל — לגזירה שוה” (ביידע האָבן זיי געהייסן מענדל). נו, האָט דער קאָצקער גענומען די כתבים, געלערנט און געלייענט, געלייענט און געלערנט, דערנאָך האָט ער זיי איבערגעגעבן איינעם פון זיינע בעסטע מקורבים ר׳ הירש טאָמאַשעווער, באַמערקנדיק דערביי:

— זע נאָר, הירש, ווי גרויס דאָס איז, ווי ברייט דאָס איז און ווי טיף דאָס איז. אין איין וואָרט וואָר איז אָבער דאָ אַלץ...

„איין וואָרט וואָר” — אין דעם איז דער גאַנצער רבי מענדל קאָצקער. זיינע תורות זענען קורץ און אָפּגרונט־טיף. אַזוי האָט ער אויך גערעדט און אַזוי האָט ער זיך אויך געפירט מיט מענטשן. די פאַרשיידענע באָבע־מעשיות, וואָס ווערן היינט דערציילט וועגן אים האָבן צו אים קיין שום שייכות נישט. דער קאָצקער האָט זיך מיט קיינעם אין קיין לאַנגע שמועסן נישט אַריינגעלאָזט און ער האָט געוויס נישט געקאָנט זאָגן (ווי עס ווערט דערציילט וועגן אים אין די „קאָצקער מעשיות”) אַזעלכע זאַכן, ווי די, וואָס ס׳ווערן וועגן אים דערציילט אין די לעצטנס דערשינענע „קאָצקער מעשיות” (אַגב: דער מחבר פון די „קאָצקער מעשיות” ה׳ ברעגמאַן איז אַ מענטש אַ פּעיִקער און ווייזט אַרויס סיי אין זיינע „מעשיות”, סיי אין זיין „שטעטל אין דער צייט פון אָקופּאַציע”, אַ זין פאַר פאָלקסטימלעכקייט, אי באַאָ־באַכטונגס־קראַפט), — צום קאָצקער אַלס אַזעלכן האָבן אָבער זיינע „מעשיות”, אויסער אייניקע פון זיי, אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות. זיי קאָנען דערציילט ווערן, און פיל פון זיי ווערן טאַקע דערציילט, וועגן גאַנץ אַנדערע רביים, אָבער נישט וועגן דעם גרויסן מתבודד פון קאָצק, וואָס פאַר זיין בלויזן קוק האָבן געציטערט אַלע גאוני ארץ.

„איין וואָרט וואָר" — אין דעם ליגט אויך די גאַנצע קראַפט אין דער דראַמע: „ערד און הימל" פון מ. ב. שטיין (אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג בזשאָזאַ, וואַרשע 1926). ר' מענדל האָט געזוכט די לעצטע נקודה פון אמת. אַלץ מוז מען מקריב זיין צוליב אים. נישטאָ קיין אָפּנאַרעריי. נישטאָ קיין איינריידעניש. נישטאָ קיין: „איך וויל אַזוי", אָדער „עס איז מיר ליב אַזוי". נישטאָ קיין: „מען זאָגט" אָדער „אַלע זאָגן" (ס'איז בכלל נישטאָ קיין „אַלע"...). נישטאָ קיין נאָנטע און פריינד. נישטאָ קיין ווייב און קינד. וויל מען גיין בדרך ד', בדרך האמת, באַדאַרף מען צו קענען אַלץ מקריב זיין צוליב דעם. נישטאָ קיין מינדסטע פשרה: „אָדער, אָדער". זיינע חסידים גייען אין זיין דרך. אָבער — „הויך זענען די ניסעלעך, קליין זענען די יידעלעך, זיי קאָנען נישט דערגרייכן, זיי קאָנען נישט דערגרייכן"...

און אָט ווערט מייסטערהאַפט אַרויסגעפירט אין דער דראַמע אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן פון חסידים וואָס ווילן דערגרייכן און קאָנען נישט דערגרייכן... עס ציט זיי צו דער היים, צום פאַמיליע־לעבן. זיי קאָנען נישט נאָכגיין נאָכן אייביק־שווייגנ־דיקן און הימל־שטייגנדיקן רבין.

אָבער נישט נאָר חסידים. אויך אייניקע גרויסע רביים קאָנען נאָך אים נישט גיין. עס טיילט זיך אָפּ דער וורקער, עס טיילט זיך שפּעטער אָפּ ר' מרדכי יוסף. פיל חסידים גייען נאָכן לעצטן. ר' מענדל ווערט אָבער כלל נישט נתפעל פון דעם, וואָס ער בלייבט ביי זייער ווייניק חסידים. ער וויל מיטן גאַנצן האַרצן, אַז אויך די לעצטע חסידים זאָלן פון אים אַוועקגיין.

און ער רעדט צו זיי כהאי לישנא:

„און איר, אָקסן, וואָס שטייט נאָך? גייט ברעכט הענט און פיס! די וועלט שטינקט! הירש! וועט נאָך איינער אַ מאָל ביי מיינע טירן קלאַפּן, מיט שטעקנס יאָג אים אַוועק! פאַרשלאָסן זאָלן מיינע טירן פאַר ווערעם זיין! משיח, בלייב ביי די טויערן פון רוים זיצן! נישטאָ ווער עמען אויסצולייזן, אַ וועלט גאָרע שנאָרערס!.."

ר' מענדל איז נישט דער יידישער בראַנד, ווי עס איז באַמערקט געוואָרן אין דער הקדמה צום בוך, ווייל בראַנד גייט פאָרויס די מענטשן און שלעפּט זיי מיט געוואַלד צום „אַלץ", צום „גאָר"; ר' מענדל וויל אָבער אַלץ נעמען, ווי אַן עכטער ייד מיטן

„יכירו וידעו". ר' מענדל האָט געזאָגט: „איך וואָלט מער נישט געוואָלט צו פאַר־מאָגן, ווי צוואַנציק יונגע לייט, וואָס זאָלן צודעקן זייערע קעפּ מיט הייפּטלעך קרויט און זאָלן אַראָפּשרייען פון די דעכער: „ד' הוא האלקים". דאָס האָט מיט בראַנדס „גאָר אָדער גאָרנישט" — נישט צו טאָן. דאָס איז עטוואָס פיל טיפערס און העכערס. דאָרט, ביי איבסענס בראַנד, איז דער עיקר די גראַנדיעזי־טעט פון טאַט; דאָ איז אָבער דער עיקר — „יתגדל ויתקדש שמיה רבה"...

איך האָב נאָך פיל צו רעדן וועגן דעם גרויסן איינזאַמען פון קאָצק. עטוואָס פון דעם האָב איך שוין געגעבן אין אַ ריי אַרטיקלען: „אַלט־קאָצקער חסידות", וואָס איז געווען געדרוקט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין „מאָמענט", עטוואָס פון דעם האָב איך איצט אַרויסגעזאָגט און וועל נאָך אַרויסזאָגן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דראַמע פון מ. ב. שטיין.

2

דער המון מישט שטענדיק צונויף „חסידות" מיט אויסערלעכער דביקות, עקזאָ־טישע טענץ, אַ שאַרף ביסל משקה, שטופּן זיך ביים אָנקומען צום רבין, כאַפּן שיריים, אויפהייבן דעם אייגענעם רבין ביז צום הימל, און אַראָפּוואַרפן אַנדערע רביים און מבטל זיין זיי מיט אַ „מילא" אָדער „מאַ" אָדער „עט" אָדער אַפילו דערנידעריקן זיי לגמרי.

דער המון האָט דאָ, ווי אין פיל אַנדערע זאַכן, אַ ביטערן טעות. ער נעמט אָן דעם צופעליקן אויסדרוק פון אַ זאַך פאַר דער זאַך זעלבסט.

דעריבער זעט דער המון נישט די אינערלעכע שמחה, צו וועלכער מען קומט אַ מאָל דווקא דורך דער גרעסטער צעבראָכנקייט, און אַפילו מרה שחורה, און זעט נאָר די אויסערלעכע הייטערקייט און דעם ריין־גשמיותדיקן לאָזן זיך ווילגיין.

ער ווייסט נישט פון דער שטאַרקער ביז צו טראַגיזם מלחמת־היצר פונעם חסיד, זיינע עליות און ירידות, ספיקות און ענויים און ער זעט נאָר זיין שיריים כאַפּן און בטלנישע שטיק־מאַכן. ער זעט ווי דער חסיד איז אַלץ מבטל; ער ווייסט אָבער נישט, וויפל גרויסע אינערלעכע ענויים דער חסיד לעבט איבער ביז ער איז טאַקע

באמת מבטל די גאַנצע גשמיותדיקע וועלט מיט איר טומל, קנאה און שׂנאה, ליידנשאַפטן און שטותים.

בנוגע צו קאָצק האָט דער המון באמת נישט די מינדסטע סיבה צו זען דאָרט עטוואָס פון דעם, וואָס אים, דעם המון געפעלט. לא די, וואָס דאָרט זענען נישט פאָרגעקומען און האָבן גאָר נישט געקאָנט פאָרקומען קיין אָרגיעס, ווי עס האָט זיך געוואָלט אָפּאַטאָשון (אגב: דאָס, וואָס איך האָב אין מיין ערשטן אַרטיקל געשריבן קעגן אָפּאַטאָשוס „פוילישע וועלדער" באַציט זיך נאָר אויף זיין נישט ריכטיקער אויפפאַסונג פון קאָצק, אָבער נישט בנוגע דעם עצם ווערק. די „פוילישע וועלדער" אַלס עטוואָס גאַנצעס, באַטראַכט איך אויך היינט, ווי פריער, אַלס קונסט־ווערק). לא די, וואָס דאָרט איז קיין אָרט נישט געווען פאַר קיין שום ווילדקייט און אויסברוך פון וואָסער־נישט־איז תאווה, איז דאָרט בכלל קיין שום אָרט נישט געווען פאַר גשמיותדיקע ענינים און חפציות. קאָצק — דאָס איז באמת ריינע רוחניות, אומאויפהערלעכע שטרעבונג אין דער הויך און דווקא נישט דורך אָנגענומענע חסידישע גענג, נאָר דורך פאַרטיפטער מחשבה, אומאויפהערלעכע קריטיק, אומדערמידלעכן זוכן, פרעגן און פרעגן, נישט לאָזן זיך אָפּנאַרן אין קיין אופן, צוקומען דווקא צום עיקר נקודה און זיין אַזוי ווייט שטרענג צו זיך אַליין, אַז מען זאָל קאָנען אַ מאָל דאָס גאַנצע אייגענע לעבן אַוועקגעבן צוליב אָט דער שטרענגקייט.

ה' מ. ב. שטיין האָט אין זיין דראַמע געגעבן נישט אַזוי ווייט די אויסער־לעכקייטן פונעם אַלט־קאָצקער חסידישן שטייגער ווי די הויך פון קאָצק, דאָס אצילותדיקע, דאָס, וואָס לאָזט זיך אין פלוג מיט קיין ווערטער נישט אַרויסזאָגן.

ה' מ. ב. שטיין האָט געשאַפן אַ לבוש גראָד פאַר דעם, וואָס לאָזט זיך נישט אַרויסזאָגן. ער גיט אייניקע דיאַלאָגן און פונעם אַרט רעדן דערזעט איר די גאַנצע מענטשן, זייער תּוך־תּוכיות.

צום ביישפּיל:

„דער רבי: הירש, וואָס פאַר אַ ערב רב האָסטו מיר דאָ אָנגעפירט?

הירש (לויפט צו): א פרעמדער ייד געקומען מיט טענות.

דער רבי: הערט מען אויף צו האָבן טענות צו זיך אַליין, איז מען קיין דרייער נישט ווערט, צו יענעם טענות — צו וואָס?

חיים (גייט צו צום רבין): איך וויל האָבן אַ דין־תּורה מיט מיין איידעם שלמה.

דער רבי: ווער טראָגט זיך אַרום מיט דער תורה אין די קעשענעס?

חיים: ס'איז ערשט זעקס חדשים נאָך דער חתונה, איז ער שוין דריי חדשים פון דער היים אַוועק, אַ לעבעדיקע עגונה איבערגעלאָזט, וויל איך מיט אים ביי אייך, רבי, אַ דין־תּורה האַלטן.

דער רבי: וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס דולסטו מיר אָן אַ קאָפּ מיט דיינע שטותים?

חיים: אַן איינציק קינד, וויינט זיך די אויגן פון קאָפּ אַרויס.

דער רבי: אַז מאַנספּאַרשוינען האָבן הערצער ווי די טויבן, איז אַ וווּנדער, אַז ווייבער כליפּען?

חיים: רבי, האָט רחמנות, אַ יונג קינד, איין אויג אין קאָפּ.

דער רבי: רחמנות? אַז דאָס האַרץ איז ליידיק, אַז מען האָט קיין רצון נישט, קיין תשוקה נישט, שפּילט מען זיך אין רחמנות.

חיים: דאָס האַרץ ווערט צעריסן, צוקוקנדיק.

דער רבי: אַז דאָס האַרץ דיינס איז בכח צעריסן צו ווערן, פאַרוואָס ווערט עס נישט צעריסן, זעענדיק די שכינה אין גלות, און מענטשן דרייען זיך אַרום, ווי די קעלבער?

חיים: איך בין אַ פּראָסטער ייד. כ'מוז פּרנסה זוכן.

דער רבי: מען האָט דיר אַ נשמה פון הינטערן כסא הכבוד געגעבן, לאָזטו זי אין דער בלאָטע אַרומוואַלגערן?

חיים: וואָס זאָל איך טאָן? כ'דאַוון יעדן טאָג, ווי די תּורה לערנט אונדז.

דער רבי: דו ווייסט, וואָס די תּורה לערנט? גרעסערע פון דיר הייבן נישט אָן צו וויסן.

חיים: איך דאַוון ווי יעדער ייד. אַז איך האָב צייט, לערן איך אַ שטיקל גמרא אויך.

דער רבי: אַז דער קאָפּ ליגט אַ גאַנצן טאָג אין שטותים, קאָן מען דאַוונען?

חיים: זאָל איך נישט דאַוונען אויך?

דער רבי: איר מערמעטשעט — נישט איר דאַוונט. געדאַוונט הייסט דעמאָלט, ווען אַלע אברים גייען אויף אין איין גרויסן זמר צו הקדוש ברוך הוא — ווען מען מוז שוין דאַוונען, שפּילן זיך אין געדאַוונענעכץ איז גוט פאַר קינדער.

חיים: וואָס מיינע אויערן הערן! אַ רבי הייסט נישט דאַוונען?!

פשיסכער חסידים: צו וואָס איז מען אַהער געקומען?

דער רבי: שוטים! (ווייזט אויף זיין דלאָניע פון דער לינקער האַנט): מיר וועלן דאָ האָר אויסוואַקסן, אויב אַ שוטה וועט האָבן עולם הבא.

פשיסכער חסידים: כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא...

מרדכי יוסף: צו מער ווי צו אַ כל־ישראל עולם הבא האָט איר אַפּילו קיין השגה נישט!

דער רבי: הבוחר בשירי זמרה — איז דער טייטש: גאָט קלויבט אויס די שיריים פון דער זמרה, דאָס איבערבלייבעכץ, וואָס קיין וואָרט איז שוין נישט בכח אַריינצונעמען אין זיך, וואָס קאָן שוין קיין לבוש נישט האָבן, נאָר עס זינגט אין דער נשמה, אין דער נקודה הפנימית, דאָס וויל גאָט, אַזאַ תפילה באַגערט ער".

אין אַזאַ סטיל און אַזאַ כאַראַקטער איז דורכגעפירט געוואָרן די גאַנצע דראַמע. וועגן איר גרונט־אידעע, וועגן דעם גרויסן נסיון, דורך וועלכן עס ווערט אויס־געטיילט די נקודה הפנימית פון דעם גאַנצן עולם השקר — אין קומענדיקן אַרטיקל.

3

עס איז געווען נאָך דער הסתלקות פון רבי ר' בונם פון פשיסכע.

ר' בונם איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן געוואָלט אַראָפּברענגען אורו של משיח אין דעם חושך פון אונדזער לעבן. אַרויף איז ער למעלה, למעלה און אונדזער וועלטל איז געבליבן וויסט און עלנד און קלאָגעדיק.

זיצט איינער פונעם רבי ר' בונמס חסידים, ר' בנימין לובלינער, און „קוקט פאַרטרויערט אויף די צאַנקענדיקע ליכטלעך פונעם ששה נרות" אינעם גרויסן

בית־המדרש, — קרעכצט און זיפצט. משיח איז נאָך אַלץ נישטאָ... ווען ער האָט אים נישט אַראָפּגעבראַכט, — ווער וועט אים שוין אַראָפּברענגען? און ווי לעבט מען בכלל אָן דעם צדיק־הדור? „דער צדיק־הדור איז אַלץ מעלה און מאַכט פון אַלעמענס ביטול אַ כתר צו הקדוש ברוך הוא” און אָט איז דער צדיק־הדור אַוועק און האָט אונדז „אין מיטן דער מלחמה איבערגעלאָזט אויף הפקר”.

קומט אונטער נאָך אַ חסיד און זאָגט זיין פּזמון: „מען דרייט זיך אַרום ווי אָרעמע שאָף אָן אַ פּאַסטוך; נישטאָ ווער עס זאָל אַ גוט וואָרט זאָגן. וואָס וועט זיין?..”

און ר׳ בנימין גיט ווידער צו דאָס זייניקע: „מ׳האָט געלערנט, געדאַוונט. מ׳האָט בחוש געזען: ס׳ווערט וואָס אַ מאָל ליכטיקער, אָט קומט דאָס גרויסע ליכט פון ששת ימי בראשית... מיט אַ מאָל אַזאַ פינצטערניש, אַן אימה, רחמנא ליצלן. זינט דער פּטירה קאָן איך קיין יידיש ספר אין האַנט נישט נעמען. דער מוח — אָפּגעשטאָרבן; דאָס האַרץ — פאַרגרעבט.

און אָט קומט־אַריין אין גרויסן בית־המדרש די עלנדקייט פון דער וועלט אין געשטאַלט פון אַן אַרענדאַר, וואָס דער שררה וויל אים אַרויסוואַרפן פון דער קרעטשמע און ער האָט נישט ווו אַהינצוטאָן זיך מיט ווייב און קינדער. דער ייד ווייסט פון קיין חכמות נישט. דער ייד מוז האָבן אַ רבין און טאַקע אַזאַ רבי, וואָס זאָל אים העלפן וואָס שנעלער. ווו נעמט מען אים אָבער? פּרוּוון די חסידים טרייסטן דעם אַרענדאַר: „אַ ייד מוז זיך פאַרלאָזן אויפן רבונו של עולם. ער וועט אַוודאי העלפן”. „זאָרג נישט, מיר האָבן אַ גרויסן גוטן גאָט”. דער אַרענדאַר קומט אָבער מיט זיין שניידנדיקער פּשטות: „איך דאַרף שוין אַן עצה. אַז דער שררה וועט מיך אַרויסוואַרפן, ווו וועל איך מיך דערנאָך אַהינטאָן?”

און עס קומט־אַרויס פון דעם דאָס, וואָס ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער רבישאַפט אין פוילן. נישטאָ קיין רבי, — זאָל ווערן אַ רבי... „יידן דרייען זיך אַרום ווי אויפן עולם־התוהו, חולאים גייען אויס, רחמנא־ליצלן, נישטאָ וועמען אַ קוויטל אָפּצוגעבן, מ׳איז אַ ייד מקפּח פּרנסה, נישטאָ וועמען אַן עצה צו פרעגן”, נעמט מען און „מען מאַכט אַ רבין”... ווער זאָל אָט דער רבי זיין? — דער עיקר איז, וואָס „מען מאַכט אים”. דער עיקר

איז דער כּלל פון יידישע נשמות, וואָס זענען זיך מקשר אין דעם אויסגעווײלטן רבין. דער רבי איז דער צינור, וואָס נעמט פונעם כּלל און איז משפּיע צוריק אויפן כּלל...

דער אַרענדאַר קאָן נישט וואַרטן און די חולאים און אַלע מחוסרי פּרנסה קאָנען אויך נישט וואַרטן, ווערט דאָ אַ שקלא וטריא: צי עס זאָל באַשטימט ווערן אַלס רבי דער זון פונעם רבין ר׳ בונם, ר׳ אברהם משהלע, צי מען זאָל וואַרטן אויפן אָנקומען פון ר׳ מענדל טאָמאַשאָווער (שפּעטער: דער קאָצקער). ר׳ אברהם משהלע ווערט רבי. דער אַרענדאַר ווערט געהאָלפן...

צוויי זענען אָבער דאָ אין דער עדה, וואָס קוקן גאַנץ אַנדערש אויף דער זאַך. זיי דאַרפן נישט האָבן קיין רבין, וואָס זאָל העלפן די אַרויסגעטריבענע אַרענ־דאַרן און היילן חולאים. זיי דאַרפן האָבן נישט אַנדערש ווי דעם „צדיק האמת״, און אַט דעם „צדיק האמת״ האָבן זיי דרייסטקייט צו זען אין זיך אַליין. די צוויי זענען: ר׳ מענדל און ר׳ מרדכי יוסף (שפּעטער: „דער איזשביצער״). אין דער גאַנצער צייט, וואָס די חסידים קאָכן זיך, גיסט זיי ר׳ מרדכי יוסף אָפּ מיט קאַלט וואַסער. ר׳ מרדכי יוסף דערמאָנט זיי שטענדיק, אַז מען מוז, קודם־כּל, אַליין מענטשן זיין. מען קאָן זיך נישט האַלטן תּמיד ביים רבינס פּאָלעס. „אום דער צדיק זאָל קאָנען מאַכן אַ קרוין, מוז ער האָבן אויסגעאַרבעטע, אויסגעשליפענע מענטשן. פון בלאָטע מאַכט מען גאָר נישט״. ער פאָדערט דעריבער פון די חסידים שטאַרקע אמונה אין זיך אַליין און גרויס גבורה אין מלחמה פאַרן שטרענגסטן אמת. ר׳ מרדכי יוסף דערציט און לערנט די חסידים. ר׳ מענדל וויל אָבער נישט דער־ציען און לערנען. ער איז נישט קיין ניאַנקע און קיין דרדקי־מלמד. „אָדער, אָדער״, טענהט ער. אָדער זיי אַ קדוש, ווי גאָט האָט געבאָטן, אָדער גיי צו אַלדי שוואַרצע יאָר...

ר׳ מענדל שטויסט אַלעמען פון זיך, אָבער וואָס מער ער שטויסט אָפּ פון זיך, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ווערן באַהעפט צו אים די שטאַרקערע, די שאַרפערע, די, וואָס זענען פול מיט יוגנטמוט און אומאויפהערלעכער שטרעבונג צום פאַרבאָרגענעם און פאַרהוילענעם...

„פיר אונדז, שרייט ר׳ הירש טאָמאַשאָווער, אין די הימלען אַריין, מלאכים ווילן מיר זיין, שרפים ווילן מיר זיין!״ און אַנדערע חסידים נאָך אים: „מלאכים ווילן מיר זיין, שׂרפים ווילן מיר זיין, גאָט ווילן מיר דינען!״

ר׳ מענדל אַליין ווערט אָבער נישט נתפעל פון דעם אַלעמען. ער האַלט אין איין פאָדערן און פאָדערן....

די יונגע־לייט לויפן נאָך ר׳ מענדלען. ער ווייזט זיי אָבער אויף קיין האָר נישט דאָס, וואָס מען רופט „התקרבות״. די יונגע־לייט האָבן פאַרלאָזט אין דער היים פרויען מיט קינדער. די פרויען שרייבן ביטערע בריוו. קינדער הונגערן. מען וויל פליען אין די הימלען. די פרויען דערמאָנען אָבער, אַז מען לעבט אויף דער ערד און מען דאַרף האָבן פרנסה. די פאָטערס פון די פרויען קומען צו לויפן קיין קאָצק. שרייען, געוואַלדעווען. ר׳ מענדל פאַרשטייט אָבער זייער שפּראַך נישט. די יונגע־לייט ווערן אָבער סוף כל סוף צעטומלט. אַ רבי — און מען קאָן צומאָל נישט אַריינגיין צו אים שואל־עצה־זיין, אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ, בעטן אַ ברכה און אָפּפאָרן כאָטש אויף אַ צייט אַ היים, צו איינאָרדנען ווי־נישט־איז די בני־בית...

די יונגע־לייט האָבן געמיינט צו פליען נאָכן צדיק. זייערע פליגלען זענען אָבער אונטערגעהאַקט געוואָרן. עס ציט זיי אָן אויפהער אין דער הויך; ס׳זענען אָבער קיין קרעפטן נישטאָ. מען קאָן נישט אַריבערטראָגן דעם צער פון אייגענע און אַליין איז מען אויך וויסט און עלנד. מען הערט פון ערגעץ נישט קיין טרייסט־וואָרט. מען ווערט צעריסן פון אינערלעכע ספיקות און נישטאָ קיין אויסגאַנג. ר׳ מענדלס הימלען זענען הויך, און דער מענטש איז עפר ואפר.

דאַן זענען צו־הילף פון אָט די אינערלעך געפייניקטע יונגעלייט געקומען דריי גרעסטע חסידים, וואָס זענען שפּעטער אַליין געוואָרן גרויסע רביים: א) ר׳ יצחק ווורקער, ב) ר׳ יצחק מאיר (דער „חדושי הרי״ם), ג) ר׳ מרדכי יוסף.

ר׳ יצחק ווורקער איז גלייך פון אָנהייב אַוועק אויף אַ גאַנץ אַנדערן דרך. אהבת ישׂראל, האָט ער געטענהט, שטייט העכער פון אַלץ אין דער וועלט. אַרויסהעלפן אַ יידן מיט געלט, מיט אַן עצה און אַפילו מיט אַ קרעכץ, — דאָס דאַרף זיין די ערשטע עבודה פון אַ רבין. מען דאַרף הייבן דעם מוט פון געפאַלענע, מ׳דאַרף

משׂמח זיין די פּאַרטרויערטע, מען דאַרף לעבן מיטן כּלל און נאָר מיטן כּלל. מען טאָר זיך קיין מאָל נישט מרחיק זיין פון כּלל. מען טאָר קיין יידן נישט מדחה זיין. דורך דער גרויסער אמתער דבקות מיטן כּלל־ישׂראל קומט מען אויך צו גרויסער אמתער דבקות מיט השי״ת, און פון אָט דער הייליקער דבקות — צו אמתער שמחה של מצוה.

ר׳ יצחק מאיר האָט אין דער צייט פון קאָצק נאָך נישט אויפגעשטעלט זיין באַזונ־דערע שיטה און געלערנט האָט ער דאַן די יונגע־לייט אין אַלץ און אַלעמען איבערגעבן זיך ר׳ מענדלען וויפל ער זאָל נישט זיין אָפּגעזונדערט און וויפל ער זאָל ניט מדחה זיין זיי, ווייל ער איז אַ מלאך ושׂרף און די העכסטע שטרעבונג פון אַ חסיד דאַרף זיין צו קאָנען שטיין אין דער מחיצה פון אַזאַ איש אלקים.

ר׳ מרדכי יוסף האָט מקרב געווען יונגע־לייט מיטן שטענדיקן זאָגן תּורה פאַר זיי, מדריך זיין זיי, געוווינען זיי צו גיין מיטן אייגענעם וועג. אין זיין לעצטער שטרע־בונג איז ער איינס מיט זיין רבין, מיטן קאָצקער. ער איז אָבער נישט אַזאַ „שׂרף״ ווי דער לעצטער און האַלט, אַז מען קאָן ניט פאָדערן פון יעדן חסידישן יונגער־מאַן ער זאָל קאָנען אַלץ מקריב זיין צוליב דער דערגרייכונג פון שלמות. מען דאַרף מחנך זיין יונגע־לייט, פירן זיי בהדרגה, דערווייטערן זיי אַלץ מער און מער פון זייער ערדיש, זאַמדיק לעבן און — סוף הכּבוד לבוא.

ר׳ מענדל האָט זיך אָבער מיט דעם אַלעמען נישט אָפּגעגעבן. ער איז געגאַנגען פון טאָג צו טאָג צו אַלץ העכערע און ריינערע השׂגות אין הכּרת אלקות, און ער האָט געוואָלט, אַז די חסידישע יונגע־לייט זאָלן גלייך נאָכגיין זיינע טריט. קאָנען זיי צו דעם נישט צוקומען, — ווער בעט זיי צו זיצן אין קאָצק? זאָלן זיי זיך פאָרן אַהיים צו זייערע פרויען און קינדער, האַלטן קרעטשמעס, אָפּדינגען דעם פּאַכט ביים פּריץ, עפּעס קראָמען אָדער אַנדערע געשעפטן, — צו וואָס פאַרדרייען זיי זיך אַ מוח מיט חסידות?

אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ תהום צווישן דעם צדיק, דעם בן־עליה פון איין זייט און פיל חסידים — פון דער צווייטער זייט.

און די צייט שטייט נישט אויף איין אָרט. די פרויען מיט די קינדער שווייגן נישט.

זייער ביטער געוויין קומט אָן קיין קאָצק. קיין פּרנסה איז נישטאָ. אין קאָצק זאָרגט זיך קיינער נישט פאַר דעם. אַוועקגיין פון קאָצק, — ווי פאַרלאָזט מען אַזאַ קוואַל פון חכמה און קדושה? בלייבן — „ואם תאמר מה נאכל".

אָט די אַלערליי איבערלעבענישן פון די חסידישע יונגע־לייט זענען דורך ה' מ. ב. שטיין מייסטערהאַפט געשילדערט אין זיין דראַמע און נאָך מיט מער מייסטערשאַפט איז ביי אים געשילדערט געוואָרן דער עכטער אויסברוך פון דער דראַמע. אויף דעם אָרט פון אַריינצולאָזן זיך אין די פאַרשיידענע מעשיות און אגדות וועגן דעם שאַרפן קאָנפליקט צווישן דעם קאָצקער און זיין תלמיד ר' מרדכי יוסף, די אגדות און מעשיות, וואָס כאַראַקטעריזירן אין אַ געוויסער מאָס די צוויי גרויסע פערזענלעכקייטן, אָבער זיי גיבן קיין באַגריף נישט פון דעם, וואָס די חסידים פון דעם צד און פון יענעם צד האָבן דאַן איבערגעלעבט, האָט דאָ ה' מ. ב. שטיין אַריינגעפירט די פערזאָן תמרל. און אַנשטאָט דעם עראָטישן עלעמענט, וואָס אָפּאַטאָשו האָט דאָ אַריינגעפירט האָט ה' מ. ב. שטיין אַריינגעפירט אַ העכסט אידעישן מאָמענט, און גראָד אָט דער אידעישער מאָמענט שאַפט פון די אין פלוג איינצלנע עפּיזאָדן אַ פולשטענדיקע דראַמע.

ער פירט דאָ אַריין דעם מאָמענט פון נסיון, וועלכער ווייזט אונדז אַרויס פון איין זייט די געשטאַלט פונעם קאָצקער אין איר גאַנצער ריינקייט און גבורה און די געשטאַלט פון די חסידים וואָס שטרעבן צו אַלעם הויכן און צו אַלעם ריינעם און בלייבן דאָך מענטשן, נישט פריי פון מענטשלעכע חפציות.

אין דער צייט פון דער שטאַרקסטער אינערלעכער צעריסנקייט ביי די חסידישע יונגע־לייט, די בענקשאַפט נאָך דער היים און די דאַגת הפּרנסה, וואָס עסט זיי אויף, פאָרט אַריין אין קאָצק תמרל, די גרויסע גבירה, וואָס האָט געשטיצט אַלע פוילישע רביים און חסידים און האָט בכלל זייער פיל צדקה געגעבן און ברענגט מיט זיך אַ זעקל געלט צו צעטיילן צווישן די חסידים.

די חסידישע יונגע־לייט אין קאָצק מיינען: מיר זענען שוין געהאָלפן. אַנדערש דענקט אָבער ר' מענדל. ווען תמרל קומט אַריין מיטן געלט באַגעגנט זי דער רבי מיט אַזאַ ברוך הבא: „געלט? געלט?! דעם יצר הרע האָסטו מיר אין שטוב אַריינ־

געבראַכט? צו מיר האָסטו געלט געבראַכט? וואָס מיר אַרבעטן יאָרן ווילסטו אין איין מינוט קאַליע מאַכן?"

דאָ גייט אַוועק אַ ליידנשאַפטלעכע אַמפּעריי צווישן דעם קאָצקער און ר' מרדכי יוספן. ר' מרדכי יוסף הייסט יאָ נעמען דאָס געלט. פאַרשטייט זיך, אַז פיל חסידים, וואָס דערמאָנען זיך אָן זייערע פרויען און קינדער אין דער היים גיבן אים גערעכט. ענדלעך נעמט דער רבי דאָס זעקל געלט, צעשיט עס אויף דער פאָדלאָגע און שרייט אויס: „ווערט פאַרשׂרפהט! ווער עס וויל זאָל נעמען!"...

ר' מרדכי יוסף בייגט זיך איין דער ערשטער און הייבט אויף אַ מטבע. אַנדערע חסידים גייען מיט אימפּעט קלייבן. די חסידים גייען נאָך ר' מרדכי יוספן און דער קאָצקער זאָגט צו אים:

„נעם זיי, גיי מיט זיי, דאָרט ווו עס איז דאָ בלאָטע קאָנען זיך האַלטן ווערעם, ביי מיר קאָנען נאָר גרויסע יידן זיין, יידן וואָס דער צער פון דער וועלט פרעסט זיי די הערצער אויף, און גלות השכינה לאָזט זיי קיין רגע נישט רוען. פאַר הינט וואָס קאָנען זיך פון די נאָרעס ניט אָפּרייסן, איז ביי מיר קיין אָרט נישטאָ".

און אויף דעם אַדרעס פון זיין געוועזענעם תּלמיד זאָגט ער: „ס'איז דאָ אַזוי פיל פּורים־שפּילער וועט זיין נאָך איינער. גיי מיט זיי!"

(„דער מאָמענט", 3.4.1926)

# ערד און הימל

## דראמע פון חסידישן לעבן אין דריי אקטן

## פערזאָנען:

ר׳ מענדל קאָצקער — אין צווייטן און דריטן אַקט דער רבי
ר׳ אברהם משהלה פשיסכער — ר׳ בונמל פשיסכערס זון
ר׳ יצחק וואָרקער
מרדכי יוסף איזשביצער
איטשע מאיר וואַרשאָווער
בנימין לובלינר
הירש טאָמאַשאָווער
יידל משמש
אַרענדאַר
הירש בער, משה קלמן — אַלטע חסידים
ערשטער חסיד
צווייטער חסיד
דריטער חסיד
חיים ברוך, שלמה סאָמפּאָלנער — שאַרפע יונגעלייט
חיים — שלמהס שווער
אַלטע רביצן
דבורהלה — שלמהס ווייב
טעמערל — אַ רייכע חסידיסטע
כאַסקעלע וואַסער טרעגער
חסידים, פשיסכער חסידים, יונגעלייט, יידענעס, המון.

ערשטער אַקט — אין פשיסכע נאָך דער שבעה פון ר׳ בונמל פשיסכער

צווייטער אַקט — אין טאָמאַשאָוו ווו דער קאָצקער האָט געפירט די ערשטע צייט

דריטער אַקט — אין קאָצק.

## ערשטער אקט

אַ גרויסער בית־המדרש, פינצטערלעך, אויפן עמוד צאַנקען צוויי ליכטלעך. דער ארון־קודש — אָן אַ פרוכת.

בין־השמשות, גאָך מנחה. חסידים דרייען זיך אַרום פאַרמרה־שחורהט, זיפצן. די, וועלכע האָבן מנחה פאַרשפעטיקט, קומען אַריין איילנדיק, וואַשן זיך די הענטביים פאַס וואַסער, וואָס שטייט ביי דער טיר. שטעלן זיך דאַוונען מנחה.

מרדכי יוסף דרייט זיך אַרום פאַרמוחט, דעם קאַשקעט פאַרשאַרצט, רייניקט מעכאַניש די ליולקע־ציבעך. בנימין לובלינער, שטייט אָנגעלענט ביים עמוד, קוקט פאַרטרויערט אויף די צאַנקענדיקע ליכטלעך אין דער ששה־נרות.

**בנימין** (דרייט זיך אויס, מרדכי יוסף גייט אַדורך)

מרדכי יוסף, וואָס זאָגסטו?

**מרדכי יוסף** (שטעלט זיך אָפּ)

האַ?..

**בנימין**

איז דיר איינגעפאַלן אַ ספק, אַז ער זכרונו לברכה וועט נישט ברענגען משיחן?

**מרדכי יוסף**

דער אמתער צדיק הדור איז משיח.

**בנימין**

אָבער משיח בן דוד, משיח בן דוד ממש?

**מרדכי יוסף**

אין יעדן פון אונדז איז דאָ אַ פונק משיח בן דוד. דער צדיק הדור, וואָס איז גרעסער פון אונדז, האָט מער חלק משיח. זענען זיך אונדזערע אַלע חלקים מתדבק אין צדיק, ווערט דערפון אַ משיח, וואָס איז בכח די וועלט אויסצולייזן.

**בנימין** (קרעכצט)

דער צדיק הדור האָט אונדז אין מיטן דער מלחמה איבערגעלאָזט אויף הפקר?

**מרדכי יוסף**

וואָס עפּעס הפקר? דו אַליין ווו ביסט? די אייגענע כוחות ווו זענען?

**בנימין**

וואָס קאָן דען אַ מענטש, אַן עפר ואפר, אַ ביסעלע מיסט און אַש, אַליין אויפטאָן? מיטן גאַנצן כלל צוזאַמען קאָן מען אויך צו עפּעס קומען, אָבער אַליין — וואָס? וואָס?

(עס ווערט פינצטערער)

**מרדכי יוסף**

ער זכרונו לברכה האָט געזאָגט? אַ מענטש מוז האָבן צוויי קעשענעס. אין איינער: צוליב מיר איז די גאַנצע וועלט באַשאַפן געוואָרן; אין דער צווייטער קעשענע: אנכי עפר ואפר. מיט בלויז עפר ואפר — בלייבט מען אַן עפר ואפר.

**בנימין**

משטיינס געזאָגט, אַ מענטש, אַ צעבראָכענער שאַרבן, נעבעך, וואָס? מיט וואָס איז זיך דאָ גרויס צו האַלטן? איז מען זיך מבטל צום כלל, מ׳האָט ליב אַ ייד בלב ונפש, האָט דער רבונו של עולם אויך רחמנות.

**מרדכי יוסף**

יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך, האָט זיין אייגענעם רצון, זיין אייגענע תשוקה, זיין אור. ווערן דורכן צדיק אַלע אורות מתדבק, ווערט אַ פייער וואָס פאַרלייכט די וועלט, אָבער אָן יעדנס אמונה אין זיך אַליין, אַז ער איז בכוח די ש״י עולמות מתקן צו זיין, קאָן מען גאָרנישט מאַכן.

בנימין

געהאָלפן קאָן מען דעמאָלט ווערן, אַז יעדערער וועט אין גאַנצן אַוועקלייגן זיין רצון, ער וועט בטל ווערן בתכלית צום כלל, צום רבים.

מרדכי יוסף

לייגט יעדער צו אַן אייגענעם פונק צום פייער, ווערט דערפון אַ העליש פייער, אַז מען קומט אָבער מיט ליידיקע הענט, ווי אַזוי וועט זיך דאָס פייער צעפלאַקערן?

בנימין (חסידים קומען צו, הערן אויפמערקזאַם)

דער צדיק הדור וואָס איז אַלע מעלה, מאַכט פון אַלעמענס ביטול אַ כתר צו הקדוש ברוך הוא.

מרדכי יוסף

אַז דער צדיק זאָל קאָנען מאַכן אַ קרוין, מוז ער האָבן אויסגעאַרבעטע, אויסגעשליפענע מענטשן. פון בלאָטע מאַכט מען גאָרנישט!

בנימין

ווער שמועסט בלאָטע? בלאָטע... רחמנא ליצלן.

מרדכי יוסף

אַז מען גלייבט נישט אין זיך אַליין, אין די אייגענע כוחות, קאָן מען אַ סך ווייטער נישט קומען.

ערשטער חסיד

מען דרייט זיך אַרום ווי אָרעמע שאָף אָן אַ פּאַסטעך, נישטאָ ווער ס'זאָל אַ גוט וואָרט זאָגן. וואָס וועט זיין?..

בנימין

ס'איז אַ חשכות, רחמנא ליצלן...

מרדכי יוסף

עצבות גאָר?! מרה שחורה?!

צווייטער חסיד

אדרבה, זאָג עפּעס אַן עצה, מען זאָל זיך קאָנען אַן אָרט געפינען.

מרדכי יוסף

צו דעם האָט איר אַזוי לאַנג דעם רבין זכרונו לברכהס קליאַמקעס אָפּגעקוועטשט, איר זאָלט זיך שוין אַליין קיין דריי אַפילו נישט קאָנען געבן?

בנימין

זייט דער פּטירה קאָן איך קיין יידיש ספר אין דער האַנט נישט נעמען, דער מח — ווי אָפּגעשטאָרבן, דאָס האַרץ — ווי פאַרגרעבט, רחמנא ליצלן.

מרדכי יוסף

צווישן איין טאָג און צווייטן מוז זיין נאַכט.

בנימין

מ׳האָט געלערנט, געדאַוונט, מ׳האָט בחוש געזען: ס׳ווערט וואָס אַמאָל ליכטיקער, אָט קומט דאָס גרויסע ליכט פון ששת ימי בראשית... מיט אַמאָל — אַזאַ פינצטערניש, אַן אימה, רחמנא ליצלן...

ערשטער חסיד

מ׳ווייסט גאָרנישט, צי מ׳לעבט אויף דער וועלט...

צווייטער חסיד

מען מוז זיך אַליין שטאַרקן, אַליין אַלע מניעות גובר זיין. אַ קונץ זיך צוצוהאַלטן ביים רבינס פאָלע?!

אַרענדאַר

(אַ ברייט ביינערדיקער ייד אין אַ פויערישער סערמענגע, מיט גרויסע שטיוול, קומט אַריין).

איר זענט דאָך עפּעס חסידים, גיט מיר אַן עצה, כ׳דאַרף געהאָלפן

ווערן. צו וועמען זאָל איך גיין? פאַר וועמען מיין ביטער האַרץ אויסרעדן?

חסידים (קרעכצן)

וואָס ווייסן מיר?.. וואָס קאָנען מיר העלפן?..

אַרענדאַר

שוין דריי טעג ווי כ׳וואַלגער מיך דאָ אַרום, צו וועמען כ׳גיי צו אַן עצה פרעגן, ענטפערט ער מיר גאָרנישט, דערווייל וועט מיך דער שררה אַרויסוואַרפן פון דער קרעטשמע. ווו וועל איך מיך אַהינטאָן? מיט ווייב און קינדער? (וויינט). גיט מיר אַן עצה...

ערשטער חסיד

וואָס ווייסן מיר?.. וואָס קאָנען מיר העלפן?..

בנימין

דאָס האַרץ ווערט צעשניטן צוקוקנדיק, ווי אַ ייד איז אין אַן עת־צרה, און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל אים העלפן, כאָטש אַ גוט וואָרט זאָגן.

צווייטער חסיד

פאַרוואָס מאַכט מען קיין רבין נישט? יידן זענען אין אַן עת־צרה, דאַרפן געהאָלפן ווערן...

מרדכי יוסף

עצה־רביס פעלן נישט!

(גייט אַוועק)

אַרענדאַר

איר זענט דאָך יידן, איר האָט דאָך גאָט אין האַרצן. זאָגט וואָס זאָל איך טאָן?

בנימין

אַ ייד מוז זיך פאַרלאָזן אויפן רבונו של עולם, ער וועט אַוודאי העלפן.

ארענדאר

איך דאַרף שוין אַן עצה. אַז דער שררה וועט מיך אַרויסוואַרפן, ווו וועל איך מיך דערנאָך אַהינטאָן? ווו וועל איך גיין?

בנימין (קלאַפּט אים אין דער פּלייצע)

זאָרג נישט! מיר האָבן אַ גרויסן, גוטן גאָט. זאָרג נישט!

ערשטער חסיד

יידן דרייען זיך אַרום אָן אַ רבין, פאַרוואָס מאַכט מען קיין רבין נישט?

צווייטער חסיד

אַזוי פיל תלמידים געבליבן, וואָס זענען ראוי רביס צו זיין, אויף וועמען וואַרט מען?

ערשטער חסיד

אַ זון געבליבן, ר׳ אברהם משהלע, וואָס די וועלט צאַצקעט זיך מיט אים. פאַר וואָס וואַרט מען?

בנימין

ער זיצט פאַרשלאָסן, לאָזט קיינעם נישט אַריין צו זיך, צו דער לוויה אַפילו נישט אַרויסגעגאַנגען.

ערשטער חסיד

לאָמיר אַריינגיין, צו די פיס פאַלן, וועט ער רחמנות קריגן.

בנימין

ר׳ מענדל אויך נישטאָ...

(יידל משמש קומט אַריין)

ערשטער חסיד

יידל, דו דאַרפסט דאָך וויסן: אויף וועמען וואַרט מען? פאַרוואָס מאַכט מען קיין רבין נישט?

יידל משמש

כל זמן ר׳ מענדל וועט נישט זיין, קאָן מען גאָרנישט טאָן.

בנימין

יידן דרייען זיך אַרום, ווי אויפן עולם התוהו, חולאים גייען אויס רחמנא ליצלן, נישטאָ ווער עס זאָל אַ קוויטל אָפּצוגעבן. מ׳איז אַ ייד מקפח פרנסה, נישטאָ וועמען אַן עצה צו פרעגן... ס׳האַרץ פּלאַצט פאַר צער.

יידל משמש

ר׳ מענדל וועט אַוודאי נאָך היינט קומען. נעכטן זענען שוין געווען דודלס לעצטע שבע־ברכות. אין מיטן בכורס חתונה האָט ער געזאָלט אַוועקפאָרן? מען שמועסט, ער וועט היינט נאָך זיכער קומען.

אַרענדאַר

וואָס זאָל איך טאָן? וואָס טוט מען, וואָס?

יידל משמש

וואָס איז?

ערשטער חסיד

ער איז אין אַן עת־צרה, ער דאַרף האָבן אַ ישועה.

יידל משמש

זעץ דיך אַנידער און וואַרט. מיטן רבונו־של־עולמס הילף וועט נאָך היינט זיין אַ רבי, וועט ער דיר אַן עצה געבן.

אַרענדאַר

אַזוי? נאָך היינט זאָגט איר?

יידל משמש

מיט דער הילף פון רבונו של עולם אַוודאי נאָך היינט.

אַרענדאַר

הלוואי...

(זעצט זיך אַוועק אין אַ זייט)

יידל משמש

דאַכט זיך, צייט דעם לאָמפּ אָנצוצינדן, האַ?

(נעמט אַראָפּ דעם לאָמפּ, ברומט צו אַ ניגונדל, לייגט צוזאַמען אַ שטיקל פּאַפּיר, צינדט עס אָן ביי די ליכטלעך פון די ששה־נרות, צינדט אָן דעם לאָמפּ; ס׳דערברענט זיך נישט)

דער לאָמפּ אַפילו צינדט זיך אויך נישט אָן ווי אַמאָל. אַז ער זכרונו לברכה האָט געלעבט, צו וואָס מען האָט זיך צוגערירט — אַ לעבן... אַ חיות...

ערשטער חסיד

מ׳האָט געהאַט אַ תשוקה אַ ייד צו זיין, אַ מצוה צו טאָן.

יידל משמש

בין איך דען אַ לאָמפּן־צינדער?..

(חסידים קרעכצן. ער צינדט אַזוי לאַנג ביז ס׳דערברענט זיך)

(מרדכי יוסף גייט אַ דורך)

בנימין

מרדכי יוסף, מ׳שמועסט אַז ר׳ מענדל זאָל נאָך היינט קומען.

מרדכי יוסף (בלייבט שטיין)

אַזוי?!

בנימין

ער האָט נעבעך געהאַט אַ פאַרשטערטע שׂימחה.

מרדכי יוסף

שייך צו זאָגן ביי ר׳ מענדלען אַ פאַרשטערטע שׂימחה. אַ מלאך אלהים!

ערשטער חסיד

ר׳ מענדלען גייט עפּעס אָן? קוקט זיך אַפילו אויף קיינעם נישט אום.

צווייטער חסיד

שטענדיק אַזוי בייז...

מרדכי יוסף

שוטים שבעולם! דער, וואָס קאָן די וועלט, קאָן זי אַדורך און אַדורך און ווייסט ווי מיאוס זי איז — דער קאָן זיין איר גואל.

ערשטער חסיד

מיר ווילן אַ רבין, מ׳זאָל קאָנען פאַר אים ס׳האַרץ אויסגיסן. ער זאָל וועלן און קאָנען אונדז פאַרשטיין.

מרדכי יוסף

אַ רבי, וואָס פאַרשטייט זיך אַליין, וואָס האָט קיין שום ספקות נישט, אַן אדם שלם — דער קאָן יענעם פאַרשטיין, קאָן וויסן וואָס אים פעלט.

בנימין

כ׳געדענק, ס׳איז שוין אַ מעשה פון שיינע יאָרן, בין איך ביים פענצטער געשטאַנען, ווי ר׳ אַברהם משהלע האָט המבדיל געשפילט. די קולות האָבן זיך אין אַלע אברים צעשפרייט, אַלע מצפוניות געעפנט, כ׳האָב אָנגעהויבן וויינען, באָכן טרערן האָבן זיך געגאָסן. הלוואי, רבונו של עולם, זאָל איך היינט זוכה זיין צו אַזאַ הרהור תשובה...

מרדכי יוסף

וויינען?! וויינען קאָן אַ קינד אויך.

בנימין

די תפילה מיט טרערן יאָגט אַלע מקטריגים אַוועק...

ערשטער חסיד

די טויערן פון טרערן זענען קיין מאָל נישט פאַרשלאָסן...

מרדכי יוסף

אַ צדיק הדור מוז אויפעפענען פרישע טויערן, אויסהאַקן נייע וועגן, וואָס די סטרא אחרא ווייסט נישט פון זיי, קאָן זיי נאָך נישט.

**בנימין**

דורך טרערן קאָן מען דאָך ערשט קומען צו דער אמתער תשובה, צו דער אמתער צעבראָכנקייט ?..

**מרדכי יוסף**

תשובה ? ! ס׳דאַרף אַזוי ליכטיק זיין, מ׳זאָל צו קיין חטא נישט קאָנען קומען, ס׳זאָל אַפילו נישט תופס מקום זיין.

**ערשטער חסיד**

אָן תשובה ? ווי אַזוי וועט מען דאָס קאָנען אויסהאַלטן ?..

**בנימין**

במקום שבעלי תשובה עומדים, שם צדיקים גמורים אינן יכולים לעמוד...

**מרדכי יוסף**

האָט ער זכרונו לברכה שוין לאַנג געזאָגט : ווייל צדיקים קאָנען דעם אַויר פון די בעלי־תשובה נישט סובל זיין.

**צווייטער חסיד**

מיר דאַרפן, מען זאָל אונדז פירן, לערנען, מיט ליבע, מיט מסירת הנפש...

(צוויי יונגעלייט קומען אַריינצולויפן)

**יונגעלייט**

ר׳ מענדל איז געקומען ;

(ס׳ווערט אַ געמורמל : ר׳ מענדל... ר׳ מענדל... יידל משמש לויפט שנעל אַרויס, קומט באַלד צוריק. חסידים לויפן צו צום פאַס זיך וואַשן די הענט. אַ געלויף פון אַלע זייטן. עס קומט אַריין ר׳ מענדל, אַ מיטלוווקסיקער, מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, זייער לאַנגע ברעמען, פון הינטער זיי שטראַלט אַרויס אַ פייערדיקער דורכדרינגענדיקער בליק, אים באַגלייט הירש טאָמאַשאָווער. חסידים לויפן צו שלום געבן).

ר׳ מענדל

וואָס איז ס׳בייזע געלויף אויף אייך?!

(חסידים ציען זיך דערשראָקן צוריק. מרדכי יוסף פאַרריכט זיך געלאָסן די יאַרמלקע און דעם גאַרטל, גייט צו ר׳ מענדלען צו).

מרדכי יוסף

שלום עליכם!

ר׳ מענדל

עליכם שלום! וואָס מאַכסטו, מרדכי יוסף? ביסט שוין עפּעס אַ מענטש?

(מרדכי יוסף ענטפערט נישט)

וואָס שטייסטו אַזוי אָנגעדראָלעט?

מרדכי יוסף

כ׳וויל זיין אַ מענטש...

ר׳ מענדל

אַז מען האָט רצון, איז גוט. מ׳מוז אָבער אַזוי שטאַרק וועלן, ס׳זאָל קיין האָר אַפילו נישט זיין, וואָס וויל נישט.

בנימין

(גייט צו פּאַמעלעך, גיט שלום)

ר׳ מענדל

בנימין, ווי האַלטסטו עפּעס אין דער וועלט?

בנימין

גאָר פון פאָרנט...

ר׳ מענדל

דו האַלטסט נאָך אַלץ ביים תהילימל, האַ?

(דרייט זיך אַרויף און אַראָפּ, פּיפּקעט די ליולקע־ציבעך. אַלע שטייען אַרום, קוקן נאָך מיט יראת־הכבוד)

יונגעלייט (צווישן זיך)

אַז מען קומט שוין צו אַזאַ מדרגה, פעלט שוין גאָרנישט.

ר׳ יצחק (קומט אַריין. גייט צו ר׳ מענדלען צו)

שלום עליכם!

(דריקט אים שטאַרק די האַנט)

ר׳ מענדל

עליכם שלום! וואָס מאכסטו?

ר׳ יצחק

וואָס קאָן מען מאַכן נאָך אַזאַ נחת? שוין דריי מאָל איבערגעקנאָטן געוואָרן, גיי אויף דער עלטער אויפסניי אין חדר אַריין.

אַרענדאַר (לויפט צו צו ר׳ מענדלען)

העלפט מיר, כ׳דאַרף געהאָלפן ווערן, דער שררה וויל מיך אַרויס־וואַרפן.

ר׳ מענדל

וואָס ווילסטו פון מיר?

אַרענדאַר

איר זאָלט מיר אַ ברכה געבן, אַן עצה זאָגן...

ר׳ מענדל

פערד איינער! וואָס, האָב איך דען פולע טאַשן מיט עצות?

אַרענדאַר (דערשראָקן)

ווער דען? ווו זאָל איך גיין?..

ר׳ מענדל

וואָס האָסטו דיך עפּעס אָנגעטשעפּעט אָן מיר? גיי!

ר׳ יצחק

גיי זעץ דיך אַנידער... (ווייזט אָן דעם אַרענדאַר אַ באַנק) זעץ דיך

אַנידער און וואַרט אַ ביסל. (פויזע)
אַ דאָרפסמאַן אין אַן עת־צרה, נעבעך...

יידל משמש (לויפט צו)
כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָלסט זיצן! זעץ דיך אַנידער און זיי שטיל!
(נעמט אים אָן ביי דער האַנט, פירט אים צו צו דער באַנק)

אַרענדאַר
ווי לאַנג וועל איך זיצן?

יידל משמש
וועסט שוין זען...

ר׳ יצחק (צו ר׳ מענדלען)
ווי איז דיר עפּעס אַדורכגעגאַנגען די חתונה?

ר׳ מענדל
מ׳האָט תמיד אַ גרויסע, גרויסע חתונה.

ר׳ יצחק
ביסט צופרידן? האָט דיין דודל גוט געטראָפן?..

ר׳ מענדל
שייך צו זאָגן צופרידן? אַ שטוב, ווי אַלע שטובן, אַ מחותן ווי אַלע מחותנים — ווער האָט עס אין זינען? יחידים גאָר אין זינען האָבן?

ר׳ יצחק
יעדער ייד איז אַ ליכטיקער שטערן אין דער קרוין פון הקדוש־ברוך־הוא. אַז מען האָט אין זינען אַרויסצוהעלפן יעדן יחיד פון זיינע צרות, קומט מען צו אהבת ישראל.

ר׳ מענדל
האָט מען באמת ליב אַ ייד, מוז מען זען, ער זאָל זיין גרויס, מען מוז אים ביי די קודלעס פון בעט אַרויסשלעפן און אַריינשרייען: שמע ישראל!..

ר׳ יצחק

מיט בייזן — חס ושלום. מיט בייזן מאַכט מען גאָרנישט. דורך אהבה באַהעפט זיך איינער מיטן צווייטן און ס׳ווערט אַ רבים. שטייט איינער אָפּ, שטופּט אים דער צווייטער אונטער; נאָר אַ כלל איז בכח עפּעס אויפצוטאָן.

ר׳ מענדל

איז יעדער איינציקער גרויס, שאַפט זיך אַן עדה קדושה; אַ סך גאָרנישטן זענען נישט מער ווי איין גאָרנישט.

ר׳ יצחק

אַ ייד, אַז ער קומט אַריין צווישן אַן עדה יידן, האָט ער אַפילו נישט זיינע אייגענע השגות, רייסט אים די עדה מיט.

ר׳ מענדל

וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס, אַז יענער שטופּט? יעדעס מינדסטע אברל דאַרף זיין אַדורכגעזאַפּט מיט הכרת הבורא, ס׳זאָל פון זיך אַליין אַרויסשרייען: ד׳ אלוהינו, ד׳ אחד!

ר׳ יצחק

אַז דער כלל שרייט, איז עס העכער, געוואַלדיקער.

ר׳ מענדל

מען ווערט נאָר לפנים מיטגעריסן מיטן כלל. האָט מען נישט אַליין אַדורכגעמאַכט די גאַנצע חבלי משיח, זענען נישט די יסורים גע־ווען עד דכדוכה של נפש — האָט עס קיין ווערט נישט: ס׳איז נישט אמת!

ר׳ יצחק

אַז אַלע האָבן איין ווילן, איין תשוקה, זענען זיי בכח דאָס שלעכטס מיטן וואָרצל אויסצורייסן.

ר׳ מענדל

אויסרייסן דאָס שלעכטס קאָן נאָר דער גאָרער, גאָרער אמת. איז די תשוקה נישט יומם ולילה, נאָר אין רגעס פון התרוממות ווען אַלע זענען צוזאַמען, איז עס קיין תשוקה נישט.

ר׳ יצחק

קאָן דען אַ בשר ודם זיין שטענדיק ביי די הויכע מדרגות?

ר׳ מענדל

די, וואָס זענען נאָר אין יום כפור יידן, זענען קיין יידן נישט. יעדע רגע איז אַ יום כפור!

ר׳ יצחק

אַז ער קאָן נעבעך דאָך נישט, וואָס זאָל ער טאָן? ביי אַזעלכע טרדות פרנסה וואָס אַ ייד טוט, איז גוט.

ר׳ מענדל

שפּילן זיך? יוצא זיין? אין גאַנצן — אָדער גאָרנישט!

ר׳ יצחק

אַ ייד ווערט נעבעך ס׳גאַנצע לעבן פאַרשוואַרצט, קומט צו אַ גוטן יידן צו פאָרן, וויל זיך מיטן כלל מתדבק זיין, אַ יידיש וואָרט הערן — דאָס הייסט ביי דיר יוצא געוועזן?

ר׳ מענדל

ער קומט דאָך נאָר צום גוטן יידן ער זאָל שוין קיין אמתן קרעכץ אויך נישט דאַרפן געבן, האָבן יוצא געוועזן פאַר דער נשמה אויך, און מיט אַ לייכט האַרץ אַ היימפאָרן.

ר׳ יצחק

מענדל! רעד נישט אויף קיין יידן! מען דאַרף אויף זיי מלמד זכות זיין, נישט קיין קטיגור זיין, חס ושלום.

ר׳ מענדל

מיט אייערע זכותים, קענט איר זיי נאָר פאַרשלעפּערן. גענוג געשלאָפן! איצט מוז מען די וועלט אויסלייזן!

(פויזע)

ר׳ יצחק

ווילסט דווקא זיין אַ קטיגור? מילא, וואָס קאָן מען העלפן? איך קאָן נישט, כ׳האָב ליב יידן. גוטע יידן, ווילע יידן, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ.

ר׳ מענדל

דאָס איז דער „גוי אחד״? שנאָרערס! אייגנס פאַרמאָגט מען גאָר־נישט, נאָר מען קומט צום גוטן יידן נאָך אַ טובהלע, אַ ישועהלע אויסבעטלען.

חסידים

אוי לאזנים שכך שומעות...

ר׳ יצחק

שרעק נישט אָפּ קיין יידן! זיי וועלן אין גאַנצן אַנטלויפן, אין גאַנצן אין עולם הזה דערטרונקען ווערן. אַ רחמנות, נעבעך.

ר׳ מענדל

די תורה איז געגעבן געוואָרן בקולות וברקים, דער וואָס וויל מקבל זיין אויף זיך דעם עול תורה, מוז אויף אַלעם זיין גרייט, אָקסן דאַרפן מיר נישט!

(ס׳דערהערט זיך אַ פידל שפּילן, ר׳ יצחק בלייבט שטיין ווי פאַרגליווערט, כאַפּט אויף יעדע תנועה. ר׳ מענדל שטופּט אָן די ליולקע־ציבעך מיט טוטין. חסידים לויפן צו די פענצטער צו)

בנימין

(ווי פאַרהיפּנאָטיזירט)

וואָלקנס צעשווימען, הימלען שפּאַלטן זיך, זונען פילן אָן די וועלט...

אַלע, אַלע, צוזאַמענגעשמאָלצן ווערן מיר אין איין שטראַלנדיקער זון... לייכטן מיר, וואַרעמען מיר. הערצער פאַרטריקנטע, ביינער פאַרדאַרטע... (פויזע) תחית־המתימדיקע זענען מיר... תחית־המתימ־דיקע זענען מיר... (דאָס שפּילן הערט אויף)

ר׳ מענדל

כלי־זמרים?! כלי־זמרים האָב איך אין דער היים אויך!..

ערשטער חסיד

אבלים זענען מיר, וויל ער דאָס חשכות פאַרטרייבן, די מרה־שחורה פאַריאָגן.

צווייטער חסיד

וויל ער אונדז די הערצער דערקוויקן, מען זאָל ווייטער קאָנען גאָט דינען.

יונגעלייט

אַ גוט וואָרט, אַן אמת וואָרט, זאָל מען הערן.

חסידים

שטילער, שניעקעס!

ר׳ מענדל

מיט ליגנט? נאָכן שפּילן, ווייטער די זעלבע ווי געוועזן?! אַ רגע מלאכים, אַ רגע שנאָרערס?! אמת דאַרפן מיר!

ר׳ יצחק

מיר האָבן ליב די וועלט, מיר טראָגן איר צער — ווייזן מיר איר די הימלען.

ר׳ מענדל

נישט גענוג ווייזן, מען מוז זיי אין הימל אַריינפירן, דאָרט קאָנען אָבער נאָר מלאכים זיין — מוז מען זיי פאַר מלאכים מאַכן.

חסידים

ווי אַזוי?.. ווי אַזוי?..

(ר׳ אברהם משהלע קומט אַריין. בלייבט שטיין ביי דער טיר, אומבאַמערקט).

ר׳ מענדל

אַוועקוואַרפן די וועלט! פאַרטרייבן ווייב און קינד! טאָג און נאַכט, שטענדיק און אייביק צום הימל בענקען. וועט זיין אמת די תשוקה, אמת דאָס התלהבות!

ערשטער חסיד

וואָס וועט זיין מיט אונדזערע ווייבער און קינדער?

צווייטער חסיד

ווער וועט אונדזערע קינדער מדריך זיין?

אַ טייל חסידים

פון וואַנען וועלן מיר פרנסה נעמען?

אַנדערע חסידים

ווער וועט מיט אונדזערע קראַנקע אומגיין?

ר׳ מענדל

ווען דער שקר איז טייערער פאַרן אמת, זאָל זיך נישט פּלאָנטערן צווישן די פיס. אַהיים!

ערשטער חסיד

אַהיים? אָן אַ רבין? ווער וועט אונדזערע הערצער דערפרייען?

צווייטער חסיד

ווער וועט אונדז אויף הצלחה בענטשן?

אַ טייל חסידים

ווער וועט אונדז פרנסה אויסבעטן?

אַנדערע חסידים

ווער וועט אונדזערע קראַנקע היילן?

ר׳ מענדל

ווילט איר פרנסה־ווערעם בלייבן, גייט צו אַלדע שוואַרצע יאָר!

חסידים

ער שעלט...

בנימין

האָט נישט קיין מורא. מיר האָבן ווער עס זאָל אויף אונדז מגין זיין.

ר׳ אַברהם משהלע (מיט אויפגעהויבענע הענט)

אַ ייד האָט קיין פרנסה נישט, דאַרף מען תפילה טאָן, אַ ייד האָט אַ חולה, מוז מען אַ גוט וואָרט זאָגן. ער האָט קיין קינדער נישט, דאַרף מען האָפענונגען איינפלאַנצן. אַז מען דערהאַלט ביים לעבן איין יידן — ווי מען דערהאַלט אַ גאַנצע וועלט. מענדל! דיין דרך וועט נישט ראַטעווען די וועלט, נאָר חרוב מאַכן די וועלט.

חסידים

ער רעדט ווי אַן אמתער צדיק...

ר׳ מענדל

אַ וועלט אַן אמתע, אַן אויסגעלייזטע — אָדער אַ מדבר זאָל זיין!..

יונגעלייט (צו ר׳ מענדלען)

פירט אונדז אין די וויסטע מדבריות אַריין, טאָג און נאַכט וועלן מיר לעבן אייך זיין. לערנט אונדז, דעם אמתן וועג צו גאָט.

מרדכי יוסף (צו ר׳ מענדלען)

מיר גאַרן נאָך אַ ניי וואָרט, נאָך אַן אמת וואָרט, וואָס זאָל דעם הימל קאָנען אַדורכלעכערן.

ר׳ יצחק

ר׳ אַברהם משהלע, דער זון פון רבין זכרונו לברכה, מיט אַ האַרץ,

וואָס ווייטיקט פאַרן כלל ישראל, וואָס דערציטערט פון אַ יידנס אַ קרעכץ, זאָל רבי ווערן!

ערשטער חסיד

ר׳ אַברהם משהלע זאָל רבי זיין! אַ צדיק בן צדיק, זיין תּפילה וועט גיכער דערהערט ווערן. אַ שפע פון פרנסה וועט ער אַראָפּברענגען אויף דער וועלט.

צווייטער חסיד

אַ צדיק בן צדיק, אַ שפע פון פרנסה וועט זיין, מען וועט ערשט וויסן, אַז מען לעבט אויף דער וועלט.

חסידים

פרנסה וועט זיין!.. פרנסה וועט זיין!..

מרדכי יוסף (איראָניש)

דער עיקר: אַ בן צדיק מיט פרנסה!..

בנימין (ווייזט אויף ר׳ אַברהם משהלען)

ער איז אונדזער רבי, ער איז אונדזער מנהיג, ער קאָן די הימלען עפענען, דאָס חשכות פאַרטרייבן, די מרה־שחורה פאַריאָגן. תחית המתים וועלן מיר האָבן... תחית המתים וועלן מיר האָבן...

הירש (צו ר׳ מענדלען)

פירט אונדז אין די הימלען אַריין, מלאכים ווילן מיר זיין! שׂרפים ווילן מיר זיין!

יונגעלייט

מלאכים ווילן מיר זיין! שׂרפים ווילן מיר זיין! גאָט ווילן מיר דינען!

ר׳ יצחק (צו ר׳ אַברהם משהלען)

מזל טוב, רבי!

חסידים

מזל טוב, הייליקער צדיק! ס׳זאָל זיין צו מזל און הצלחה פאַרן גאַנצן כלל ישראל...

(אַרענדאַר וויל צולויפן צו ר׳ אַברהם משהלען).

יידל משמש (שטופט אים אָפּ)

שפּעטער, איצט נאָך נישט...

ר׳ אַברהם משהלע

וואָס ווילט איר פון מיר? זאָל יצחק רבי זיין, ער איז מער ראוי דערצו, ווי איך.

בנימין

מיר קאָנען אָן אייך נישט לעבן, איר קאָנט אונדז די הימלען עפענען, די הערצער צו תשובה אויפשליסן.

חסידים

זייט אונדזער רבי! זייט אונדזער מנהיג!

ערשטער חסיד

דער זכות פון טאַטן זכותו יגן עלינו וועט מסייע זיין...

ר׳ אַברהם משהלע

וואָס ווילט איר פון מיר? כ׳בין אַ צעבראָכענער שאַרבן, זאָל מענדל רבי זיין...

חסידים

ער וועט שעלטן, אַלץ חרוב מאַכן...

בנימין

האָט רחמנות אויף אָן עדה יידן, וואָס זענען געבליבן כצאן בלי רועה און גאַרן נאָך אַ ליכטיקן וואָרט.

חסידים

האָט רחמנות!..

הירש

נאָר שנאָרערס קאָנען בעטן רחמנות!

(פויזע)

ר׳ יצחק

ענייוות איז אַ גרויסע מידה. אַז דער רצון פון אַן עדה יידן איז אָבער, איר זאָלט זייער רבי זיין, זייער מנהיג ווערן — פאַר דער טובה פון כלל ישראל, וואַרפט ס׳ענייוות אַוועק!

ר׳ אברהם משהלע

יידן בעטן רחמנות, קאָן איך אָפּזאָגן? וואָס טוט מען?..

(פאַרצווייפלט)

רבונו של עולם, עפן מיר די אויגן, כ׳זאָל געפינען דעם ריכטיקן וועג!

ר׳ יצחק

אַז אַן עדה יידן זאָגן רבי — איז רבי. דער כח פון רבים וועט אייך ביישטיין, איר זאָלט קאָנען אַלץ אַדורכפירן, וואָס איר זענט מקבל אויף אייך.

חסידים

לאָזט אונדז נישט אויף הפקר, האָט רחמנות!..

בנימין

מיר קאָנען אָן אייך נישט לעבן. זייט אייך מרחם!..

ר׳ אברהם משהלע

אויב דאָס איז דער רצון פון כלל, איז עס אויך דיין הייליקער רצון, רבונו של עולם! גלוי וידוע לפניך, אַז כ׳טו עס נישט פאַר מיין כבוד וועגן, נישט פאַרן כבוד פון מיין טאַטן זכרונו לברכה, נאָר פאַר דיין רצון, מארי דעלמא כולא.

(יידל משמש לויפט אַרויס)

ר׳ יצחק

מזל טוב, רבי! זאָל דער עול, וואָס איר האָט אויף זיך גענומען, זיין אַ כפרה פאַרן גאַנצן כלל ישראל!..

ערשטער חסיד

מזל טוב, רבי! זאָל דער זכות פון צדיק הדור אויף אונדז מגין זיין!..

צווייטער חסיד

און דער זכות פון הייליקן טאַטן זכרונו לברכה...

ר׳ אַברהם משהלע

אמן, כן יהי רצון!

חסידים

אמן, רבונו של עולם!.. אמן, רבונו של עולם!..

(בנימין גייט אַרויף אויפן בעלעמער, הייבט אָן, איינער אַליין, טאַנצן אויף איין אָרט, זינגט נישט. ער פאַלט וואָס אַמאָל אַריין אין אַ גרעסערן התלהבות)

(יידל משמש ברענגט אַריין אַ טאַץ לעקעך מיט אַ פּאָר פלאַשן בראָנפן. ר׳ יצחק גיסט אָן אַ גלעזל, טראָגט עס צו ר׳ אַברהם משהלען. יידל גיסט אָן אַ גלעזל, טראָגט ר׳ יצחקן צו. ר׳ יצחק ווייזט אים מיט דער האַנט, ער זאָל ר׳ מענדלען געבן. יידל גיסט אָן, טראָגט צו ר׳ מענדלען).

ר׳ מענדל (וויל נישט נעמען)

כ׳דאַרף שוין גאָרנישט אונטערן גלעזל באַהאַלטן!..

ר׳ אַברהם משהלע

לחיים!

אַלע

לחיים טובים ולשלום!..

ר׳ אַברהם משהלע (גייט צו ר׳ מענדלען צו. גיט אים די האַנט)

לחיים, מענדל!

ר׳ מענדל

לחיים טובים ולשלום! (האַלט ר׳ אַברהם משהלעס האַנט) ביסט דאָך רבי, געדענק! משיח זיצט ביי די טויערן פון רוים און וואַרט, ער זאָל האָבן וועמען אויסצולייזן. גאַנצע מענטשן זוכט ער! אויף זיי וואַרט ער!

ר׳ אַברהם משהלע

בלייב דאָ מענדל, וועלן מיר צוזאַמען פאַרשפרייטן אלהות אויף דער וועלט.

ר׳ מענדל

גענוג פאַרשפרייט, מעמיק זיין דאַרף מען! גענוג חסידים דאָ, אמת־דיקע חסידים דאַרפן מיר!

ר׳ יצחק

מענדל, טו פאַרן כבוד התורה און חסידות! זיי דיך מיישב.

ר׳ מענדל

מענדל זוכט נאָר דעם גאַרן, גאַרן אמת! ביי אמת קאָן קיין יישוב נישט זיין!

מרדכי יוסף (צו ר׳ מענדלען)

רבי, ווייזט אונדז אייערע נייע דרכים, די אויגן זאָלן זיך עפענען. די וועלט זינקט אין צער און אין חשכות, וויל מען אונדז אהבה לערנען, וואָס מען דרשנט שוין אין אַלע גאַסן?!

הירש (צו ר׳ מענדלען)

פירט אונדז רבי, אין די הימלען אַריין, מלאכים ווילן מיר זיין! שׂרפים ווילן מיר זיין!

יונגעלייט

מלאכים ווילן מיר זיין! שׂרפים ווילן מיר זיין!

הירש

מזל טוב, רבי!

ר׳ מענדל

אַ שׂימחה אויף אייערע קעפּ! מענדל האָט זיך נישט ליב צו שפּילן!

הירש

פירט אונדז, רבי, ווו איר ווילט, מיר גייען צוזאַמען מיט אייך.

יונגעלייט

מיט אייך, רבי, גייען מיר, ווו איר ווילט.

ר׳ מענדל

בלינדע דאַרף איך נישט! אמתדיקע יידן, וואָס ווילן מיט אַלע רמ״ת אברים און שס״ה גידים גאָט דינען, קאָנען גיין מיט מיר.

(אָפּ. מרדכי יוסף, הירש, יונגעלייט גייען מיט. חסידים טרינקען בראָנפן, ווינטשן זיך מזל טוב. לחיים. יידל משמש רוקט אונטער ר׳ אַברהם משהלען אַ שטול. ר׳ אַברהם משהלע זעצט זיך. חסידים הייבן אָן זינגען. ר׳ אַברהם משהלע פּאַטשט צו מיט די הענט. בנימין גייט אַראָפּ פון בעלעמער, טאַנצט פאַר ר׳ אַברהם משהלען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ. איינציקווייז ווערט דער גאַנצער עולם אַריינגעצויגן אין טאַנץ. נעמען זיך אָן ביי די הענט, מאַכן אַ ראָד. טאַנצן וואָס אַמאָל מיט אַ גרעסער התלהבות. ר׳ יצחק שטייט ביים עמוד פאַרקלערט. ביי דער טיר באַווייזט זיך די אַלטע רביצין)

יידל משמש (לויפט צו)

מזל טוב, רביצין!

אַלטע רביצין

מזל טוב! דאָס האַרץ זאָל דיר אַזוי דערפרייט ווערן, ווי דו האָסט מיין האַרץ דערפרייט.

יידל משמש

אמן, רבונו של עולם! (לויפט צו ר׳ אַברהם משהלען צו) די מאַמע זאָל געזונט און שטאַרק זיין, איז דאָ.

ר׳ אַברהם משהלע

ווער, זאָגסטו?

יידל משמש

די מאַמע זאָל לעבן.

ר׳ אַברהם משהלע

אַזוי?!

(הייבט זיך אויף, גייט צו דער טיר צו. חסידים הערן אויף צו טאַנצן)

אַלטע רביצין

מזל טוב, מיין זון! זאָל דאָס מיין טרייסט זיין...

(ווישט זיך די אויגן מיטן פאַרטעך)

ר׳ אַברהם משהלע

וויין נישט מאַמע! דער רבונו של עולם וועט אונדז נישט פאַרלאָזן.

(ער גייט צוריק, זעצט זיך)

ר׳ יצחק (דערזעענדיק די רביצין)

מזל טוב, רביצין! ווייל איז דער מאַמען, וואָס האָט די זכיה געהאַט צו האָבן אַזאַ זון. מלאכים זענען אייך מקנא!

אַלטע רביצין

ס׳זאָל, חס ושלום, קיין בייז אויג נישט שאַטן.

ר׳ יצחק

די סטרא אחרא האָט איבער אונדז קיין שליטה נישט, קיין שום שלעכטס, האָט צו אונדז קיין צוטריט נישט. קיין עין הרע — אַזאַ עדה יידן!

אלטע רביצין

**הלוואי, רבונו של עולם!**

(ר׳ יצחק גייט צוריק צום עמוד. חסידים גייען צו איינציקווייז, זאָגן מזל טוב. דערנאָך גייען זיי צוריק טאַנצן. איטשע מאיר קומט אַריין, קוקט זיך אַרום פאַרוווּנדערט. שטעלט זיך אַוועק אין אַ זייט, קוקט זיך צו אויפמערקזאַם. די רביצין שטייט נאָך אַ ווײַלע. גייט אַרויס)

ארענדאר (צו יידל משמש)

איצט וועט איר מיך שוין לאָזן צוגיין צום רבין?

יידל משמש (קאַלט)

שפּעטער, דער רבי זאָל געזונט און שטאַרק זיין, איז איצט פאַרטאָן.

ארענדאר

כ׳דאַרף געהאָלפן ווערן, לאָזט מיך צו צום רבין!..

יידל משמש (בייז)

טשעפּע דיך אָפּ! אַז מען זאָגט שפּעטער, איז שפּעטער!..

ארענדאר

דערבאַרעמט אייך, כ׳האָב אַ ווייב מיט קינדער, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן...

יידל משמש

כ׳האָב דאָך דיר שוין איין מאָל געזאָגט, אַז דער רבי זאָל געזונט און שטאַרק זיין נעמט איצט נישט אָן!..

ארענדאר

מיך האָט אַן אומגליק געטראָפן — און זיי טאַנצן!

יידל משמש (הויך)

אַרויס, פּויער איינער! רעדסט שוין גאָר עזות?! אַרויס!

ארענדאר (שרייט)

כ׳וואַרט שוין דאָ דריי טעג, גייט ער מיך גאָר אַרויסוואַרפן!..

יידל משמש

אַקעגן רעדן וועסטו, פושע עוכר ישראל?! אַרויס זאָג איך דיר!

אַרענדאַר (וויינט הויך)

האָט רחמנות! אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן...

(דער גאַנצער עולם הערט אויף טאַנצן)

יידל משמש

פאַרוואָס גייסטו נישט, פאַרוואָס?..

ר' אַברהם משהלע

ווער וויינט עס דאָרט?

יידל משמש

אַן עם הארץ אַריינגעקומען, רעדט ער עזות...

אַרענדאַר

האָט רחמנות, לאָזט מיך צו צום רבין, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן...

ר' אַברהם משהלע

יידל, ווו איז דיין יידיש האַרץ? אַ ייד איז אין אַן עת־צרה. לאָזסטו אים נישט צו?

יידל משמש (צום אַרענדאַר)

גיי שוין, גיי, נאַר געדענק, רעד נישט קיין עזותקייטן!

(אַרענדאַר גייט צו צו ר' אַברהם משהלען)

ר' אַברהם משהלע

שלום עליכם!

אַרענדאַר (וויינענדיק)

עליכם שלום, הייליקער רבי!

ר׳ אברהם משהלע

וויין נישט, גאָט איז אַ גוטער טאַטע. פאַרצייל, וועט דיר גרינגער ווערן.

אַרענדאַר

הייליקער רבי! שוין צוויי וואָכן ווי אַ זאַראַזע האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן מיינע קי, דריי האָבן שוין געפּגרט, די איבעריקע זענען קראַנק.

ר׳ אברהם משהלע

וויפל קי האָסטו?

אַרענדאַר

קיין עין הרע זאָל זיי נישט שאַטן, צען. דער שׂררה וויל מיך פון דאָרף אַרויסוואַרפן, די פרנסה צונעמען, ער האָט מורא, זיינע קי זאָלן זיך נישט זאַראַזשען. (וויינט) הייליקער, ליכטיקער רבי, העלפט מיר, דער שׂררה זאָל מיר גאָרנישט קאָנען טאָן.

ר׳ אברהם משהלע

וויין נישט, זיי דיך נישט מצער, דער רבונו של עולם וועט העלפן. ביז איצט האָסטו געהאַט פרנסה?

אַרענדאַר

נישט צו פאַרזינדיקן, הייליקער רבי.

ר׳ אברהם משהלע

געלויבט השם יתברך, אַז אַ ייד האָט פרנסה! (פויזע) זיי מקבל אויף דיר צו זאָגן יעדן טאָג אַ קאַפּיטל תהילים.

אַרענדאַר

כ׳קאָן נישט דאַוונען.

ר׳ אַברהם משהלע

אַזוי?! קאָנסט נעבעך נישט דאַווענען? קריאת שמע קאָנסטו יאָ?

אַרענדאַר

שמע ישׂראל, האָט מיך ר׳ פּייטל, דער רבי פון מיינע קינדער, אויס־
געלערנט.

(חסידים שמייכלען)

ר׳ אַברהם משהלע (צו די חסידים)

לאַכט נישט אויס קיין יידן! זיין שמע ישׂראל, קאָן אַמאָל מער פּועל
זיין, ווי אייער דאַווענען. וואָס זאָל ער נעבעך טאָן, אַז ער קאָן
נישט מער? (צום אַרענדאַר) זיי מקבל אויף דיר, זאָלסט יעדן טאָג
אין דער פרי און אויף דער נאַכט זאָגן שמע ישראל, וועט דיר גאָט
ברוך הוא העלפן.

אַרענדאַר

יאָ, הייליקער רבי. כ׳וועל אַזוי טאָן.

ר׳ אַברהם משהלע

פאָר געזונטערהייט און זאָרג גאָרנישט: גאָט איז אַ גוטער טאַטע.

אַרענדאַר

זייט געזונט, הייליקער רבי, גאָט זאָל אייך דערפאַר באַצאָלן. אַ גוטע
נאַכט, יידן, זייט געזונט!

(גייט אַרויס)

הירש (קומט אַריינצולויפן)

איטשע מאיר! אין טאָמאַשאָוו פלאַקערט אויף אַ פייער, וואָס וועט די
וועלט פאַרלייכטן — און דו זיצסט דאָ?!

(אַלע בלייבן דערשראָקן)

איטשע מאיר

**דאָרט אַ פייער — און דאָ ראַטעוועט מען קי?!**

**(לויפט אַרויס צוזאַמען מיט הירשן)**

ר' יצחק

**איטשע מאיר אויך אַוועק!..**

חסידים

**ר' איטשע מאיר אויך!..**

**(אַ שטילקייט)**

ר' אַברהם משהלע

**פאַרוואָס טאַנצט מען נישט?**

**(אַלע פלעכטן אַ ראָד און טאַנצן. ר' אַברהם משהלע שטייט אין דער מיטן, דעם קאָפּ פאַרריסן, פּאַטשט צו מיט די הענט, זינגט)**

* ווער ס'האָט זיך באַהאַלטן
אונטער מיין באַלקן,
איז אַ סימן, ער האָט ליב געהאַט
דעם טאַטן דעם אַלטן.

נישט געדאַווענט, נישט געלערנט,
אַבי דעם בורא עולם נישט דערצערנט.

לאָמיר נישט זאָרגן,
וואָס ס'וועט זיין מאָרגן.
לאָמיר בעסער פאַרריכטן,
וואָס מ'האָט קאַליע געמאַכט נעכטן.

(פאָרהאַנג פאַלט)

* אַן אויטענטיש וואָרקער ליד.

## צווייטער אקט

אַ גרויסע שאָפּע מיט אַ סך פענצטער. אַ טייל מיט אויסגעהאַקטע שויבן. אויף דער מזרח־וואַנט אַ קעסטל — דער ארון קודש. דערנעבן אַ שטענדער, אויף אים אָנגעטריפטע שטיקלעך ליכט. אין דער זייט אַ לאַנגער טיש, פון ביידע זייטן צוויי בענק. אין דערמיט אַ ברענענדיקע הרובע, לעבן איר אַ באַנק.

שפּעטלעך ביינאַכט. אַ פאַרקאָפּטשעטער אייל־לאָמפּ ברענט פינצטערלעך. דאָס פייער אין דער הרובע קנאַקט. וואַרפט אַ שיין.

מרדכי יוסף און איטשע מאיר שטייען אָנגעלענט ביים שטענדער פאַרטראַכט, פּיפּקען ליולקע־ציבעכעס. יונגעלייט, חסידים דרייען זיך אַרום פאַרמוחט.

עס קומען אַריין הירש בער גראַבאָוויצער און משה קלמן, געפרוירענע, שלעפּנדיק אָנגעבראָכענע צווייגן, וואַרפן זיי אַנידער לעבן דער הרובע. הירש בער טראָגט אָנשטאָט אַ היטל אַ הייפּטל קרויט אויפן קאָפּ, טרעפעס אויף די נאָקעטע פיס, אַ שטרוי־גאַרטל אויף די לענדן. ער זעצט זיך אויף דער באַנק, ברומט אַ ניגון. משה קלמן זעצט זיך לעבן אים, ברעכט צווייגן, לייגט זיי צו צום פייער. בלייבט זיצן מיט אַ שטיקל האָלץ אין דער האַנט פאַרטראַכט, דערמאָנט זיך, לייגט עס אין פייער אַריין.

דורך די פענצטער זעט זיך אַן אויסגעשטערנטער הימל, אַ פולע לבנה, אַ ווייסער באַשנייטער הויף.

הירש בער

וואָס זאָגסטו צו דעם ?..

משה קלמן

צו וואָס ?

הירש בער

אַ שלעכט געשעפט אָװעקצוגיין פון עולם השקר אויפן עולם האמת ?

משה קלמן

וואָס מיינסטו, דערמיט?

הירש בער

קאָן מען דען מאַכן אַ בעסער געשעפט, ווי טוישן שקר אויף אמת?
(פויזע) נאָר גיי אויף דער עלטער מאַכן געשעפטן...
(ברומט ווייטער דעם ניגון)

שלמה (גייט פאַרביי, שטעלט זיך אָפּ)

וואָס האָט איר זיך עפּעס ביים אויוון אַוועקגעזעצט? אין טאָמאַשאָוו שוין אייך קאַלט? אַ חרפה!..

הירש בער

פאַר וועמען אַ חרפה, שניעק איינער? די וועלט האָב איך אין די פּיענטעס, און דו — וואָס דו ווילסט, זאָג! (פויזע) האָסט אַ גלעזל אָקעוויט?

שלמה

זיצסט ביים אויוון און אָקעוויט ווילסטו? אַ וואַזשנע לייט פון דיר געוואָרן, הירש בער!

הירש בער

נעם אַ שמאַטע און וויש דיר די אויגן אויס, מ׳זאָל חס־ושלום די טרערן נישט אָנזען, שניעק איינער! ווו האָסטו דעם נדן אַהינגעטאָן? דעם בני־בית אַ קופקעלע געקויפט? האַ? שוטה! פאַרוואָס קויפסטו נישט קיין אָקעוויט?

שלמה

ביי אַברהם משהלען אין פּשיסכע איז דאָ לרוב...

משה קלמן

פערד מוז ער אויך האָבן געגנוג. מען שמועסט, ער פאָרט שוין אין פיר נאָ שפּיץ.

הירש בער

אַז ער האָט נישט קיין מענטשן, מוז ער דאָך כאָטש האָבן פערד...

שלמה

פאַר אַזאַ וואָרט ביסטו באמת ווערט אַ גלעזל אָקעוויט!

הירש בער

יאָ ווערט — נישט ווערט. מיין מבין קוק נאָר אָן!

שלמה

די צייט שטייט נישט און איך האָב מיך דאָ אַנידערגעשטעלט חכמהנען...

הירש בער

דו חכם איינער, מיינסט אויך שוין, אַז דו ביסט אַ גאַנצער מענטש. איי, איי, ווער ס׳האָט נאָך אַזאַ גדול נישט געזען!

(שלמה גייט אַוועק פאַרשעמט)

די יונגעלייט מיינען, אַז אויב מען וויל זיין אַ ייד, דאַרף מען אַרומגיין ברוגז, אָנגעדראָלעט אויף דער גאַנצער וועלט, נעמען דאָס האַרץ שטעלן אין מאַרק אַריין. וואָס דאַרף יענער וויסן, וואָס ביי מיר טוט זיך?

משה קלמן

אַוודאי, דער עיקר, בשימחה.

הירש בער

ביסט אַ שוטה! בלויז שימחה איז ווערט אַ רעטעך. אונטער דער שימחה מוז זיין באַהאַלטן דער גרויסער צער, די חבלי משיח פון דער נשמה, וואָס מען מוז באַהאַלטן פאַר אַ פרעמד אויג.

משה קלמן

אויף שימחה שטייט דאָך די וועלט?

הירש בער

שימחה, וואָס איז נישט אויסגעמישט מיט קוואָרטן צער, איז קיין שימחה נישט נאָר הוללות.

(ברומט דעם ניגון ווייטער)

מרדכי יוסף

יעדער דרך, ווען ער איז אין דער התחלה, ער איז ניי, איז ער ממילא אמת. ס׳איז נאָך נישטאָ דאָס רגילות: וואָס מען טוט, טוט מען מיט דער נקודה הפנימית, מיטן אייגענעם רצון.

איטשע מאיר

מען מוז אָבער זיין דערצו אַ טאָמאַשאָווער רבי. אַז נישט, קאָן מען האַלדז און נאַקן ברעכן. אַ קלייניקייט: שאַפן אַ פרישן דרך.

מרדכי יוסף

שאַפט מען נייס, ווערט מען העכער, שטאַרקער!

איטשע מאיר

שווער צו זיין אַ מנהיג הדור. מען מוז זיך שטאַרק אונטערגאַרטלען, מען מוז האָבן כוחות.

מרדכי יוסף

האָט מען וואָס צו זאָגן, קריגט מען כוחות למעלה מן הטבע.

איטשע מאיר

מען איז דאָך נאָר אַ בשר ודם: מען מיינט, מען זאָגט עפּעס, לסוף איז עס גאָרנישט — מען פלאַפּלט גאָר. דעמאָלט איז דער שאול תחתית אָפן.

מרדכי יוסף

פון שקר שמועסט מען נישט, אָבער מורא — חס ושלום. האָט מען מורא קומט מען צו גאָרנישט: אַ מענטש מוז קאָנען שטעלן אויף זיך.

איטשע מאיר

מען קאָן אַמאָל בלא יודעים פאַרפירט ווערן. מען דאַרף שטענדיק הערן וואָס דער רבי זאָגט. האָט מען אַ בפירושע גמרא, און פטור.

מרדכי יוסף

דעמאָלט, ווען איך ווייס, אַז כ׳בין געּרעכט, ווען מיין גאַנצע נשמה איז אַדורכגענומען מיטן אמת, קוק איך אויף קיינעם נישט, אויף קיין שום זאַך נישט.

איטשע מאיר

ווען הקדוש ברוך הוא האָט גערופן שמואל הנביא, איז ער אויך צוערשט צום רבין, עלי כהן גדול, געגאַנגען פרעגן, וואָס ער זאָל טאָן. די סטרא אחרא האָט אַ סך דרכים די אויגן צו פאַרבלענדן.

מרדכי יוסף

יעדער טאָג איז אַ פרישע בריאה, און יעדן טאָג קומען אַראָפּ פרישע השגות. דאָס, וואָס מען האָט נעכטן געהאַלטן פאַרן גאַרן אמת, ווייזט זיך היינט אַרויס פאַר גאָרנישט. דער דיין דאַרף נאָר זוכן דעם אמת און מישפטן לויט דעם, וואָס זיינע אויגן זעען. דאָס מאָרגנדיקע איז נישט אונדזער עסק.

איטשע מאיר

ס׳דאַכט זיך טיילמאָל, אַז אַ רמב״ם איז האַרב. נו, איז וואָס? אַרבעט מען, זוכט מען תירוצים, ביז ס׳ווערט פאַרענטפערט. מען מוז שטענדיק הערן, וואָס דער רבי זאָגט און זיך נייטן צו געפינען דעם פשט.

מרדכי יוסף

דאָס וואָס איז געניַיט, בדוחק, איז גאָרנישט ווערט. אַלע אברים דאַרפן משיג זיין דעם אמת! דערשפירט מען נאָר איין שטיקל ספק, מוז מען זוכן, זוכן, ביז אַן אור איז זיך מגלה.

כאַסקעלע (קומט אַריין מיט צוויי קאַנען וואַסער און אַ שעפּ אין דער האַנט)

ווער וויל אַ ברכה מאַכן? אַ פריש ביסעלע וואַסער טרינקען?

הירש בער

ווי זעסטו היינט אויס מיט מיצוות? שוין אַוודאי אַ פּאַק גרויס ווי ס'יידישע גלות...

כאַסקעלע

אַ גאַנצע נאַכט אין שטאָט־בית־המדרש געשטאַנען, קוים צען מענטשן געטרונקען. ס'איז קאַלט, קיינער וויל נישט.

הירש בער

שטייסטו דאָך שלעכט מיט דיינע אמן'ס!..

כאַסקעלע

שוין באַלד די נאַכט אַוועק און קוים צען אמן'ס נאָכגעזאָגט.

הירש בער

און וואָס וועט דער מלאך דומה נאָכן טויט זאָגן?

כאַסקעלע

דער מלאך דומה? כ'זאָג יעדן טאָג דעם פּסוק נאָך שמונה־עשרה, וועט ער מיר גאָרנישט קאָנען טאָן.

הירש בער

פון וואַנען ביסטו אַזוי זיכער?

כאַסקעלע

עס שטייט דאָך אין סידורל.

הירש בער

טאַקע, האָסט אַליין געזען? פּלאי פּלאים!..

כאַסקעלע

דאָ האָט איר דאָס סידורל.

(נעמט אַרויס אַ סידורל, מישט אויף, ווייזט)

הירש בער

און אַז מען וועט דיך שלעפּן צום משפּט אויף יענער וועלט, וואָס וועסטו טאָן?

כאַסקעלע (ציטערט)

נעמט טאַקע אַ ביסעלע וואַסער, מאַכט הויך אַ ברכה, וועל איך האָבן נאָך אַ מיצווה.

הירש בער

וואָלסט געהאַט אָקעוויט, מילא, וואָלט נאָך געוועזן אַ שטיקל עסק. וואַסער גאָר!

כאַסקעלע

כ׳וואָלט געהאַט, וואָלט איך אייך געבּרענגט. זייט מיין חתונה האָב איך נאָך נישט געזען, ווי ס׳זעט אויס בראָנפן.

הירש בער

וואָלסט געוואָלט טרינקען אַ ביסל בּראָנפן?

כאַסקעלע

ס׳פעלן מיר אַזוי אויך נישט קיין עבירות.

הירש בער

וואָלסטו מיר געבּרענגט, כ׳זאָל אַן עבירה טאָן?

כאַסקעלע

חסידים מעגן אַלץ.

הירש בער

פאַרוואָס מעגן זיי עפּעס?

כאַסקעלע

אַז זיי טרינקען, מן הסתּם מעגן זיי. נעמט אַ ביסעלע וואַסער, מאַכט אַ ברכה.

(ר׳ יצחק אין אַ שאָפּן־פּעלץ און אין אַ סויבל היטל, בנימין, פּשיסכער חסידים קומען אַריין)

ר׳ יצחק

אַ גוטן אָוונט, יידן!

איטשע מאיר

האַ?! יצחק?!

(גייט צוזאַמען מיט מרדכי יוספן צו ר׳ יצחקן צו. ביידע געבן שלום)

ר׳ יצחק (גיט זיי איינעם נאָכן צווייטן די האַנט)

ס׳איז באמת אַ שימחה צו זען הײמישע יידן. וואָס מאַכט איר עפּעס?

מרדכי יוסף

מען צעפּלאַקערט אַ פייער, וואָס זאָל די וועלט פאַרשיינען.

ר׳ יצחק

ס׳זאָל נאָר חס ושלום נישט ברענען?

מרדכי יוסף

אין טאָמאַשאָוו האָט מען נישט קיין מורא.

איטשע מאיר

די זעלבע זון וואָס וואַרמט, גיט אַמאָל אַ זונען־שטאָך אויך. איז דורך דעם די זון, קיין זון נישט? שלום עליכם, בנימין!

(גיט שלום יעדן פון גאַנצן עולם, נאָך אים גיט מרדכי יוסף אויך יעדן שלום)

וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך?

(כאַסקעלע לויפט צו, גיט אַלע שלום, גייט דערנאָך אין אַ ווינקעלע אַוועק, נעמט אַרויס אַ ליכטל פון קעשענע, טריפט עס אויפן פענצטער אָן, נעמט אַ תהילימל, זאָגט תהילים אין דער שטיל)

ר׳ יצחק

חייב אדם לברך על הרעה, כשם שהוא מברך על הטובה.

בנימין

אַ חשכות... רחמנא ליצלן.

מרדכי יוסף

איר האָט דאָך אַ בן צדיק מיט פּרנסה, וואָס זאָרגט איר נאָך?

ר׳ יצחק

ביסט אַ גאַנץ ווילער ייד, נאָר דאָס מויל דיינס... צו וואָס טויגן דיר די שאַרפע דיבורים?

מרדכי יוסף

קומט מיר אַ קניפּ אין בעקל אַריין, אַז כ׳בין אַ ווילער ייד.

ר׳ יצחק

ענִיוות איז אַ גרויסע מידה.

מרדכי יוסף

ווען מען איז משיג, וואָס מען דאַרף טאָן און וואָס פאַר אַ מכשולים מען מוז פון וועג אָפּרוימען, קאָן מען זיך שפּילן אין ענִיוות־גיאות?

איטשע מאיר

וואָס איז געשען אין פּשיסכע?

(קיינער ענטפערט נישט)

אָבער וואָס איז געשען?..

ר׳ יצחק (קרעכצט)

יאָ, און הכנסת אורחים ווו איז? יידן קומען צו פאָרן אין אַזאַ קעלט הייסט מען זיי אַפילו נישט צום אויוון צו גיין, זיך אָנוואַרעמען אַ ביסל? ס׳איז דאָ אַזאַ קעלט... איר האָט קיין שויבן נישט אין די פענצטער, אָוואַ!

מרדכי יוסף

אַז ס׳איז דאָ אש של מעלה, האָט מען נישט אין זינען אַזעלכע שטותים.

ר׳ יצחק

אַזאַ קעלט, איר קאָנט נאָך חס ושלום קראַנק ווערן, השם ישמרנו!

מרדכי יוסף

נו, איז וואָס? אַז איר ווילט זיך וואַרעמען, מהיכי תיתי, אַ נפקא מינה, ווו מען שמועסט?

(ר׳ יצחק טוט זיך אויס דעם פעלץ. אַ חסיד נעמט דעם פעלץ, לייגט אים אַנידער אויף דער באַנק, בנימין טוט אויך אויס זיין פעלץ, לייגט אים אַוועק, זיי גייען צו צום אויוון. מרדכי יוסף, איטשע מאיר גייען מיט. חסידים בלייבן שטיין פון דערווייטנס. הירש בער און משה קלמן גיבן ר׳ יצחקן שלום)

ר׳ יצחק

עליכם שלום! הירש בער, גייסט דאָך עפּעס אין אַזאַ הולך? אַ קרויט גאָר אויפן קאָפּ?

הירש בער

ס׳איז געוווג, מ׳איז אַן עבד פון די שיינע יידן, פון אַ קאַשקעט נאָך זיין אַן עבד? וואָס ס׳איז דאָ לייגט מען אויפן קאָפּ אַרויף — און פּטור.

ר׳ יצחק

כ׳זע, ביסט געוואָרן אַ גרויסער קונדס.

הירש בער

אַז נאָר גרויס איז שוין גוט.

ר׳ יצחק (רופט צו אַ פשיסכער חסיד)

אַ ייד האָט נעבעך קיין קאַשקעט נישט, גיי אַרויס און ברענג אַ קאַשקעט! (נעמט אַרויס פון טאַש געלט)

ס׳איז אָבער אַזאַ קעלט...

פשיסכער חסיד

ס׳שאַדט נישט: אַ מיצווה!

ר׳ יצחק

אַז דו ווילסט, מהיכי תּיתי, וועסטו האָבן אַ גרעסערן שׂכר־מיצווה.

הירש בער

ס׳איז אַזוי שפּעט ביינאַכט, ער וועט נישט קריגן, אַן עסק ווייטער
מיט אַ קאַשקעט!

איטשע מאיר

אָבער וואָס פאַר אַ נייס איז געשען אין פשיסכע?

בנימין

ס׳איז נעבעך שוין נישטאָ וואָס צו פאַרציילן.

איטשע מאיר

וואָס?! וואָס?!

מרדכי יוסף

אין טאָמאַשאָוו זענען נישטאָ קיין קינדער, מען קאָן אַלץ הערן און
אַפילו קיין ציטער מיטן אויג נישט טאָן.

ר׳ יצחק

דער רבי ר׳ אַברהם משהלע זכרונו לברכה...

איטשע מאיר

ברוך דיין אמת...

יונגעלייט

ברוך דיין אמת...

חסידים

ברוך דיין אמת...

בנימין

אַ פרישע וועלט... אַזעלכע אורות — מיט אַמאָל אַזאַ חשכות...

פשיסכער חסידים

די זון אונטערגעגאַנגען אין מיטן העלן טאָג...

ר׳ יצחק

די סטרא אחרא, רחמנא ליצלן, האָט גובר געווען.

מרדכי יוסף (צו ר׳ יצחקן)

דו, וואָס ביסט שוין אַ ים דורכגעגאַנגען, אַ וועלט צדיקים משמש געווען, ווערסטו נאָך אויך פאַר עפּעס נתפּעל?

ר׳ יצחק

אַ יונגערמאַן, אין די בעסטע יאָרן נעבעך...

בנימין

אַזאַ אור... אַזאַ אור...

(גייט צו צו דער באַנק לעבן טיש, זעצט זיך. האַלט דעם קאָפּ צווישן די הענט)

פשיסכער חסידים

אַזאַ צדיק!..

מרדכי יוסף (צו ר׳ יצחקן)

נו? פאַרוואָס ווערסטו נישט קיין רבי?

פשיסכער חסידים

מיר בעטן רחמים, שרייען געוואַלט...

ר׳ יצחק

וואָס זשע וועט זיין? פריער זענען געווען מחלוקות צווישן טאָמאַשאָווער און פּשיסכער חסידים, וועלן איצט זיין מחלוקות צווישן טאָמאַשאָווער און וואָרקער חסידים?

פשיסכער חסידים

וואָס וועלן מיר טאָן? צו וועמען וועט מען גיין אַן עצה פרעגן, אַ גוט וואָרט הערן?

ר׳ יצחק

מען מוז צוריקשטעלן דאָס חדר, וואָס איז געווען ביים רבין ר׳ בונם זכרונו לברכה. אַלע חסידים, וואָס זענען דאָרטן געפאָרן, זאָלן דאָ פאָרן, און ס׳וועט זיין שלום על ישראל.

מרדכי יוסף

און דער רבי?

ר׳ יצחק

כ׳מיין טאַקע, ער זאָל זיין רבי און דער גאַנצער עולם זאָל צו אים פאָרן.

פשיסכער חסידים

ווי וועלן מיר דאָס קאָנען אויסהאַלטן?

ר׳ יצחק

נישקשה, אַז ער וועט וועלן, וועט ער זיך אַ ביסל צובייגן צום עולם, כדי יעדער וואָס קומט, זאָל קאָנען האָבן זיין הצטרכות. דער וואָס איז דורשטיק זאָל קאָנען טרינקען פון קוואַל.

הירש בער

אַ קוואַל וואָס יעדער קאָן פון אים טרינקען איז הפקר. הפקר האָט קיין קדושה נישט.

ר׳ יצחק

וואָס איז דען אַז מען איז אַ ביסל קלענער לטובת הכלל? מען מוז דווקא זיין מיטן שפיץ און דער כלל זאָל אַפילו קיין אָנריר נישט האָבן?

הירש בער

דאָרטן, ווו מען זוכט דעם שפיץ פון אמת, מוז אַלץ זיין מיטן שפיץ.

מרדכי יוסף

ביים רבין וועסטו גאָרנישט פועל זיין. צו אַ צו שווער שטיקל מלאכה האָסטו דיך גענומען.

ר׳ יצחק

פותחין בשלום!

איטשע מאיר

וואָס איז דאָ צו זאָגן? מען וועט הערן וואָס דער רבי וועט ענטפערן.

(חיים ברוך אַן איינגעקאַלכטער קומט אַריין, גייט צו צום אויוון גיט אַלע שלום)

ר׳ יצחק

וואָס עפּעס אַזוי איינגעקאַלכט? זעסט דאָך אויס ווי דו וואָלסט געאַרבעט בחומר ובלבנים.

חיים ברוך

כ׳האָב ערשט איצט אָפּגעאַרבעט און טאַקע בחומר ובלבנים.

פשיסכער חסידים

אָפּגעאַרבעט? אַ ייד ביי אַ רבין אַרבעט?

הירש בער

וואָס דען טוט מען ביי אַ רבין? מען טאַנצט, מען האָפּסעט?

ר׳ יצחק

אַרבעטסט נעבעך אַזאַ שווערע מלאכה? ס׳איז דאָך גאָרנישט פּאַר אַזאַ יידנס כוחות. אוי... אוי... עמך ישראל צריכים פרנסה.

חיים ברוך

אַרבעט מען נישט די וועלט צו האָבן, נאָר כדי מען זאָל איר פּרצוף נישט דאַרפן אָנקוקן — איז עס אַ שפּילעכל.

פשיסכער חסידים

וואָס הייסט?

חיים ברוך

יעדן טאָג גייט ביי אונדז אַן אַנדערער אַרבעטן, ברענגט מען אַ דרייער פּאַר דער אַרבעט, שיקט מען נאָך אָקעוויט מיט פּאַרבייסן, איז דאָ מיט וואָס זיך דאָס חיות צו דערהאַלטן און קיינער האָט צו אונדז קיין שייכות נישט.

ר׳ יצחק (קרעכצט)

רבונו של עולם! אַזאַ דחקות ביי אַ כּלל יידן.

מרדכי יוסף

מיר קענען די גאַנצע וועלט מיט אירע אַלע שטותים ווייזן אַ פייג.

הירש (קומט אַריין גיט שלום ר׳ יצחקן, בנימינען און די פּשיסכער חסידים)

אַהאַ, חיים ברוך איז שוין דאָ! שוין צייט דער עולם זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין. שלמה, גיי ברענג אָקעוויט!

(חיים ברוך נעמט אַרויס אַ מטבע, גיט שלמהן. שלמה גייט אַרויס)

(בנימין שטעלט זיך אויף. די אויגן פאַרגלייזט)

פּשיסכער חסידים (לויפן צו)

בנימין, וואָס איז דיר? (בנימין ענטפערט נישט. חסידים דערשראָקן)

בנימין?!

ר׳ יצחק

וואָס!..

פּשיסכער חסידים

בנימין!

(ר׳ יצחק גייט צו בנימינען צו, לייגט אים אַרויף די האַנט אויפן אַקסל. חסידים שטעלן זיך אַרום. די לבנה באַשיינט בנימינס פּנים. כאַסקעלע קומט צולויפן קוקט אַנגעשטרעגגט זיך צו)

בנימין

ווייט... ווייט... צדיקים אין די גאָלדענע קרוינען אויסגעצירט, קוויקן

זיך אין ליכט פון אין־סוף, וואַרעמען זיך אין די שטראַלן פון דער מטרנותא. משיח רירט די האַרפע אָן. אַ קוואַל ליכטיקייט גיט אַ שטראָם. אַ לויב־געזאַנג צו הקדוש ברוך הוא קייקלט זיך צום כּסא הכּבוד צו, ווערט דורך מלאכים אויפגעכאַפּט, אין כתר איינגעפלאָכטן.

(פּויזע)

אָט... אָט... שטייט דער צדיק זכרונו לברכה אויף, דעם קאָפּ אַ פאַרבויג, די אויגן אַ פאַרמאַך, דעם סמיטשיק פון פידעלע אַ ציִ, ס׳פליען מאַמעס טרערן... אָרעמעלייטס געוויין... זקנימס קרעכצן... קינדערס שוואַכקייט... שוואַרצע פלאַמען קנוילן זיך, וואַרפן זיך פאַרן כּסא הכּבוד אַנידער, ווײנען, בעטן רחמים, אַ ישועה...

(פּויזע)

אַ בת קול רופט: אוי לבנים שגלו מעל שולחן אביהם.

(פאַלט אַנידער אויפן טיש, שלוכצט, ר׳ יצחק ברומט אַ טרויעריקן ניגון, חסידים העלפן שטיל צו)

### הירש בער

אַז ס׳איז פאַרוואָלקנט, פאַרבלאָנדזשעט מען אויף הינטערוועגלעך.

### כּאַסקעלע

(לויפט אין ווינקל אַריין נאָך די קאַנען וואַסער. ברענגט זיי אַהער)

מאַכט אַ ברכה! טרינקט אַ ביסל פריש וואַסער!

(שלמה קומט אַריין, טראָגט אַ פּאָר פלאַשן אָקעוויט און ברויט. לייגט עס אַוועק אויפן טיש)

### ר׳ יצחק

אין אַזאַ קעלט גייסטו אַרום מיט וואַסער? פון וואַנען ברענגסטו עס?

### כּאַסקעלע

ס׳איז ריין וואַסער גלייך פון טייך געברענגט.

ר׳ יצחק

אין אַזאַ קעלט ברענגסטו נעבעך וואַסער פון טייך?

כאַסקעלע

איין מיצווה מוז איך כאַטש האָבן, כ׳זאָל האָבן מיט וואָס צו קומען אויף יענער וועלט.

ר׳ יצחק

רבונו של עולם! איז נאָך דאָ אַזאַ פאָלק אויף דער וועלט, ווי דיין פאָלק ישראל, פאַר וואָס קומט זיי אַזעלכע צרות? אוי... אוי... אוי... מארי דעלמא כולא, שיק אַראָפּ אַ גאולה שלימה.

(פויזע)

גיב אַ ביסל וואַסער.

(כאַסקעלע שעפּט אָן וואַסער, גיט ר׳ יצחקן. ר׳ יצחק מאַכט הויך מיט כוונה אַ ברכה. כאַסקעלע זאָגט נאָך אמן מיט אַ שטראַלנדיק פּנים. פון די פּשיסכער חסידים נעמט יעדער אַ ביסל וואַסער. כאַסקעלע זאָגט נאָך יעדער ברכה אמן)

(חיים מיט דבורהלען קומען אַריין. דבורהלע בלייבט שטיין ביי דער טיר. חיים קוקט זיך אַרום אין בית המדרש. דערזעט שלמהן)

חיים

אָט האָב איך אים געפּאַקט, דעם פּושע ישׂראל.

הירש בער

וועמען זוכסטו?

חיים

מיין איידעם דעם ימח־שמוניק...

הירש בער

זיי נישט קיין מחוצף, בולוואַן איינער!

חיים

וואָס? כ׳טאָר שוין קיין וואָרט נישט רעדן אויף דעם שייגעץ וואָס פאַרקירצט מיר מיינע יאָרן.

הירש בער

מעגסט יאָ — מעגסט נישט, דרך־ארץ זאָלסטו האָבן!

חיים

פאַר דעם יונגאַטש, אפשר אויך דרך־ארץ האָבן?

הירש

שריי נישט! אין טאָמאַשאָוו שרייט מען נישט.

חיים

ס׳טוט מיר וויי, שריי איך.

הירש בער

אַז ס׳טוט וויי גייט מען אין אַ ווינקל אַריין, וווּ קיינער זעט נישט און מען ווישט זיך די אויגן אויס.

חיים

(ווייזט אָן אויף שלמהן)

דער עוכר ישׂראל האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט.

דבורהלע

טאַטעשי, שריי נישט אַזוי!

חיים

כ׳זאָל נישט שרייען?! וויניק בלוט מיך אָפּגעקאָסט? דאָס גאַנצע ביסל פאַרמעגן געפּטרט...

הירש

קומט דיר אַ מענטליק.

חיים

אַזאַ יונגאַטש מוז מען דרך־ארץ אָנלערנען, למען ישמעו ויראו!

דבורהלע

טאַטעשי, שעם דיך אַ ביסל, ביסט דאָך צווישן יידן.

חיים

דאָס האַרץ פּלאַצט פאַר צרות: דעם בעסטן בחור פון דער ישיבה אַרויסגענומען, מאכל ומשקה געוועזן. כ׳האָב געמיינט כ׳וועל נחת דערלעבן — לסוף אַזעלכע בזיונות.

הירש

שוטה! וואָס פאַר אַ בזיונות האָסטו?

הירש בער

אַ קלאָג צו דיינע יאָר! פון דיינע אמתע בזיונות, וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט, הייבסטו אַפילו גאָר נישט אָן צו וויסן.

חיים

אַ יונגאַטש לויפט פון דער היים אַוועק אָן אַ גוט וואָרט, אָן אַ זיי געזונט. מען קאָן דאָך דאָס פּנים אין דער גאַס נישט ווייזן פאַר חרפּה. אַזאַ אומגליק! אַזאַ אומגליק?

דבורהלע

טאַטעשי, ר׳איז דאָך צווישן חסידים, ביי אַ רבין, וואָס ווילסטו האָבן.

חיים

צווישן חסידים?! זיי זענען ערגער ווי די גויים!

ר׳ יצחק

אַ ייד אויף יידן אַזעלכע ווערטער?

חיים

מען דרייט זיך אַרום פוסט און פּאַסט גאַנצע טעג, גאַנצע נעכט, מען דאַוונט נישט אַפילו. וואָס, די וועלט וויסט נישט?

שלמה (לויפט צו)

בעלזער שייגעץ! (וויל חיימן פּאַטשן)

ר׳ יצחק (לויפט צו, כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט)

וואָס גייסטו טאָן, וואָס? איין ייד דעם צווייטן פּאַטשן?!

חיים

הרגענען וויל ער נאָך, דער עוכר ישׂראל?!

(וויל זיך וואַרפן אויף שלמהן. ר׳ יצחק שטופּט אים אָפּ)

שלמה

האַלט דעם פּיסק, בעלזער נבלה!

חיים

אַזאַ חוצפּה!

(וויל נישט אַוועקגיין. ר׳ יצחק שטופּט אים אַוועק. חיים אַמפּערט זיך. חסידים קומען צו, שלעפּן אים אַוועק)

איז דאָס געהערט געוואָרן? לאָזט! לאָזט!

דבורהלע

אוי וויי צו מיינע יאָר, זיי וועלן זיך נאָך דערהרגענען!..

ר׳ יצחק

וויי צו די אויגן, וואָס זעען דאָס.

(כאַסקעלע כאַפּט די קאַנען וואַסער, אַנטלויפט)

דבורהלע

יידן! זעט עפּעס אַן עצה, ווי אַזוי שלום צו מאַכן צווישן זיי. זיי פּאַרוויסטן מיר די יאָרן.

ר׳ יצחק

יידן האָבן עפּעס צווישן זיך, גייט מען צו אַ רב, מען האַלט אַ דין־תורה. צו דעם איז דאָך דאָ אַ דין ביי יידן. איר זענט דאָך דאָ ביי אַ רבין, זאָל ער משפּטן.

חיים

אדרבה! ווו איז דער רבי?

הירש

דער רבי וועט אַוודאי באַלד אַריינקומען.

(ס׳עפנט זיך די טיר, ס׳קומט אַריין דער רבי אין אַ וואַטענעם שפּענצער ביז די קני. אויפן שפּענצער אַ טלית־קטן. יונגעלייט, חסידים צעלויפן זיך דערשראָקן אין די ווינקעלעך, ר׳ יצחק גייט אַנטקעגן)

דער רבי

שלום עליכם, יצחק!

ר׳ יצחק

עליכם שלום!

דער רבי

וואָס מאַכסטו, יצחק?

ר׳ יצחק

ווו מען ריירט זיך, איז אַלץ קיין נחת נישטאָ. מחלוקת, שנאת־חינם, רחמנא ליצלן, צווישן יידן.

דער רבי

זעסט שוין גאָרנישט, נאָר וואָס ס׳טוט זיך צווישן עולם. מיט דיר ביסטו שוין אין גאַנצן פאַרטיק?

ר׳ יצחק

קאָן מען זיך אין זינען האָבן, אַז די סיטרא אחרא רחמנא ליצלן, האָט נאָך די שליטה, אַריינצוברענגען אַ פּירוד צווישן יידן?

דער רבי

וועט יעדער איינער זיך אין זינען האָבן, וועט זיין שלום־בית אין דער אייגענער נשמה. וועט אומעטום זיין שלום.

ר׳ יצחק

כ׳בין קוים דאָ אַ קורצע ווײַלע — און שוין אַ מחלוקת אין בית המדרש, השם ישמרינו.

דער רבי

הירש! וואָס פאַר אַן ערב רב האָסטו מיר דאָ אָנגעפירט?

הירש
(לויפט צו)

אַ פרעמדער ייִד געקומען מיט טענות.

דער רבי

הערט מען אויף צו האָבן טענות צו זיך אַליין, איז מען קיין דרייער נישט ווערט, צו יענעם טענות — צו וואָס?!

חיים
(גייט צו צום רבין)

כ'וויל האָבן אַ דין־תּורה מיט מיין איידעם שלמה.

דער רבי

ווער טראָגט זיך אַזוי אַרום מיט דער תּורה אין די קעשענעס?

חיים

ס'איז ערשט זעקס חדשים נאָך דער חתונה, איז ער שוין דריי חדשים פון דער היים אַוועק, אַ לעבעדיקע עגונה איבערגעלאָזט, וויל איך מיט אים ביי אייך, רבי, אַ דין־תּורה האַלטן.

דער רבי

וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס דולסטו מיר אַן דעם קאָפּ מיט דיינע שטותים?

חיים

אַן איינציק קינד, וויינט זיך די אויגן פון קאָפּ אויס.

דער רבי

אַז מאַנספערשוינען האָבן הערצער ווי די טויבן, איז אַ וווּנדער, אַז ווייבער כליפּען?

חיים

רבי, האָט רחמנות, אַ יונג קינד, איין אויג אין קאָפּ.

דער רבי

רחמנות?! אַז דאָס האַרץ איז ליידיק, אַז מען האָט קיין רצון נישט, קיין תשוקה נישט — שפּילט מען זיך אין רחמנות.

חיים

דאָס האַרץ ווערט צעריסן צוקוקנדיק.

דער רבי

אַז דאָס האַרץ דיינס איז בכוח צעריסן צו ווערן, פאַרוואָס ווערט עס נישט צעריסן, זעענדיק די שכינה אין גלות און מענטשן דרייען זיך אַרום ווי די קעלבער?

חיים

כ׳בין אַ פּראָסטער ייד, כ׳מוז פּרנסה זוכן.

דער רבי

מען האָט דיר אַ נשמה פון הינטערן כסא הכבוד געגעבן, לאָזטו זי אין דער בלאָטע אַרומוואַלגערן?

חיים

וואָס זאָל איך טאָן? כ׳דאַוון יעדן טאָג, ווי די תורה לערנט אונדז.

דער רבי

דו ווייסט וואָס די תורה לערנט? גרעסערע ווי דו הייבן נישט אָן צו וויסן.

חיים

כ׳דאַוון ווי יעדער ייד. אַז כ׳האָב צייט לערן איך אַ שטיקל גמרא אויך.

דער רבי

אַז דער קאָפּ ליגט אַ גאַנצן טאָג אין שטותים, קאָן מען דאַוונען?!

חיים

זאָל איך נישט דאַוונען אויך?

דער רבי

איר מערמעטשעט — נישט איר דאַוונט! געדאַוונט הייסט דעמאָלט, ווען אַלע אברים גייען אויף אין איין גרויסן זמר צו הקדוש ברוך הוא — ווען מען מוז שוין דאַווענען. שפּילן זיך אין געדאַווענעכץ, איז גוט פאַר קינדער!

חיים

וואָס מיינע אויערן הערן! אַ רבי הייסט נישט דאַווענען?!

פשיסכער חסידים

צו וואָס איז מען אַהערגעקומען?

דער רבי

שוטים! (ווייזט אויף זיין דלאָניע פון דער לינקער האַנט)
מיר ווען דאָ האָר אַרויסוואַקסן אויב אַ שוטה וועט האָבן עולם הבא.

פשיסכער חסידים

כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא...

מרדכי יוסף

צו מער, ווי צו אַ כּל־ישראל עולם־הבא, האָט איר אַפילו קיין השגה נישט!..

דער רבי

הבוחר בשירי זמרה — איז דער טייטש: גאָט קלויבט אויס די שיריים פון דער זמרה, דאָס איבערבלייבעכץ, וואָס קיין וואָרט איז שוין נישט בכוח אַריינצונעמען אין זיך, וואָס קען שוין קיין לבוש נישט האָבן, נאָר ס׳זינגט אין דער נשמה, אין דער נקודה הפנימית. דאָס וויל גאָט, אַזאַ תפילה באַגערט ער!

(פויזע)

ר׳ יצחק

ס׳זענען דאָ יידן, וואָס האַלטן נאָך נישט ביי אַזעלכע מדרגות, און מען מוז זיי אויך הייסן דאַווענען.

דער רבי

מיר הייסן נישט! מיר צעפלאַקערן נאָר אַ גרויס פייער, אַז יעדער זאָל אויסגיין פון בענקשאַפט נאָך אלהות. דערנאָך וועט ער שוין אַליין וועלטן אַדורכברעכן, ער זאָל קומען צו דעם, וואָס ער מוז.

ר׳ יצחק

אַ מנהיג הדור מוז אין אַלעם געדענקען, אין יעדן פרט אַפילו, וואָס יעדער ייד דאַרף טאָן.

דער רבי

האָסט נאָך ווינציק שענק מיט פרטים? מיר געדענקען נאָר אין די זאַכן, וואָס וועקן אַן אייגענעם רצון, פויען פערד — לאָז איך איבער פאַר אַנדערע!

ר׳ יצחק

די תּורה הקדושה זאָגט: צאו לך בעקבי הצאן — מען דאַרף גיין אין וועג פון אונדזערע אָבות הקדושים.

דער רבי

צו די אַלטע וועגן האָט מען געגנוג פּאָליצעס ספרים, דאַרף מען קיין רבים נישט. ווער ס׳וויל רבי זיין, מוז אויסהאַקן נייע ליכטיקע וועגן.

ר׳ יצחק

מען טאָר אָבער, חס ושלום, דאָס אַלטע נישט מבטל זיין.

דער רבי

וואָס פאַר אַ פּנים דאָס אַלטע האָט, זעסטו דען נישט אַליין?

פשיסכער חסידים

או לאזנים שכך שומעות... (פויזע)

ר׳ יצחק

אפשר איז דאָך מעגלעך, מען זאָל זיך צוריקנעמען צום קרבן מנחה סידור?

דער רבי

צוריק?! מיר מוזן גיין וואָס אַמאָל העכער, העכער, און פלאַקערן יומם ולילה. ביי מתּן תּורה איז געווען „ההר בוער באש עד לב השמים״: דער באַרג האָט געפלאַקערט אין פייער ביז דאָס האַרץ איז געוואָרן הימלדיק. אַזוי מוזן מיר די גאַנצע וועלט צעפלאַקערן אין איין ליכטיקן הימל.

(פויזע)

ר׳ יצחק

אפשר קאָן מען פאָרט זוכן אַן עצה שלום צו מאַכן בין איש לאשתו? ווי קאָן מען צוקוקן ווי אַ יידיש קינדליידט אַזעלכע צרות?

דער רבי

יצחק! כ׳האָב אַזוי ליב די וועלט ווי דו. די וועלט וועט אָבער ערשט דעמאָלט אַ וועלט זיין, ווען זי וועט זיין אַן אויסגעלייזטע. מוז מען די אויגן פאַרמאַכן, מען זאָל גאָר נישט זען, נאָר דעם אור של משיח.

(פויזע)

שלמה, ווילסט אַהיימפאָרן?

שלמה

כ׳רייס מיר די האָר פון קאָפּ, וואָס כ׳בין אַזוי לאַנג אין חשכות געלעגן, אין הבלי עולם הזה זיך געטרונקען.

חיים

אַז מען טוט ווי די תּורה הייסט, איז הבלי עולם הזה?

שלמה

וואָלסט איין מאָל דאָס גרויסע ליכט דערזען, וואָלסטו געוווּסט, צו וואָס אַ מענטש לעבט אויף דער וועלט, וואָלסטו אַזוי נישט גערעדט.

דער רבי

נו, שלמה, וואָס ווילסטו?

שלמה

אלהות וויל איך!..

ר׳ יצחק

אפשר קאָן מען פּאָרט אַן עצה זוכן, ס׳זאָל קאָנען זיין שלום בין איש לאשתו? ער זאָל קאָנען אַהיימפאָרן און דאָך בלייבן אַן אמתער ייד?

דער רבי

אַ ייד קומט צו מיר נאָך אלהות, די וועלט איז אים ענג, דער גלות השכינה לאָזט אים נישט איינרוען — זאָל איך אים איבער אייערע שטותים אַהיימיאָגן?

(עס קומען אַריין יידענעס אָפּגעריסענע, מיט פאַרגרינטע אויסגעדאַרטע פּנימער)

יידענעס

זיי האָבן זיך דאָ אַנידערגעזעצט און אין דער היים איז קיין גראָשן נישטאָ מיט וואָס דאָס לעבן צו דערהאַלטן, אַהיים קומט! אַהיים! אַהיים!

פשיסכער חסידים (צו ר׳ יצחקן)

ווערט אונדזער רבי! ווערט אונדזער מנהיג! מיר קאָנען נישט צו־קוקן אַזאַ דרך, ווי מען מאַכט אומגליקלעך יידישע קינדער, יידישע משפחות!

בנימין

דאָס פייער גלעט נישט, וואַרעמט נישט — ס׳בריט!..

ר׳ יצחק

מיין האַרץ קאָן דאָס אויך נישט איבערטראָגן...

דער רבי

דער, וואָס וויל אויסלייזן אַ וועלט, מוז אַלץ קאָנען!

ר׳ יצחק

אויף טרערן בויט מען קיין גאולה נישט.

דער רבי

חבלי משיח ווו זענען?!

ר׳ יצחק

צו דעם זענען צדיקים, זיי זאָלן אויף זיך נעמען די חבלי משיח.

(פויזע)

רבונו של עולם! איך שטעל מיינע פּלייצעס אונטער, וואָס פאַר אַ צרות ס׳דאַרפן טרעפן דעם כּלל ישׂראל, זאָלן אויף מיין קאָפּ פאַלן. — כ׳בין אַלץ מקבל באהבה, כ׳וועל אַלץ דערטראָגן.

(פויזע)

מער דאָ זיין קאָן איך נישט. יידישע צרות רופן. בלייבט געזונט.

דער רבי

געדענק! מיט צען צדיקים האָט סדום געקאָנט ווערן געראַטעוועט, מיט טויזנטער שוטים קאָן מען נאָר אַליין אויך ווערן אַ שוטה. מער נישט. פאָר געזונטערהייט!

פשיסכער חסידים

מזל טוב, רבי!

(אַ חסיד ברענגט ר׳ יצחקן דעם פּעלץ, ר׳ יצחק טוט אים אָן. חסידים פלעכטן אַ ראָד אַרום ר׳ יצחקן. גייען זינגענדיק אַרויס. בנימין גייט נאָך פאַר־טרויערט)

יידענעס

אַ רבי, און מאַכט זיך נישט וויסן אַפילו. פרנסה גיט אונדז! פרנסה גיט!

ערשטע יידענע

מיר גייען אין דער היים אויס פאַר הונגער, פרנסה גיט!

יידענעס

מיר גייען אויס פאַר הונגער, פרנסה גיט!

צווייטע יידענע

אונדזערע קראַנקע קינדער היילט...

יידענעס

אונדזערע קראַנקע היילט...

דריטע יידענע

הייסט אונדזערע מענער אַהיימפאָרן...

יידענעס

הייסט אונדזערע מענער אַהיימפאָרן...

דער רבי

דרשו ד׳ בהמצאו: אַזוי שטאַרק ווי מען זוכט גאָט, אַזוי פיל געפינט מען אים. זוכט גאָט אָן אויפהער, אָן אָפּהאַלטן, דרשו!

(גייט אַרויס. יונגעלייט, חסידים דרייען זיך אַרום פּאַרמוחט)

חיים

קומט, מ׳וועט ס׳גאַנצע שטעטל פון די בעטן אַרויסנעמען! זאָלן יידן וויסן, ווי מען מאַכט אומגליקלעך יידישע קינדער.

דבורהלע

טאַטעשי, צו וואָס טויגן דיר אַזעלכע מעשיות?

חיים

דו רעדסט שוין אויך אַקעגן? קומט! קומט!

(חיים, דבורהלע, יידענעס אָפּ)

מרדכי יוסף

מענטשן ווי ווערעם, קאָנען די קעפּ פון דער ערד נישט אויפהייבן.

איטשע מאיר

זיי זענען אין עולם הזה דערטרונקען, דער אור קאָן זיי אַפילו נישט דערגרייכן.

מרדכי יוסף

און אַלע, וואָס דרייען זיך שוין יאָ דאָ אַרום, זענען טאָמאַשאָווער חסידים? די ערשטע צייט, אַ נייס, גיט אַ ברען. פאַרשטייען זיי טאָ־מאַשאָוו דורך און דורך?

איטשע מאיר

וואָלטן זיי טאָמאַשאָוו נישט משיג געווען, וואָלטן זיי בשום אופן די היים נישט אַוועקגעוואָרפן און דאָ געלעבט אין אַזאַ דחקות.

מרדכי יוסף

איך האָב טאַקע ספיקות, אַז ס׳וועט נישט אויסהאַלטן. היינט — אַ שווער, מאָרגן — אַ ווייב, דערנאָך אפשר — אַ חרם, ווער קאָן וויסן? זיי זאָלן נישט מיד ווערן.

איטשע מאיר

דער רבי וועט נישט צולאָזן, זיינע ווערטער זענען אש להבה.

מרדכי יוסף

ווערטער זענען נישט פאַר אַלע גלייך. הערט מען זיך נאָר צו און מען האַלט נישט דערביי, קאָנען די ווערטער נאָר אויפוועקן, אָבער בשום אופן נישט צעאַקערן די גאַנצע נשמה, זי זאָל ווערן אַ בריה חדשה.

איטשע מאיר

דעם רבינס ווערטער קאָנען אַפילו מחיה מתים זיין.

מרדכי יוסף

פאַר דעם וואָס פאַרשטייט, וואָס זעט דאָס גרויסע פייער, וואָס ברענט הינטער יעדן וואָרט. כדי אָבער דאָס צו זען, מוז מען שוין האָבן אַדורכגעגאַנגען אַ וועלט מיט צרות. זיך געבאָדן אין טייכן אייגן בלוט,

מען זאָל שוין מיט אַלע אברים מרגיש זיין, וואָס פאַר אַ ווערט די וועלט האָט.

הירש

ס'וועט געזינטער זיין פאַרן עולם, אַז זיי וועלן אַזעלכע ווערטער נישט הערן.

מרדכי יוסף

אין טאָמאַשאָוו האָט מען שוין אויך מורא פאַר אַן אמת וואָרט?

איטשע מאיר

נו, וואָס זאָגסטו איז די עצה דערצו?

מרדכי יוסף (נאָך אַ פויזע)

וועט זיך דער עולם אויפהייבן אויף אַזאַ מדרגה צו קאָנען זען דעם ריכטיקן פרצוף פון דער וועלט און גאַרן נאָך אַן עולם שלם, נאָך אַ וועלט אַ גאַנצע, אַן אויסגעלייזטע, ווו ס'זאָל קיין האָר פון דעם שפלדיקן און מנוולדיקן נישט בלייבן — דעמאָלט וועט טאָמאַשאָוו זיין טאָמאַשאָוו. אויב נישט — ווער ווייסט!

הירש

דער עולם האָט נאָך היינט נישט איבערגעביסן.

מרדכי יוסף

האָסט אַ ביסל אָקעוויט, מהיכא תיתי.

הירש

ס'שטייט שוין גרייט.

(גייט מיט איטשע מאירן און מרדכי יוספן צו צום טיש. צום עולם)

וואָס גייט איר נישט אַהער? עפּעס יידעלעס פון אייך געוואָרן?

(אַלע גייען צו. אייניקע זעצן זיך, די אַנדערע שטייען אַרום)

מרדכי יוסף

לחיים!..

אַלע

לחיים! לחיים!..

איטשע מאיר

קאָן מען זיין באמת בשׂמחה, איז אַ סימן, אַז די סטרא אחרא האָט שוין קיין שייכות נישט. לחיים! לחיים!

(אַלע וואַשן זיך, טרינקען לחיים. עסן און טרינקען פאַרטראַכט)

איטשע מאיר

מרדכי יוסף, זאָג עפּעס!

מרדכי יוסף

דאָס וואָס מען קאָן נאָך מלביש זיין אין ווערטער, וואָס פאַר אַ ווערט קאָן עס שוין האָבן?

איטשע מאיר

דערציייל עפּעס!

מרדכי יוסף (קלערט אַ ווײַלע)

מיר זענען אַמאָל, די גאַנצע חבריא, געזעסן ביים רבין ר' בונם פון פשיסכע, זכרונו לברכה, איז אַריינגעקומען אַ ליטוואַק און געפרעגט אַ שאלה כהאי לישנא: ס'שטייט אין תּנא דבי אליהו, אַז מען פאַסט אַכציק תּעניתים, איז מען זוכה צו גלוי אליהו. איך האָב שוין הונדערט תּעניתים געפאַסט און איך האָב נאָך אליהון נישט געזען.

משה קלמן

וואָס אַ ליטוואַק קאָן!.. אַן איינשטעלעניש.

מרדכי יוסף

האָט ער זכרונו לברכה זיך אָנגערופן: כ'וועל דיר דערציילן אַ מעשׂה. איין מאָל דאַרף דער בעל שם טוב הקדוש אין מרחקים, שפּאַנט אַלעקסי די פערד, און דער בעל שם טוב לאָזט זיך אין וועג אַריין. כדרכו בקודש האָט ער קפיצת הדרך. די פערד אָבער, וואָס

זענען געווינט געוואָרן ביי יעדער קרעטשמע פרעסן צו קריגן, זעען, ווי מען פליט איין קרעטשמע פאַרביי און מען שטעלט זיך נישט, טראַכטן זיי, מען האָט אַוודאי פאַרגעסן, ביי דער צווייטער קרעטשמע וועט מען שוין זיכער עסן געבן. מען פליט אָבער די צווייטע אויך אַדורך און ווייטער דאָס אייגענע, פאַלט זיי איין אַ מחשבה: זיי זענען פריצישע פערד, וואָס עסן ערשט ביי יעדער דריטער קרעטש־מע. מען פליט אָבער פאַרביי איין קרעטשמע נאָך דער אַנדערער, מען שטעלט זיך אַלץ נישט. זענען זיי זיכער, אַז זיי זענען גאָר מענטשן, וואָס עסן ערשט ביי יעדער צענטער קרעטשמע. די צענטע, די צוואַנציקסטע פליט אָבער אויך אַדורך, מען גיט ווייטער נישט עסן, טראַכטן זיי שוין: מיר זענען מלאכים, וואָס דאַרפן אין גאַנצן נישט עסן. און ער זכרונו לברכה איז מסיים: דעם בעל שם טובס פערד זענען דעמאָלט טאַקע געווען בבחינת מלאכים, נאָר אַזוי ווי מען האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי פרעסן געגעבן, האָבן זיי זיך, ווי די פערד, צום פרעס צוגעכאַפּט — זענען זיי צוריק געוואָרן פערד. תעניתים זענען דעמאָלט פועל, ווען נאָכן תענית איז דאָס עסן ווייטער מיט קדושה. כאַפּט מען זיך אָבער צו צום עסן ווי אַ פערד, בלייבט מען אַ פערד.

## משה קלמן

תעניתים זענען דאָך אַ גרויסע זאַך...

## מרדכי יוסף

ווער דאַרף תעניתים? דער קאָפּ דאַרף נאָר נישט ליגן אין הבלי עולם הזה, אָבער תעניתים? חס ושלום!

## משה קלמן

מיט תעניתים קאָן מען דאָך אַ סך פועל זיין.

מרדכי יוסף

אַז מען פֿאַסט, האָט מען שוין אין זינען דעם גוף: מען וויל אים פּייניקן, מכניע זיין, אָבער אַן אָרט פֿאַרנעמט ער דאָך. דעם גוף דאַרף מען אין גאַנצן נישט אין זינען האָבן. ער דאַרף נישט תּופס מקום זיין...

איטשע מאיר

אַ תּענית איז גוט פֿאַר אַ פּרומען. מיר זאָגן: אַ פּרומער איז אַ קרומער.

חיים ברוך

פֿאַרוואָס טאַקע, ער איז דאָך פּרום?

איטשע מאיר

ביסט אַ שוטה! אַ מתמיד האָט נישט קיין צייט צו קאָנען לערנען, אַ פּרומער קאָן נישט געדענקען אין גאָט ברוך הוא: אפשר אַ וואָרט נישט גוט אַרויסגעזאָגט, די הענט נישט גוט געוואַשן, די יאַרמולקע נישט געווג פֿאַררוקט — פֿאַרגעסט ער דערווייל אין גרויסן אמת, אין דער גאולה שלימה.

(ס׳דערהערן זיך קולות פֿון דער גאַס)

קולות

פּושעים! עוכרים! הולטייעס! מען דאַרף זיי קורע כדג זיין! עוקר מן השורש זיין! פֿון יידישע שטובן ווען זיי אַ תּל מאכן?! לעבע־דיקע עגונות איבערלאָזן?!

חסידים

די שקצים גייען. וואָס טוט מען?

מרדכי יוסף

שוין?! איר האָט שוין גאָרנישט וואָס צו טאָן? דאָס וויל אַ וועלט איבערמאַכן?! משיח׳ן ברענגען?!

קולות

מען קאָן אין שטעטל נישט איינרוען. יעדן טאָג אַ פריש געוויין. מען מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף מאַכן צו די פושעים.

חסידים

זיי זענען מחרף ומגדף...

הירש בער

מתים קאָנען שעלטן?! מתים קאָנען מחרף ומגדף זיין?!

(חיים, עטלעכע יידן פון המון קוקן אַריין דורך די פענצטער)

חיים

מען זיצט, מען פרעסט און מען זויפט גאַנצע נעכט און זאָגן נאָך, אַז זיי זענען חסידים!.. שלעפן יונגעלייט פון די היימען אַרויס, ווייבער בלייבן עגונות. יידן! מען טאָר דאָס נישט צולאָזן!..

הירש בער

די וויעטשערע חלילה וועט נאָך קאַלט ווערן. די ווייכע פיעזשינעס שוין געבעט.

המון (אין דרויסן ביים פענצטער)

מיר ווייסן אַליין, וואָס מיר האָבן צו טאָן. עצות, האָט מען וועמען צו פרעגן...

הירש בער

ס׳פעקל ביינער נאָך אַ גאַנצן טאָג שנאָרן גאַרט נאָך רו. מתים דאַרפן רוען! מתים דאַרפן שלאָפן!

המון

מען וועט אייך באַלד ווייזן אַ חוזק מאַכן, פושעים! איר זענט ערגער ווי די מתים.

הירש בער

אָבער קיין מתים נישט...

המן

אַ תּל מוז מען פון זיי מאַכן...

(וואַרפן אַריין שטיינער)

חיים

לאָמיר נישט קיין מורא האָבן! לאָמיר מיט שטעקנס די טמא־מטומאניקעס די ביינער צעברעכן.

חסידים

זיי זענען מבזה...

מרדכי יוסף

קליינע מענטשעלעך, מיט דעת פאַר אַ גראָשן, רצון — פאַר אַ דרייער, קענען מבזה זיין?! פאַרוואָס טרינקט מען נישט?!

(גיסן אָן בראָנפן און טרינקען. אַ טייל זיצן ביי די גלעזלעך פאַרקלערט)

חיים

האָט נישט קיין מורא, קומט אַריין אינעווייניק! לאָמיר זיי די ביינער צעברעכן. אָט שיכּורט מען שוין ווייטער, אַזעלכע שמד־שטיק זאָלן צווישן יידן אָפּגעטאָן ווערן?! יידן, איר וועט דאָס שטעטל פאַרזינדיקן!..

קולות

לאָמיר ראַטעווען די שטאָט!

חיים

האָט נישט קיין מורא, קומט!.. קומט!..

(חסידים ברומען שטיל אַ ניגון)

קולות

קומט!.. קומט!..

(עס קומען אַריין יידן אין שפּענצער־הויזן, מיט שטעקנס אין די הענט. שטעטלדיקע יידענעס אין שלאָף־קופּקעס, און פאַטשיילעס איינגעהילט. לויפן

צו צום טיש. דבורהלע, יידענעס לויפן פון הינטן נאָך מיט פאַרבראָכענע הענט)

דבורהלע

אוי, וואָס גייען זיי טאָן!..

(מרדכי יוסף שטעלט זיך אויף, קוקט זיי אָן פעסט אַנטשלאָסן. המון בלייבט שטיין אומבאַוועגלעך מיט אויפגעהויבענע שטעקנס. די טיר עפנט זיך. דער רבי קומט אַריין. חסידים שטעלן זיך שנעל אויף. הערן אויף זינגען)

דער רבי

וואָס איז דאָס בייזע אָנגעלויף?

(המון שטייט דערשראָקן)

דער רבי

אָקסן! וואָס האָט איר זיך אַנידערגעשטעלט?

(דער גאַנצער המון מיט חיימען בראש אַנטלויפן. דער רבי גייט צו פּאַמעלעך צום טיש. קוקט יעדן אָן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. דער פחד צווישן עולם וואַקסט. אייניקע באַהאַלטן זיך אונטערן טיש. אַנדערע שפּרינגען אַרויס דורך די פענצטער, די איבערגעבליבענע ציטערן פאַר פחד)

דער רבי

גאָט זאָגט: ויקחו לי תּרומה, איר זאָלט מיך נעמען נבדלדיק, אָפּגע־שיידט פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלעם, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו דער וועלט. האָט מען שוין קיין איין האָר אין דעם עיפּוש נישט שטעקן, האָט דאָס ערב רב מער קיין שליטה נישט.

(פאַרהאַנג פאַלט).

## דריטער אקט

אַ בית המדרש, אין פאָדערגרונט — אַן ארון־קודש, דערנעבן — אַ שטענדער, רעכטס און לינקס — צוויי טישן און בענק ביי די זייטן. אין דער מיט — אַ באַלעמער. רעכטס אַ טיר. דערנעבן אַן אויוון.
מרדכי יוסף דרייט זיך אַרויף און אַראָפּ שטאַרק פאַרקלערט. שלמה וואַרעמט זיך ביים אויוון. הירש בער שטייט ביים באַלעמער פאַרטראַכט, רייביקט מעכאַניש די ליולקע־ציבעך. אַ טייל חסידים ליגן אויף די בענק און שלאָפן. אַנדערע דרייען זיך אַרום פאַרזאָרגט, זיפצן. חברה יונגעלייט, צווישן זיי חיים ברוך, שטייען נישט ווייט פון דער טיר.

חיים ברוך

(כאַפּט אָן אַ יונגיטשקן יונגנמאַן ביי דער קייט)

וואָס?! דעם גאָלדענעם זייגער האָסטו נאָך?!

יונגערמאַן

ווען כ׳בין פון דער היים אַוועקגעפאָרן, האָב איך דעם זייגער מיטגענומען. כ׳ווייס, ווי ס׳מאַכט זיך אַמאָל, על כל צרה שלא תבוא, זאָל זיין וואָס צו פאַרזעצן.

חיים ברוך

געהערט דיבורים פון אַ שניעק?! און תּיקון ווו איז?

יונגעלייט

ערשט נישט לאַנג געקומען. ער ווייסט נאָך נישט די מנהגים.

חיים ברוך

דער תּירוץ איז גוט! עס איז אַ בזיון, אַז איר לאָזט עס צו.

יונגעלייט

נו, וואָס זאָל מען טאָן?

חיים ברוך

אַ שיינע שאלה, וואָס הייסט וואָס מען זאָל טאָן?

(כאַפּט אָן די קייט, רייסט) אַהער אויף תּיקון!..

יונגערמאַן

לאָז אָפּ, מאַך נישט קיין געלעכטער...

חיים ברוך

ווו ביסטו, שוטה איינער?

(רייסט ווייטער ביי דער קייט)

גיב שוין, זאָג איך דיר!

יונגערמאַן

ס'איז מיין גאַנץ פאַרמעג...

חיים ברוך

ער זאָרגט דאָך גאָר וועגן פאַרמעגן?! וואָלסט געדאַרפט קומען קיין קאָצק מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, וואָלט מען דיך געלערנט שׂכל. אַהער דעם זייגער!..

יונגערמאַן

אַז דער שווער וועט געוואָר ווערן, גט ער מיך באַלד אָפּ.

יונגעלייט

וואָס האָסטו אַזוי מורא פאַרן שווער? יעדער האָט אַ שווער און מען מאַכט נישט פון אים קיין עסק.

יונגערמאַן

כ'וועל מיך אין דער היים נישט קאָנען ווייזן...

חיים ברוך

זעקס זייגערס אויף תּיקון זענען אויך ווייניק פאַר אַזאַ שלאַק ווי דו ביסט.

(כאַפּט אים אָן ביי דער קייט, רייסט פעסט)

**יונגערמאַן** (ווערט זיך)

מאַך דיך נישט צו נאַר...

**יונגעלייט**

גיב דעם זייגער, מאַך נישט קיין קונצן! אַז דו וועסט נישט געבן, וועט מען דיך אַנידערלייגן און אַליין אַרויסנעמען...

**חיים ברוך**

וואָס זאָגט איר נישט צו אַזאַ פריץ? אַמאָל, אַז אַ יונגערמאַן איז געקומען קיין קאָצק האָט ער אין אַלעם פאַרגעסן. מען האָט גאָר נישט געדענקט אַפילו, אַז ס׳איז דאָ אַ היים אויף דער וועלט. היינט קומען זיי צו פאָרן מיטן גאַנצן פעקל. וואַזשנע חסידים וועט פון אייך אַרויסוואַקסן! נעמט אים, אַ סוף!

(יונגעלייט מיט חיים ברוך׳ן אַמפּערן זיך מיטן יונגנמאַן, ער אַנטלויפט, זיי לויפן אים נאָך, כאַפּן אים אָן ביי דער פּאָלע)

**יונגערמאַן** (לויפנדיק)

לאָזט אָפּ!.. לאָזט אָפּ!..

**הירש בער**

שניעקעס! וואָס מאַכט איר אַזאַ גערודער? ס׳זעט דאָך שוין באַלד אויס ווי ביי אַ דרדקי מלמד...

**חיים ברוך**

מען וויל פון דעם פריץ דעם גאָלדענעם זייגער אויף תּיקון, וויל ער נישט געבן.

**הירש בער**

ער וויל נישט געבן? מאַכט מען אים אַ משכּנתּא און מען לאָזט אים גיין. פון קיין פערד נעמט מען קיין תּיקון נישט! נעמט אים אַרויס אין הויז אַריין, גיט אים זיין חלק און פּטור אַן עסק.

(יונגעלייט שלעפּן דעם יונגנמאַן אַרויס, מיט אַ גרויס געלעכטער, ער אַמפּערט זיך, וואַרפט מיט די פיס)

(שלמה גייט אַוועק פון אויוון צעטראָגן. מרדכי יוסף גייט אַדורך ז׳ערזעט אים).

מרדכי יוסף

שלמה, זעסט דאָך אויס ווי אויפן עולם התוהו...

שלמה

כ׳קען מיר קיין אָרט נישט געפינען...

מרדכי יוסף (צו די יונגעלייט)

שלעפּט שוין אַרויס דעם פּגר! מען קאָן קיין וואָרט איבער די שוטים נישט שמועסן.

(צו שלמהן) וואָס זאָגסטו?

שלמה

כ׳קאָן מיר קיין עצה נישט געבן.

מרדכי יוסף

וואָס איז דיר געשען?

שלמה (נישט דרייסט)

כ׳בין קיין מענטש נישט...

מרדכי יוסף

שעם דיך נישט, זאָג!

שלמה

כ׳קלער איבער פון דעם היים.

מרדכי יוסף

וואָס עפּעס פּלוצלונג?

שלמה

כ׳ווייס אַליין נישט. ווען איך בין געקומען קיין טאָמאַשאָוו, דערנאָך.

די ערשטע צייט אין קאָצק, האָט די גאַנצע וועלט ביי מיר אויסגעזען ווי אַ שטות. כ׳האָב קיין מאָל פון דער היים נישט איבערגעקלערט, געזאָרגט — אַוודאי און אַוודאי נישט. כ׳ווייס נישט וואָס אַ מענטש האָט צו טאָן אויף דער וועלט? די לעצטע צייט אָבער קאָן איך מיר קיין אָרט נישט געפינען...

מרדכי יוסף

וואָס מיינסטו ביסט אַ יחיד?

שלמה

כ׳ווייס, דער רבי זאָגט: אַז מען וויל שטאַרק, מען האָט דעם אמתן רצון, קאָן מען אַלע מניעות גובר זיין. בין איך טאַקע שוין אַזאַ קאַליקע, אַז כ׳קאָן שוין אַפילו נישט וועלן?

מרדכי יוסף

יעדער גייט אַדורך אַזעלכע ענינים. ווי מען קאָן, מוז מען זיך העלפן.

שלמה

צום רבין האָב איך מורא צו גיין דערציילן: ער וועט מיך אָנשרייען און אַרויסוואַרפן...

מרדכי יוסף

זעט מען די וועלט מיט אָפענע אויגן, איז מען משיג דעם תהום צווישן שקר און אמת. קאָן דען זיין עפעס פשוטערס, ווי אַוועקצר־וואַרפן דעם שקר און לויפן צום אמת? איז דיר שווער, דאַרפסט ערשט מלחמה האַלטן — איז אַ סימן, אַז דו ביסט נישט משיג.

שלמה

אָבער ווי אַזוי הייבט מען אָן עפעס צו טאָן, אַז כּוחות רעות יאָגן נאָך.

מרדכי יוסף

דו גייסט נישט בהדרגה, נאָר דו ווילסט באַלד ווערן אַ גרויסער מענטש. דו האַלטסט אָבער נאָך נישט דערביי, איז דיך די שטענדיקע

מלחמה נאָר מבלבל, ווייסט גאָרנישט ווו דו ביסט אויף דער וועלט.

שלמה

אָבער וואָס טוט מען, אַז דער רבי וויל אַפילו נישט הערן פון אַזעלכע שטותים.

מרדכי יוסף

ביסט נישט קיין יחיד, צו אַ צרת רבים וועט זיך מוזן געפינען אַן עצה. (יונגעלייט קומען אַריין פאַרשוויצט, סאָפּען) די לײדיקגייערס זע־נען שוין ווייטער דאָ! פילט מען, אַז מען קאָן אַנדערש נישט לעבן נאָר מיטן אייגענעם רצון, האָט טאַקע דאָס נאָכגעמאַכטע, דאָס מוזן, קיין אָרט נישט. אָבער גלאַט הפקרות?

שלמה

אַ פּלא, אַז דער רבי לאָזט עס צו!..

מרדכי יוסף

ער מיינט, אַז יעדער איז אַזוי משיג דאָס שפלות פון דער וועלט ווי ער, אַז אין יעדן ברענט אַזאַ אש של גאולה ווי ביי אים. דאָס קליינ־וואַרג דאַרף דרדקי מלמדים! (גייט אַוועק פאַרטראַכט)

(הירש קומט אַריין גייט צו צום באַלעמער, גיט אַ קלאַפּ. די חסידים, וואָס שלאָפן אויף די בענק, כאַפּן זיך אויף, בלייבן זיצן. די איבעריקע, וואָס דרייען זיך אַרום, שטעלן זיך אָפּ)

הירש

דער עולם האָט נישט מיט וואָס זיך ס׳חיות צו דערהאַלטן, דאַרף מען גורל וואַרפן, ווער ס׳זאָל מאָרגן גיין אַרבעטן פאַרן כלל, כדי אַ פּאָר מטבעות צו ברענגען.

חסידים

פאַרוואָס געזעגנט מען נישט? אַז מען וועט קאָנען אַהיימפאָרן, וועט מען די אַלע עסקים נישט דאַרפן.

הירש בער

שוין אויפגעכאַפּט זיך?! אויסגעגלייכט די פּעקלעך ביינער?!

א חסיד

(שטעלט זיך אויף)

ווען דו וואָלסט געהאַט אַזעלכע צרות ווי איך, וואָלסטו אַזוי נישט געלאַכט! אַ ווייב אין דער היים, דערוואַקסענע קינדער שידוכים צו טאָן — און דאָ איז אַפילו קיין דרייער נישטאָ, זיי אַהיים צו שיקן אויף אָנבייסן...

הירש בער

ס'איז באמת גלייכער אַז דו שלאָפסט. עפּעס העכערס קענסטו שוין זיכער נישט טאָן.

חסידים

אָבער פאַר וואָס געזעגנט מען נישט?..

הירש

(קלאַפּט אין באַלעמער)

נו, זייט שוין שטיל! מען קאָן דאָך קיין וואָרט נישט הערן.

מרדכי יוסף

וואָס מאַכסטו דיך צו נאַר, זעסט נישט וואָס זיי ווילן?

יונגעלייט

אַ פריש עסק ווייטער! צו דעם איז מען אַהער געקומען?

הירש בער

איידער אַזאַ קומען, איז גלייכער אַז איר ליגט אין דער היים.

הירש

וואָס איז דאָס פאַר אַ נייס? אין טאָמאַשאָוו איז יאָרן לאַנג יעדן טאָג, אַן אַנדערער געגאַנגען אַרבעטן.

חסידים

וואָס ווען די ווייבער און קינדער אין דער היים טאָן? פאַר וואָס געזעגנט מען נישט?

הירש

דעם רבין גייט איר שוין אויך דעות זאָגן, וואָס ער זאָל טאָן?!

חסידים

ס׳איז דאָך שוין נישט אויסצוהאַלטן!

הירש

וויל קיינער נישט גיין פאַרן כלל אַרבעטן?

הירש בער

מען זאָל די וועלטס פּרצוף נישט דאַרפן אָנצוקוקן — גיי איך שוין.

הירש

דו ביסט אַן אַלטער, האָסט קיין כּוחות נישט.

הירש בער

די וואָס האָבן יאָ כּוחות, ווייסן אָבער נישט, וואָס מיט זיי צו טאָן.

מרדכי יוסף

וואָס מאַכסטו דיך צו נאַר? מיט איין שוואַלב ועסטו קיין זומער נישט מאַכן.

(הירש גייט אַוועק פון באַלעמער אַ בייזער. לויפט אַרויס)

הירש בער (צו שלמהן)

שלמה, וואָס האָסטו עפּעס געהאַט אַזאַ שאַרפן שמועס מיט מרדכי יוספן?

שלמה

פון ספיקות האָט מען געשמועסט.

הירש בער

ספיקות? מען גיט אַ רייב אין שטערן און פּטור!

שלמה

כ׳בין גאָר קיין לייט נישט...

הירש בער

ווער לאָזט דיך נישט? ביסט קראַנק און געשוואָלן צו זיין אַ מענטש?

שלמה

און אַז כוחות רעות יאָגן נאָך?

אַ חסיד

און אַז מען דאַרף פּרנסה?

הירש בער

ווייזט מען זיי די טיר!

שלמה

אַז דאָס העלפט אויך נישט?

הירש בער

וואַרפט מען זיי די לאַטשן אויך נאָך!

שלמה

און אַז מען קאָן נישט?

הירש בער

ביסטו דאָך גלאַט אַ שלאַק...

אַ חסיד

אַז אַ קרויט אויפן קאָפּ איז ביי דיר אויך רעכט, איז יעדער אַ שלאַק.

הירש בער

אַז אַזאַ שוטה ווי דו, דרייט זיך אַרום אין קאָצק, איז אַ קרויט אַ מלבוש מלכים.

שלמה (קרעכצט)

ס'איז גלייכער מען רעדט נישט דערפון. וואָס קאָנען העלפן דיבורים?

(גייט צום אויוון צו)

(כאָסקעלע קומט אַריין)

הירש בער

שלום עליכם, כאַסקעלע!

כאַסקעלע

עליכם שלום!

הירש בער

פון וואַנען קומסטו עפּעס אַהער?

כאַסקעלע

צייט דער רבי האָט זיך פון טאָמאַשאָוו אַוועקגעצויגן, האָב איך גאָרנישט וואָס צו טאָן. די בעלי־בתים גייען באַלד נאָך מנחה־מעריב אַהיים. נישטאָ ווער ס'זאָל אַ טרונק טאָן, אַ ברכה מאַכן.

הירש בער

ביסטו אַהערגעקומען מצוות זוכן?

כאַסקעלע

יאָ, אפשר ווייסט איר וווּ כ'קאָן דאָ אַ קאַן קריגן, וועל איך וואַסער ברענגען.

הירש בער

כאַסקעלע, ביסט אויס יחסן געוואָרן. ווו מען רירט זיך — בלויז כאַסקעלעך.

כאַסקעלע

וואָס זאָגט איר?

הירש בער

מיט דיר איז גוט, דו ווייסט — ביסט אַ כאַסקעלע און פּטור. זיי זענען כאַסקעלעך און רעדן זיך נאָך איין, זיי זענען גרויסע מענטשן.

כאַסקעלע

כ'ווייס נישט וואָס איר זאָגט?

הירש בער

וואָלסט געוווסט, וואָלסטו דאָך נישט געווען קיין כאַסקעלע.

כאַסקעלע

אפשר ווייסט איר דאָך, ווו כ׳וועל קאָנען אַ קאַן קריגן, וואַסער צו ברענגען?

הירש בער

גיי אַרויס און זוך, אַז מען זוכט געפינט מען.

(כאַסקעלע גייט אַרויס)

(דבורהלע, פאַרעלטערט, איינגעהילט אין אַ פאַטשיילע, קומט אַריין, בלייבט שטיין ביי דער טיר)

דבורהלע

שלמה! שלמה!

שלמה (ציטערט אויף. גייט צו דער טיר צו)

ווען ביסטו געקומען?

דבורהלע

ערשט איצט...

שלמה

וואָס עפּעס פּלוצלונג?..

דבורהלע

אַן אומגליק...

שלמה (דערשראָקן)

וואָס איז געשען?..

דבורהלע

דער טאַטע נעבעך...

שלמה

וואָס איז געשען? זאָג! צי מיר נישט דאָס חיות אַרויס!

דבורהלע

דער טאַטע זאָל זיין אַ מליץ יושר...

שלמה

ברוך דיין אמת!

(פויזע)

ווען איז דאָס אומגליק געשען?

דבורהלע

פאַר צוויי וואָכן...

שלמה

אַזוי? ער האָט לאַנג געקרענקט?

דבורהלע

אַ שיינע פאָר וואָכן. ס׳גאַנצע פאַרמעגן פאַרקרענקט. ווי לאַנג כ׳האָב געקענט, האָב איך דיך נישט געוואָלט שטערן מיט מיינע שטותים. מן הסתּם פאַרשטייסטו בעסער פאַר מיר... איצט האָב איך שוין אָבער קיין שום עצה נישט...

שלמה

וואָס זאָל איך טאָן? וואָס קאָן איך העלפן?

דבורהלע

וועסט אַהיימפאָרן, אַ שטיקל פרנסה זוכן, זאָלסט אונדז קאָנען מפרנס זיין.

שלמה

אַהיימפאָרן? דאָס וועט זיין מיין תּכלית? לעבעדיקערהייט זיך לייגן אין דער בלאָטע אַריין?

דבורהלע

דו מוזט. ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער עצה. איך בין גאָרנישט בכוח צו טאָן. די קרענק פון טאַטן, ער זאָל זיין אַ מליץ יושר, האָט מיך אויס מענטש געמאַכט. כ׳שטיי קוים אויף די פיס.

שלמה

וואָס איז דיר?

דבורהלע

אַ קליינינקייט, אַזוי פּיל וואָכן ביי טאָג און ביי נאַכט אומצוגיין מיט אַ קראַנקן. מען טאָר נישט באַלמוטשען. שלומ׳ל איז אַליין אין דער היים. פרעגסט דיך אַפילו גאָרנישט אויפן קינד?

שלמה

יאָ, וואָס מאַכט ער שלומ׳ל? עפּעס אַ ווילער בחור?

דבורהלע

קיין עין הרע אַ טייער קינד, דער אייבערשטער זאָל העלפן מען זאָל דערלעבן פון אים אַ סך נחת. נו, וואָס זאָגסטו? ווען פאָרט מען?

שלמה

אָבער ווי קאָן איך אַהיימפאָרן? כ׳וועל מיך קיין איין שעה אין דער פינצטערניש נישט קאָנען דערהאַלטן.

דבורהלע

וועסט אונדז לאָזן אויסגיין פאַר הונגער?

שלמה (צו זיך)

לאָזן אויסגיין פאַר הונגער אַ ווייב מיט אַ בן יחיד, וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

דבורהלע

וועסט נישט פאָרן? האָסט אַן אַנדער עצה?

שלמה

כ׳האָב נישט קיין אַנדער עצה, זאָגסטו? און פון מיר וואָס וועט ווערן? אַ שנאָרער ווי אַלע שנאָרערס? ניין! איך מוז זיין אַ מענטש! (בייסט זיך דאָס בערדל) וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך?

דבורהלע

גיי צום רבין זאָל לעבן, וועט ער דיך בענטשן מיט אַ לייכטע פּרנסה.

שלמה

צום רבין?

(קרעכצט)

אונדזער רבי פאַרנעמט זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכן.

דבורהלע

אַ רבי, אפשר וועט ער אַ מופת באַווייזן, זאָלסט אַזוי געהאָלפן ווערן.

שלמה

דער רבי וואָס האָט נישט וואָס צו לערנען, ווייזט מופתים. אונדזער רבי גיט זיך נישט אָפּ מיט אַזעלכע שטותים.

דבורהלע

וואָס דען איז אַ רבי?

שלמה

מאַך דיך נישט צו נאַר. ס'איז נישט קיין ווייבערישע זאַכן.

דבורהלע

מעגסט זאָגן, ס'וועט דיר גאָרנישט שאַטן.

שלמה

אַן אמתער רבי פאַרלייכט די אויגן, ווייזט דעם וועג צו גאָט.

אַ יונגערמאַן

שלמה, ביסט דאָך עפּעס געוואָרן אַ יידענע! שטעלסט זיך מיט ווייבער שמועסן?

דבורהלע

און אַז מען דאַרף געהאָלפן ווערן וואָס טוט מען?

שלמה

פרעג שוין נישט אַזוי פיל שאלות.

**אַ יונגערמאַן** (גייט צו צו די יונגעלייט)

קוקט נאָר אָן וואָס פאַר אַ לייט ס׳איז פון שלמהן געוואָרן. מיט יידענעס שטעלט ער זיך גאָר אַנידער שמועסן. לאָמיר אים מאַכן אַ משפּנתּא!

**יונגעלייט**

אַ משפּנתּא! אַ משפּנתּא!

**הירש בער**

ווו זענט איר שניעקעס, אויף אַ יאַריד?

(כאַסקעלע קומט אַריין)

**כאַסקעלע**

ווער וויל אַ ברכה מאַכן? אַ פריש ביסעלע וואַסער טרינקען?

(צו שלמהן מיט דבורהלען)

טרינקט אַ ביסל וואַסער, איר וועט אייך דערפרישן.

**שלמה**

כאַסקעלע הער שוין אויף מיט דיינע שטותים!

**דבורהלע**

וואָס ביסטו אַזוי בייז אויף דעם ייד? וואָס איז ער דיר שולדיק?

(נעמט אַ ביסל וואַסער. טרינקט)

**הירש בער**

כאַסקעלע! צו ווייבער האָסטו דיך שוין גענומען?

**כאַסקעלע**

ס׳איז דאָך אַ מצווה.

(גייט אַוועק. נעמט אַרויס אַ תהילימל, זעצט זיך אין אַ ווינקעלע. זאָגט תהילים)

**דבורהלע**

נו, וואָס זאָגסטו? וואָס פאַר אַן עצה האָסטו אויסגעקלערט?

שלמה

כ׳וואָלט באַדאַרפט זאָרגן בלויז וועגן פּרנסה וואָלט איך מיר שוין לאַנג אַן עצה געגעבן. כ׳בין נישט אַזאַ שלימזל ווי דו מיינסט!

(צו זיך)

וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך? איינשפּאַנען זיך ווי אַ פערד ביז כ׳ועל ווערן אַ פערד קאָן איך נישט, בשום אופן נישט. כ׳וויל זיין אַ מענטש! כ׳מוז זיין אַ מענטש!

דבורהלע

ווילסט נישט פאָרן?

שלמה

דאָס איז נעבעך די גאַנצע צרה, אַז כ׳ווייס אַליין נישט וואָס איך וויל... ס׳וועט דאָך מוזן זיין אַן עצה! ביסט דאָך אַוודאי מיד נאָך אַזאַ וועג, גיי אויף אַן אכסניא, רו דיך אַ ביסל אויס.

דבורהלע

אַז דו וועסט נישט פאָרן, קאָנען מיר אין דער היים חלילה אויסגיין פאַר הונגער.

שלמה

וועסט מאָרגן אַריינקומען וועט מען אַלץ איבערשמועסן. גיי דיך אויסרוען, איך וועל דערווייל קלערן אַ שטיקל עצה.

דבורהלע

איך גיי, נאָר געדענק, שלומ׳ל איז אַליין אין דער היים.

שלמה

כ׳געדענק אַלץ גאַנץ גוט. אַ גוטע נאַכט!

דבורהלע

אַ גוטע נאַכט. (אָפּ)

(חסידים שלעפן זיך פאַמעלעך צום אויוון צו. וואַרעמען זיך.

ערשטער חסיד (גענעצט)

מען דרייט זיך אַרום אָן אַ ביסל שׂמחה. ס׳ליגט אויף אַלעם אַ משונהדיקע טרויעריקייט.

צווייטער חסיד

ביי אַנדערע גוטע יידן איז ליכטיק, לעבעדיק. מען הוליעט, מען מאַכט סעודות, אַ מחיה.

דריטער חסיד

אַז אַנדערע גוטע יידן רעדן, ווערט אַזוי גוט אויף דער נשמה, אַזוי לייכט, ווי ס׳וואָלטן פליגל אָנגעוואַקסן, און אַז אונדזער רבי רעדט — ווי מען וואָלט געשמיסן מיט פייערדיקע ריטער.

ערשטער חסיד

קיין מאָל קיין גוט וואָרט נישט, קיין פנים שוחקות.

צווייטער חסיד

און ערשט אין דער היים?

דריטער חסיד

אין דעם טאָר מען זיך אַפילו נישט דערמאָנען, שוין גאַנצע צוויי חדשים ווי מען האָט קיינעם נישט געזעגנט.

ערשטער חסיד (שטיל)

מען שמועסט, מרדכי יוסף גרייט זיך עפעס, ער וועט דאָס נישט צולאָזן. אַ גרויסער צדיק קאָן די עינויים קשים פון יידן נישט צוזען.

צווייטער חסיד

וואָס שווייגט ער, וואָס?

דריטער חסיד

וואָס וועט דער רבי זאָגן?

ערשטער חסיד

נישקשה, ס׳איז זיך דאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן. ער ווייסט וואָס ער טוט.

דריטער חסיד

אזנים לכותל! שאַ, שאַ, ס׳איז גלייכער מען רעדט נישט דערפון.

שלמה (גייט צו מרדכי יוספן צו)

איר האָט אָנגעהויבן עפּעס זאָגן, זאָגט שוין ביזן סוף.

מרדכי יוסף

וואָס איז דיר שוין ווידער געשען?

שלמה

דער שווער מיינער איז געשטאָרבן, מיין בני־בית איז געקומען, כ׳זאָל אַהיימפאָרן פּרנסה זוכן. זיי גייען אין דער היים פּשוט אויס פֿון הונגער.

מרדכי יוסף

נו?

שלמה

פאָרן ווערן אַ פּרנסה־זוכער, זיך בידים וואַרפן אין מנוולדיקן גהינום אַריין?.. נישט פאָרן?.. לאָזן זיי אין אַזאַ מצב?..

מרדכי יוסף

מוזט אַהיימפאָרן!

שלמה

ווי אַזוי? אַז כ׳דערמאָן מיך בלויז אין דער עבודה זרה — פּרנסה, ווי זי ציט ביסלעכווייז אין שאול תחתית אַריין, ביז מען ווערט אָן דעם גאַנצן צלם אלהים, כאַפּט מיך אַרום אַזאַ כעס, אַז כ׳וואָלט די גאַנצע וועלט חרוב געמאַכט.

מרדכי יוסף

ווי אַזוי קענסטו האַלטן ביי דער מדרגה פון חרוב מאַכן די וועלט,
אַזביים קלענסטן נסיון פאַרלירסטו שוין דעם קאָפּ?

שלמה

(פאַרשעמט)

וואָס זאָל איך אָבער טאָן?..

מרדכי יוסף

פאַר אַהיים! אַוועקוואַרפן די וועלט מעג נאָר דער, וואָס האָט שוין אין איר קיין אחיזה נישט, אַלע זיינע מחשבות זענען דבוק אין אין־סוף. האָסטו נאָך ספיקות, אַז ס׳רייסט דיך נאָך אַ היים — פאָר!

שלמה

כ׳וויל זיין אַ מענטש! כ׳מוז זיין אַ מענטש!

מרדכי יוסף

רייסט זיך נאָך אין דיר איין אבר צו דער וועלט, האָסטו גאָרנישט פון דעם זיצן דאָ. אַהיים!

שלמה

וואָס וועט אויס מיר ווערן?..

מרדכי יוסף

מען נעמט זיך צו אַ לייכטערן דרך, וואָס מען קאָן יאָ משיג זיין.

שלמה

וואָס פאַר אַ דרך?

מרדכי יוסף

מען גייט אין דער וועלט אַריין, מען ווערט אַן אדם מן הישוב, און מען הייבט אויף דאָס שפלדיקסטע צו דער קדושה.

שלמה

אין דער בלאָטע אַריין גאָר קריכן?

מרדכי יוסף

דורך אַ גרויסע עבודה קאָן דאָס נידעריקסטע ווערן קודש קדשים.

שלמה

און די וועלט?..

מרדכי יוסף

אַז מען וועט זי מעלה זיין, וועט זי אַן אַנדער פנים קריגן.

שלמה

אַזוי גאָר?

(פויזע)

און דער רבי וואָס וועט זאָגן?

מרדכי יוסף

ער וועט געוואַלדעווען...

שלמה

נו?.. נאָך ווייניק?..

מרדכי יוסף

אַז דאָס איז ביי דיר אַ סך, מעגסטו זיכער אין דער היים זיצן און אַרבעס קלויבן!

(איטשע מאיר קומט אַריין)

איטשע מאיר! דו האָסט דאָך אַ גוטן קאָפּ, אַן עילוי — גיב אַן עצה.

איטשע מאיר (גייט צו)

וואָס איז?

מרדכי יוסף

שלמהס שווער איז געשטאָרבן, דאָס בני־בית איז געקומען ער זאָל אַהיימפאָרן זיי מפרנס זיין.

איטשע מאיר

אַ נייס? דאָס זענען דאָך מעשים בכל יום!

מרדכי יוסף

כ׳מיין טאַקע, וואָס זאָלן זיי אָט די אַלע טאָן?

איטשע מאיר

אַדורכהאַלטן אַלע נסיונות! האַלט מען אַ נסיון אַדורך און מען איז אַ מענטש, בלייבט מען אַ מענטש.

שלמה

אָבער וואָס זאָל איך טאָן?

איטשע מאיר

זיך שטאַרקער פאַרטיפן אין רבינס ווערטער, זיך נעמען צו עבודה מיט מער ברען, מיט מער קוראַזש.

שלמה

אַז כ׳קאָן אָבער נישט?

(הירש בער קומט צו)

מרדכי יוסף

נו?

איטשע מאיר

דער רבי זאָגט: מען מוז קאָנען, אַ קונץ צו זאָגן כ׳קאָן נישט?

שלמה

כ׳דריי מיך אַרום, ווי אויפן עולם התוהו, ס׳ליגט אַ תהום און כ׳קאָן אים בשום אופן נישט אַריבערשפרינגען.

הירש בער

ווי לאַנג מען איז נאָך מיט איין פאָדעם צוגעבונדן צו דער וועלט, איז מען אַן עבד פון איר. עבדים זענען מיר נאָר צו הקדוש ברוך הוא, נישט צו דער וועלט!

מרדכי יוסף

דאָס איז גוט פאַר אַ בעל מדרגה, אָבער וויפיל בעלי־מדרגה האָסטו

נעמט זיי נאָר די מנוחה צו, מער גאָרנישט.
דאָ? דער עולם קאָן אָבער דאָך אין דער וועלט נישט פאַרגעסן? מען

הירש בער

גיב זיי פאָטער־שטולן, וועלן זיי נאָך מער מנוחה האָבן...

איטשע מאיר

ווער ס'ווייסט, ווי גרויס ס'איז דער צער פון דער וועלט, אַז פון קלענסטן גרעזל ביז צו די גרעסטע בערג, שטייט אַלץ און וואַרט אויף אונדז, געדענקט אין קיין שום זאַך נישט!

מרדכי יוסף

זעט דאָס דער גאַנצער עולם? פאַרשטעלן דען נישט די צו הויכע דרכים, דאָס, וואָס דער עולם וואָלט יאָ בכוח געווען משיג צו זיין?

(ס'הערט זיך אַ קלאַפּן אין טויער)

חסידים

וואָס איז געשען?..

הירש בער (איראָניש)

אַ וואָגן מיט געלט איז געקומען, לאָזט מען אים נישט אַריין.

ערשטער חסיד

שטענדיק איז ער דאָ מיט זיינע חכמות...

הירש בער

אַז מען האָט מורא, באַהאַלט מען זיך אין אַ טאַבאַק־שקעטעלע.

(הירש קומט אַריין)

חסידים

הירש, וואָס איז געשען?

הירש

איר זענט נאָך נישט געוווינט צו אַזעלכע געשעפטן? ווייטער ווייבער געקומען; האָב איך געהייסן ס'טויער פאַרמאַכן, מאַכן זיי יעלות.

ערשטער חסיד

מען האָט אונדז איינגעשלאָסן, מען לאָזט שוין אַפּילו נישט צו...

צווייטער חסיד

נישט גענוג, מען געזעגנט נישט, אַז דאָס בני־בית קומט אָ וואָרט איבערפרעגן, לאָזט מען שוין אויך נישט אַריין.

איטשע מאיר

דער, וואָס קומט קיין קאָצק, וויל גיין מיטן קאָצקער דרך, מוז אַלץ קאָנען אויסהאַלטן. אין קאָצק שפּילט מען זיך נישט!

מרדכי יוסף

אַז ס׳דרייט זיך אַרום אָ גאַנצער עולם און פאַרשטייען נישט אַפּילו וואָס מען רעדט צו זיי, איז דאָס נישט געשפּילט זיך? ערגער ווי געשפּילט!

איטשע מאיר

ווער לאָזט זיי נישט פאַרשטיין?

(דאָס געקלאַפּעריי ווערט שטאַרקער)

הירש

וואָס געוואַלדעווען זיי ווייטער?

(וויל לויפן)

מרדכי יוסף

הירש, וואָס לויפסטו? זיי שרייען פון צרות.

הירש בער

פון ווען אָן ביסטו ווייטער געוואָרן אַזאַ רחמנות־ייד?

מרדכי יוסף

אָבער צו וואָס בחינם פּייניקן, אַז דער עולם האָט גאָרנישט דערפון?

הירש

זאָל איך זיי אַריינלאָזן, אַז דער רבי הייסט נישט?

מרדכי יוסף

יאָ!

ערשטער חסיד

לאָמיר גיין די טויערן עפענען!..

צווייטער חסיד

לאָמיר גיין!..

חסידים

קומט! קומט!

הירש (אַנטשלאָסן)

איך זאָג: נישט! דער רבי הייסט נישט! מרדכי יוסף, ביסט אַ מורד אין רבין!

מרדכי יוסף

וואָס כ׳בין, בין איך, אָבער דעם אמת וועל איך מיך קיין מאָל נישט שרעקן צו זאָגן בפני קהל ועדה! וואָס וועט פון דעם ווערן דער סוף?!

איטשע מאיר

פון ווען אָן האָסטו ווייטער פאַרן ערב רב מורא געקריגן?

מרדכי יוסף

ווער האָט מורא? נאָר ווי לאַנג ס׳איז נאָך געווען דער ברען, דאָס התלהבות, האָט מען אַלע מניעות געקאָנט גובר זיין. אַז קאָצק איז אויך געוואָרן אַ קראָם ווי אַלע קראָמען — וואָס איז קאָצק?

איטשע מאיר

רעד נישט אויף קאָצק!

מרדכי יוסף



וואָס האָב איך מיך געלערנט אין קאָצק — שוסטעריי? זאָל זיין

וואָס עס וויל, דעם אמת מוז איך זאָגן! זע דאָ שטייט אַ יונגערמאַן (ווייזט אויף שלמהן) פון די ערשטע יונגעלייט געוועזן, ווערט ער נישט פון ספיקות אויפגעגעסן?

איטשע מאיר

ער וועט מיט דער צייט אַלע ספיקות גובר זיין.

מרדכי יוסף

זאַכן, וואָס מען מוז זיי פאַרענטפערן? גלייך אויפן אָרט, קאָן די צייט צו זיי גאָר נישט העלפן. און די חסידים? פאַלן זיי נישט די הערצער אַרויס, אַז זיי דערמאָנען זיך בלויז פון דער היים?

חסידים

נעמט אייך אָן פאַר אונדז!..

מרדכי יוסף

די יונגעלייט קוק נאָר אָן! דאָס איז קאָצק? אַן עיר מקלט פאַר פוסט און פאַסטניקעס? מען זאָל קאָנען לעבן מיטן אייגענעם רצון, מוז מען צו ערשט זיין אַ מענטש!

איטשע מאיר

דער רבי פאַרלאַנגט נאָך ווייניק?

מרדכי יוסף

פאַר דעם וואָס פאַרשטייט, פאַרלאַנגט ער גענוג. מיט די קינדער דאַרף מען ערשט אָנהייבן אלף בית.

איטשע מאיר

מיר האָבן אַ רבין, איז ער זיי מדריך.

מרדכי יוסף

מיר האָבן אַ שׂרף, וואָס וויל זיך קיין מינוט נישט אַראָפּלאָזן פון זיינע מדרגות, אָבער נישט קיין רבין. ס'איז נישטאָ קיין איינער

אַפילו, וואָס זאָל דעם עולם לערנען וועלן. ווייל מען גאָרנישט מער נאָר דאָס בלויזע הפקרות, בלייבט מען אַ הפקר.

איטשע מאיר

מרדכי יוסף, נישט אַזוי היציק, באַרעכן דיך, וואָס דו טוסט.

מרדכי יוסף

אין מיין נשמה האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייער, וואָס פלאַקערט און פלאַקערט און וויל פון קיין רו נישט וויסן!..

איטשע מאיר

מען מוז זיך אָבער מיישב זיין, ביז מען קומט צום רעכטן שׂכל.

מרדכי יוסף

ווייל מען עפּעס גרויס שאַפן, מוז מען גיין מיטן פייער וואָס ברענט אין דער נשמה; דאָס איז דער עמוד אש, וואָס קאָן די וועלט פאַרלייכטן.

(לויפט אַרויף און אַראָפּ איבערן בית המדרש. איטשע מאיר גייט אַ פאַר־דאגהטער צום פענצטער צו. נאָך אַ פויזע ווערט דאָס געקלאַפּעריי גאָר שטאַרק).

ערשטער חסיד

לאָמיר גיין דאָס טויער עפענען! וואָס שטייט מען?

צווייטער חסיד

לאָמיר נאָך קיינעם נישט פרעגן...

ערשטער חסיד

מרדכי יוסף הייסט, קומט! קומט!

(חסידים גייען)

הירש

וווּ גייט איר? צוריק, זאָג איך!

(הערן אים נישט, גייען ביז צו דער טיר)

א חסיד (קומט אַריינצולויפן)

טעמערל איז געקומען!

(חסידים בלייבן שטיין)

ערשטער חסיד

זי האָט אַוודאי געלט געבברענגט...

צווייטער חסיד

אַוודאי. ס'וואָלט אַ ישועה געווען...

דריטער חסיד

אַ מופת... לאָמיר זיך נישט איינרייסן...

ערשטער חסיד

אַן אמתער מופת, דאָס הייסט אַ רבי...

חסידים

אַן אמתער מופת...

(גייען צוריק)

(ס'דערהערט זיך אַ ריטשן מיט די לאַטשן, כאַסקעלע אַנטלויפט)

חסידים (דערשראָקן)

וואָס האָט מען געטאָן? דער רבי גייט!..

(די טיר עפנט זיך. דער רבי קומט אַריין, אין קאַפּל, באָרד און פּאות צעפּלאָשעט)

דער רבי

וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף מיין קאָפּ? קיין רגע קאָן מען פון די שוטים נישט פּטור ווערן!

הירש

יידן דאַרפן אַ ישועה, ס'רוט נישט אַ גאַנצן טאָג די טיר פון חולאים.

דער רבי

אָקסן! אַ קאָנעוואַל ווילט איר פון מיר מאַכן?

מרדכי יוסף

ווייבער געוואַלדעווען, די מענער זאָלן אַהיימפאָרן פרנסה געבן,
חסידים קאָנען זיך קיין עצה נישט געבן.

דער רבי

זאָל איך זיי די קעשענעס מיט גאָלד אָנשטאָפן? נאָך מיסט זענט
איר צו מיר געקומען?

חסידים

מען מוז עפעס אַן עצה זוכן, זיי שטאַרבן אין דער היים פשוט
פאַר הונגער...

דער רבי

וואָס מען מוז, גייט איר מיר זאָגן? מוזן מוז מען זיין דבוק אין גאָט!

מרדכי יוסף

דאַרפן זיי אין קאָצק זיצן און די קעפ זאָלן זיי מוזן ליגן אין דער
היים? קאָנען זיי דאָך גלייכער זיצן אין דער היים?

דער רבי

ווער האַלט זיי ביי די פאָלעס? ווען דער קאָפ ליגט אין דער היים,
קאָן אויך אין דער היים ליגן. איך בין אַ רבי פון מענטשן —
קעלבער דאַרף איך נישט!

מרדכי יוסף

מען דאַרף זיי ערשט לערנען, זיי זאָלן ווערן מענטשן.

דער רבי

וואָס ווילסטו, כ׳זאָל מיך אַוועקזעצן אויפן מלמדות־בענקעלע?

מרדכי יוסף

וואָס דען איז אַ רבי?

דער רבי

אַ רבי מוז די וועלט אויסלייזן! מיט צען מענטשן, וואָס ווייסן וואָס זיי ווילן, וועל איך די וועלט אויסלייזן!

מרדכי יוסף

קאַצקער רבי, לאָזט אייך זאָגן!

איטשע מאיר

מרדכי יוסף, וואָס טוסטו?!

הירש

מרדכי יוסף, וואָס טוסטו?!

דער רבי

לאָזט אים זאָגן. כ׳האָב מיך אויך קיין מאָל מיט קיין וואָרט נישט באַהאַלטן.

מרדכי יוסף

איר צעפלאַקערט אַ פייער פון מחלוקת אין יידישע שטיבער, און דער עולם ווייסט אַפילו נישט פאַר וואָס, צו וואָס.

דער רבי

פאַר וואָס? ווייל קיין צוויי אמתן זענען נישטאָ, אָדער הימל, אָדער ערד. וויל מען צום הימל געהערן, מוז מען אין דער ערד פאַרגעסן.

מרדכי יוסף

דאָס איז גוט פאַר צוויי, דריי מענטשן, אַ רבי מוז אַ וועג געפינען פאַרן גאַנצן עולם, מען זאָל צום הימל קאָנען געהערן און אָן דער ערד נישט דאַרפן פאַרגעסן.

דער רבי

הענגט דעמאָלט די ערד ווי אַ משא, און לאָזט צום הימל נישט דערגרייכן!

מרדכי יוסף

ביי אַזאַ דרך ווערט דער עולם נאָר מבולבל און ווייסן נישט ווו זיי זענען אין דער וועלט.

דער רבי

צוליבן עולם — פשרות? יעדע פשרה איז אַ שקר. אמת דאַרפן מיר!

מרדכי יוסף

פון עולם ווערט אַ תּל!..

דער רבי

שוטה! אין די קינדער־שיכלעך האָב איך שוין געוווּסט, אַז עס וועט קיין אומגליק נישט זיין, אויב ס'וועלן זיין אַ פּאָר שוטים ווינציקער אויף דער וועלט. די וועלט מוז זיין אַן אמתע, אַן אויסגעלייזטע.

מרדכי יוסף

אָבער וואָס זאָלן זיי ענטפערן די ווייבער? וואָס זאָלן זיי געבן די קינדער?

דער רבי

זאָלן זיי פאָרן פון וואַנען זיי זענען געקומען!

שלמה

און אַז מען קאָן דאָך נישט, וואָס זאָל מען טאָן?

דער רבי (מעסט אים אָפּ מיט אַ בליק)

דער, וואָס האָט נאָר אַ הרהור זיך אָפּצוגעבן מיט עולם הזה זאָל גיין צו אַלדע שוואַרצע יאָר!

מרדכי יוסף

ביטער וואָלט געווען, מען זאָל אין הימל אַזוי משפטן ווי איר!..

דער רבי

וואָלט מען נישט אַזוי געמשפט, וואָלט עס קיין משפט נישט געווען. נאָר אַ גרויסער ליגן, וואָלט געווען לית דין ולית דיין.

מרדכי יוסף

אין הימל ווייסט מען מבחין צו זיין, וואָס ס׳איז פאַר מענטשן און וואָס ס׳איז פאַר מלאכים.

דער רבי

שׂרפים מוזן מיר זיין! אַז קיינער איז נישט געווען בכּוח אויסצולייזן די וועלט, וועלן מיר זי אויסלייזן!

(פויזע)

(טעמערל, אַן עלטערע רייכע יידענע, גבירישׂ אָנגעטאָן, קומט אַריין)

טעמערל

רבי, מען האָט מיר צו וויסן געגעבן, חסידים הונגערן, גייען אַרום קרוע־בלוע, האָב איך געלט געברענגט, ס׳זאָל אייך גאָרנישט פעלן.

דער רבי

ווי וועט זיין צו אונדזערע יאָר, אַז ס׳וועט אונדז גאָרנישט פעלן.

טעמערל

כ׳בין גרייט יעדן צו העלפן, מיט וויפל ער דאַרף.

שלמה (שטיל צו זיך)

כ׳וועל שוין נישט דאַרפן אַהיימפאָרן.

חסידים

אַ ישועה מן השמים... אַ מופת...

דער רבי

געלט?! געלט?! דעם יצר הרע האָסטו צו מיר אין שטוב אַריינ־געברענגט.

טעמערל (דערשראָקן)

מען זאָגט: דער רבי ליידט הונגער, חסידים שיקן די ווייבער קיין גראָשן נישט, מען וויל זיי אין חרם אַריינלייגן, האָב איך מיך איינ־געשטעלט און געלט געברענגט.

דער רבי

צו מיר האָסטו געלט געבּרענגט?! וואָס מיר אַרבּעטן יאָרן, ווילסטו אין איין מינוט קאַליע מאַכן?!

טעמערל

חס ושלום! כ׳וויל נישט קאַליע מאַכן... כ׳האָב געלט געבּרענגט, וויל איך עס צווישן די חסידים צעטיילן, ווי מיין מינהג איז, פאַר פּדיון נפש.

דער רבי

מנהגים גייסטו ברענגען קיין קאָצק? אַ פרישע וועלט שאַפן מיר, קומסטו מיט מנהגים?

מרדכי יוסף

חסידים ווילן געלט, איז אַ סימן, אַז זיי זענען נישט העכער דערפון. צו וואָס דאַרף מען זיי בחינם פיניקן?

שלמה (שטיל, צו זיך)

כ׳וועל ווייטער קאָנען זיין אַ מענטש.

חסידים (מורמלען)

מען וועט ערשט קאָנען לעבן...

דער רבי

חמורים! צו דעם קומט איר צו מיר?!

(אַ גרעסערע פּויזע)

טעמערל גיב ס׳געלט!

טעמערל

נעמט הייליקער רבי!

(לייגט אַוועק אַ זעקל מיט געלט)

דער רבי

(נעמט דאָס זעקל געלט, צעשיט עס אויף דער פּאָדלאָגע)

ווערט פאַרשׂרפהט! ווער ס׳וויל, זאָל נעמען!

(קיינער רירט זיך נישט. שלמה קוקט אויפן געלט און אויף דער טיר. חסידים ווי פאַרשיכּורט)

מרדכי יוסף

ווער ס׳וויל, זאָל נעמען! ס׳איז אַ מתּנה פון אַ יידיש האַרץ!

איטשע מאיר

ווער ס׳וועט דעם נסיון ביישטיין, וועט געהאָלפן ווערן.

דער רבי

לעקעכלעך גייסטו זיי שוין געבן?! קיינער וועט נישט געהאָלפן ווערן מיט קיין געלט! אַ ייד וועט ער זיין!

הירש

הייבט נישט אויף, איר וועט ברענגען אַ קללה אויף אייך!

דער רבי

נישט קיין קללות, נישט קיין ברכות! אָקסן! כ׳וויל וויסן ווער ס׳קאָן אַ בייטש אויסהאַלטן, און ווער ס׳איז קיין בייטש אויך נישט ווערט.

מרדכי יוסף (צום עולם)

איר ווילט, נאָר איר האָט מורא, האַ? וועל איך פון איצט אָן אַייער רבי זיין און ווייזן, אַז מען האָט מורא, קומט מען אַפילו צו קיין געלט אויך נישט.

(בויגט זיך אַראָפּ, הויבט אויף אַ מטבע. חסידים כאַפּן זיך מיט אימפּעט קלייבן. שלמה שטייט נישט דעצידירט. דבורהלע באַווייזט זיך אין דער טיר, ער דערזעט זי, בייגט זיך אַראָפּ, קלייבט)

דער רבי

מיט זיי גיי בויען אַ וועלט! גיט מען זיך אָפּ מיט ווערעם, בלייבט מען אַ וואָרעם. אַוועק פון מיינע דַלת אמות!..

איטשע מאיר

מרדכי יוסף, וואָס האָסטו געטאָן?

מרדכי יוסף

דער רבי איז פאַרטאָן אין די עולמות העליונים, און חסידים ווייסן נישט וואָס זיי ווילן. וויל מען אַ רבי זיין, מוז מען קאָנען יענעם אויפהייבן אַזוי הויך, ווי מען איז אַליין. שרייט אַ קול אין מיר: אַזוי ווייטער זיין קאָן עס נישט. ס׳מוז איינער קומען, וואָס זאָל פון דעם אַן עק מאַכן. בין איך דער איינער!

דער רבי

נעם זיי! גיי מיט זיי! דאָרט, ווו ס׳איז דאָ בלאָטע, קאָנען זיך האַלטן ווערעם! ביי מיר קאָנען נאָר גרויסע יידן זיין, יידן, וואָס דער צער פון דער וועלט פרעסט זיי די הערצער אויף, דער גלות השכינה לאָזט קיין רגע נישט רוען. פאַר הינט, וואָס קאָנען זיך פון די נאָרעס נישט אָפרייסן, איז ביי מיר קיין אָרט נישטאָ. גייט צו אַלדע רוחות!

הירש

רבי, פאַריאָגט נישט דעם עולם!..

דער רבי

וואָס פאַר אַן עולם האָסטו? דאָס איז אַן עולם?.. זיי קאָנען אַ וועלט אויסלייזן?..

(פאַרצווייפלט)

פאַר אָט די האָב איך מיין לעבן אַוועקגעגעבן? דאָס איז מיין אַרבעט? הינט אויפגעצויגן, ווערעם מגדל געווען...

(דעצידירט)

ס׳איז דאָ אַזוי פיל פורים־שפּילער זאָל זיין נאָך איינער! גיי מיט זיי!

איטשע מאיר

רבי, פאַריאָגט נישט דאָס גוטע צוזאַמען מיטן בייזן...

דער רבי

וועמען נישט פאַריאָגן? וועמען? זיי? זאָל ער נעמען דאָס ערב רב!

(צום עולם)

גייט שוין אַוועק פון מיינע אויגן, כ'זאָל אייערע הינטישע פּרצופים מער נישט אָנקוקן!.. גייט! גייט!

מרדכי יוסף

מיר גייען די וועלט מקדש זיין! מיר גייען די וועלט פון דער טומאה אַרויסשלעפּן!

(מרדכי יוסף, שלמה, חיים ברוך, חסידים גייען אַרויס. טעמערל שאַרט זיך נאָך, נאָך זיי)

דער רבי

(צו די יונגעלייט)

און איר, אָקסן, וואָס שטייט איר נאָך? גייט ברעכט הענט און פיס!

(יונגעלייט, דערשראָקענע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, גייען אַרויס)

די וועלט שטינקט!

(פּויזע)

הירש! וועט נאָך איינער אַמאָל ביי מיינע טירן קלאַפּן, מיט שטעקנס יאָג אים אַוועק! פאַרשלאָסן זאָלן מיינע טירן פאַר ווערעם זיין!

(אַ שטילקייט. זעצט זיך אַ צעבראָכענער)

משיח, בלייב ביי די טויערן פון רוים זיצן! נישטאָ וועמען אויס־צולייזן, אַ וועלט גאַרע שנאָרערס... זיץ... זיץ...

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

וואַרשע, 1925.

# צוויי דערציילונגען

# צער גידול בנים

דעם קליינעם אַכט יעריקן שימעלע, רב חיים ברייזערס בן־זקונימל. האָט מען אין חדר פון משה נטען, דעם גמרא מלמד, גערופן מיטן צונאָמען דער יאַפּאַנטשיק.

קיין צונאָמען שימעלען צו דערנידעריקן, אים צו דערבייזערן, איז עס נישט געווען. אַפילו שלמה גאגע, מיט דער דיקלעכער גלאַנציקער נאָז און דעם פאַרכריפּעטן קול, משה נטעס זעכצן יעריקער זון, וואָס לערנט ביים פאָטער צוזאַמען מיט יינגערע יינגלעך — אויך ער לעבט גוט מיט שימעלען.

וואָרעם גיי און האָב צו טאָן מיט רב חיים ברייזערס, דעם נגיד און למדנס ציטעריק קינד, פאַר וועלכן דער רבי אַליין, משה נטע, האָט מורא, רירט אים נישט אָן, שלאָגט אים נישט און זאָגט אים נישט קיין האַרב וואָרט. דערצו ווייסן שימעלעס חברים אין חדר אָפּצושאַצן, ווען אַ מאָל אין אַ זומער פאַרנאַכט, ווען די זון לייגט זיך, שאָטנס שפּרייטן זיך אויפן „פּאָדוויעזש", משה נטע הייסט שוין עפענען דעם לאָדן איבערן פענצטער, וועלכער איז אַ גאַנצן נאָכמיטאָג פאַרשפּאַרט, און אַ בלווילעכע אָפּגעוואַשענע ליכטיקייט גיט פאַר די אויגן אַ בלענד, באַווייזט זיך פּלוצלונג אין פענצטער פון חדר רב חיימס זילבערנע ברייטע באָרד און זיין זיידענער הויכער קאשקעט. מיט אַ שמייכל פרעגט ער, צי מען האָט שוין אָפּגעלערנט, וואַרט נישט אויף קיין ענטפער און רופט שימעלען מיט אויף זיין פאַרנאַכטיקן שפּאַציר, אויפן שאָסיי הינטער דער שטאָט. שימעלעס חשיבות וואַקסט דעמאָלט, און אַפילו דער רבי, משה נטע, האַלט איין דעם אָטעם. אַלע יינגלעך העלפן אונטער שימעלען אַפּאָרגיין פון דער שלאָף־באַנק אויף וועלכער ער זיצט, דערמאָנען אים צי האָט ער נישט עפּעס פאַרגעסן, ווי ער וואָלט זיך געלאָזן אויף אַ ווייטן, פאַר זיי נישט דערגרייכבאַרן וועג. זיי זעען שוין פאַר זיך ווי שימעלע שפּרייזט מיטן פאָטער אויפן פאַרנאַכטיקן שאָסיי, גיט אַכטונג צי ער פאַרפעלט נישט אַמאָל אַ וואָרט אין די משניות וואָס ער זאָגט אויף אויסווייניק.

פאַרבייגייענדיקע גויים נעמען אַראָפּ פאַר זיי די היטלען. אַמאָל האָט טאַקע שימעלע די זכיה צו כאַפּן דעם כאָטער ביי אַ טעות — ער איז געכאַפּט אין גערעכט און נישט דער טאַטע.

פאַלט טאַקע קיינעם אין חדר נישט איין זיך אָנצוהויבן מיט שימעלען. אפילו די שלאָפע רביצין, וואָס ליגט צו בעט, אָפּגעטיילט מיט אַ פאָרהאַנג פון חדר, רעדט מיט אַ שוואַך קול און האַלט אין איין קרעכצן — זי ציטערט אויך שימעלען זאָל חלילה נישט עפעס געשען. נאַכע, דעם רבינס עלטסטע טאָכטער, מיט די שטענדיק נישט אויסגעשלאָפענע אויגן און דער רויטער נאָז, מאַכט באַלד אַ געוואַלד אויפן ברודער אירן, שלמה גאגע, ווען עס דאַכט זיך איר נאָר, עס האָט ווער בדיעה שימעלען פוגע בכבוד צו זיין. איידער שימעלע גייט אַהיים דערמאָנט אים נאכע, ער זאָל זיך אויפן קאָפּ גלייכמאַכן דאָס זיידענע היטעלע און אַמאָל קנעפּלט זי אים אַליין צו דאָס כאַלאַטל. לייטיש זאָל ער אויסזען אין גאַס, ווי עס פאַסט פאַר רב חיים ברייזערס און גיטעלעס ציטעריק קינד. שימעלע ווערט רויט פאַר בושה וואָס אַ פרעמדע אשה רוקט זיך צו אים צו.

יאַפּאַנטשיק אָבער רופט מען שימעלען, ווייל ער איז קליין געוואַקסן, נידעריקער פון אַלע יינגלעך אין זיין עלטער, פלינק, זשוואַווע און אַ פאַרגרינטער אויפן פנימל. די גרויסע אין דער היים און אין בית המדרש הערן נישט אויף צו רעדן פון דער מלחמה וואָס די יאַפּאַנטשיקעס פירן קעגן די רוסן ערגעץ ווייט. זיי דערציילן כסדר וועגן די גבורות פון די יאַפּאַנטשיקעס, רימען זייערע תחבולות. קליינע זענען זיי, פאַרגרינטע און פלינקע ווי די קעץ, טאַקע אַזוי ווי שימעלע.

שימעלע איז נישט בייז פאַרן צונאָמען. ער שעמט זיך נישט מיט אים. אדרבה, ער ברענגט אין חדר די מעשיות פון די יאַפּאַנטשיקעס, זייער קלוגשאַפט און פלינקייט, וואָס ער הערט אין שטוב. ער דערציילט די מעשיות מיט הנאה ווי זיי וואָלטן מיט אים געהאַט אַ שייכות. דער נאָמען יאַפּאַנטשיק גיט אים מוט ביים קלעטערן אויף בוימער, ביים לויפן. זיין גרין פנימל ווערט רויט, די אויגן צעצינדן זיך, עס וואַקסט זיך די ערד אונטער אים, די הייזלעך דרייען זיך, און עס פאַלט שימעלען נישט איין אַז נאָך אַלעמען איז ער נישט קיין אמתער יאַפּאַנטשיק.

ווי אַ יאַפּאַנטשיק האַלט זיך שימעלע קעגן די דערוואַקסענע. שלמה גאגע, דעם רבינס זון, דער הויכער, האָט פּאַר אים, פאַר שימעלען, מורא, נעמט אים מיט ווען דער רבי שיקט אים געוואָר ווערן אין אַפּטייק ווי שפּעט עס איז, און ער, שימעלע, שטייט ביי דער אָפענער טיר פון דער אַפּטייק און האָט גאָר קיין מורא פאַרן אַפּטייקער מיטן גאָלן קאָפּ. אַפילו פאַרן אַפּטייקערס גרויסן געלן הונט, וואָס ליגט אין דער אַפּטייק און שלאָפט, האָט שימעלע קיין מורא נישט. אַן אויער פון זיין כאַלאַטלס פּאָלע־עק האַלט ער אין דער האַנט, שאָקלט עס און רייצט זיך פונדערווייטנס מיט דעם הונט. אָט פינטלט ער מיט די לעפּעלעך פון די אויגן, אַנטלויפט און גייט נענטער צו, און דער הונט ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי ער וואָלט קיין חוצפּה נישט געהאַט אויף שימעלען אַ ביל צו געבן.

אַ מאָל נאָר האָט דער הונט זיך פויל אויפגעשטעלט און ניט קוקנדיק אויף שימעלען, האָט ער אים צוגעוואָרפן אַ פאַרכריפּעטן ביל. בלאָס איז שימעלע געוואָרן, דאָס הערצל האָט ביי אים אָנגעהויבן האַסטיקער קלאַפּן און די פיסלעך האָבן זיך אונטער אים געבראָכן. שימעלע האָט זיך מיט כוח אָנגענומען און איז אין איין אָטעם אַריינגעפאַלן צום רבין אין חדר. דער רבי משה נטע האָט זיך דערשראָקן פאַר שימעלעס בלאַסקייט און נאָכע האָט זיך מיט קולות געוואָרפן אויפן ברודער שלמה גאגע. אַ שוים האָט זיך איר אויפן מויל געשטעלט און זי האָט געשריגן: גיטעלע, רב חיימס ווייב, וועט פון גהינום נישט אַרויס, דערפאַר וואָס זי האָט שימעלען געשיקט לערנען צוזאַמען מיט אַזאַ „אָבאָל״ ווי איר ברודער, וואָס איז נישט ווערט צו זיין צוזאַמען אין איין שטוב מיט יידישע קינדער.

— אפשר וועט שוין זיין גענוג אויף היינט? — האָט דער רבי משה נטע זיך געבעטן. — זעסט דאָך, אַז עס איז שימעלען חלילה גאָר נישט געשען. — ביי דיר איז עס גאָרנישט. וואָס איז דען ביי דיר אַ קינד? אויף דיינע קינדער קוקסטו זיך אַ סך אום? דיר מעג מען געבן קינדער אין דער האַנט אַריין? — האָט זיך שוין נאָכע נישט געקאָנט באַרויקן. — פאַרמאַך שוין דיין מיסט־קאַסטן — האָט די רביצין פון בעט אַרויסגעשריגן. זי האָט אַריינגערופן שימעלען, מיט דער

צונג אים אויסגעלעקט דריי מאָל די אויגן, אויסגעשפּיגן און אים צוריק געשיקט אין חדר אַריין.

אַ פּאָר טעג איז טאַקע שימעלע שוין נישט מיטגעגאַנגען זען ווי שפּעט עס איז. דעם אַפּטייקערס געלער הונט איז אים אפילו געקומען צו חלום. ער האָט געשריגן פון שלאָף און זיך אויפגעכאַפּט אַ באַגאָסענער מיט שווייס. מיט דער צייט האָט ער אָן אַפּטייקערס הונט פאַרגעסן און ווייטער מיטגעגאַנגען מיט שלמה גאַגע. פאָרזיכטיק איז ער אָבער געווען נישט צו מאַכן קיין אויער פון זיין כאַלאַטלס עק־פּאָלע.

דער נאָמען יאַפּאַנטשיק אָבער איז שימעלען ווייטער געבליבן. שבת ביי קריאת התורה אין בית המדרש, ווען דער פאָטער זיינער האָט אויפן באַלעמער געלייענט אין דער ספר תורה, אויסגעזונגען יעדעס וואָרט, יעדן מלרע און מלעיל, אַזוי אַז מען האָט ביים לייענען זיינעם געקענט אַרויסהערן דעם חילוק פון אַן עין ביז אַן אלף, האָבן שימעלע מיט זיינע חברים זיך אַרומגעדרייט אויפן בית המדרש־הויף און שימעלע האָט געפירט דאָס רעדל. פון כיור האָט ער אָנגעפילט פלאַשן מיט וואַסער און שטילערהייט אַריינגעגאָסן עלטערע אין די טאַשן; מלמדים האָט ער אָנגערופן ביי די צונעמען; יינגלעך די שבתדיקע היטעלעך אַראָפּגעכאַפּט און אין זיי זאַמד אַריינגעשאָטן און זיך געשלאָגן מיט וועמען עס איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט. קיין חילוק איז אים נישט געווען, דערוואַקסענע צי נישט דערוואַקסענע, ער האָט געפּאַטשט, געגראַטשט, און געזידלט.

ביז עס איז געקומען איינמאָל אַ נאָך־פּסחדיקער שבת אינדערפרי. מנוחהדיק האָט אַראָפּגעקוקט דער טיפער בלויער הימל. נישט דרייסט האָט די זון געוואַרעמט, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט מיט איר בלענדיקייט שטערן רב חיימען זיין לייענען אין ספר. אויך זיי נישט דרייסט, זענען איינציקווייז אַרויסגעקומען אויפן הויף דאַווענער מיט די טליתים אויף די קעפּ, און צווישן זיי דער הויכער יצחק, דער פּראָצענטניק מיט די אויסגעדרייטע טרעטערס, וועלכער פלעגט אַמאָל אַריינקומען צו רב חיימען אין ווייז־געוועלב, שטיין דאָרט און שמועסן. איצט האָט אים הנאה געטאָן וואָס שימעלע הערט אויך נישט דעם פאָטערס לייענען,

דרייט זיך אויף אַרום ווי ער — האָט ער מיט זיינע לאַנגע פינגער גענומען דרייען שימעלעס טונקל־בלאָנדע פּיאות, זיי געפּרוווט פּאַרקניפּן הינטערן האַלז.

רויק איינשטיין איז אָבער געווען איבער שימעלעס כוחות. האָט ער מיט די הענטלעך און פיסלעך געוואָרפן, געקאָפּיעט, געביסן, געגראַטשעט. דעם הויכן יצחק איז עס פאָרגעקומען ווי אַ מחנה פליגן וואָלטן אים באַפאַלן. ער האָט געפּרוווט זיי אָפּיאָגן פון זיך. ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע לאַנגע הענט שימעלען צו האַלטן, דערווייטערן פון זיך. זיין טלית מיט דער זילבערנער עטרה האָט זיך אים אַראָפּגעגליטשט פון קאָפּ אויפן אַקסל און ער האָט זיך אין אים פאַרפּלאָנטערט. שימעלע איז אים שוין אַנטקעגן געשפּרונגען ווי אַ יונג הענדל. זיין פּנים האָט זיך געררויטלט, די פּאהלעך זיינע, צערודערטע, זענען געשטאַנען אין דער ברייט, ווי הערנער צום באָדזיען.

דער הויכער יצחק איז נישט נתפּעל געוואָרן. געלאַסן האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און שימעלען אַריינגענומען צווישן זיינע ביינערדיקע פיס. שימעלע, ווי אַ געבונדענער, האָט זיך געוואָרפן און געדרייט, און אַז ער האָט געזען ער האָט קיין עצה נישט, האָט ער אַראָפּגעכאַפּט ביים הויכן יצחק דאָס קאפּל און אים אָנגעהויבן רייסן זיין קורץ בערדל.

די וואָס זענען אַרום געשטאַנען האָבן געלאַכט און שימעלען כסדר אונטער־געהעצט. דעם הויכן יצחק האָט פאַרדראָסן וואָס מענטשן זעען ווי שימעלע האָט צו אים אַזאַ חוצפּה. אין זיין פּנים האָט זיך איינגעקוועטשט אַ פאַרלעגענער שמייכל און אַן אויג האָט אים אָנגעהויבן טרערן. זיינע הענט האָבן געזוכט שימעלעס הענטלעך, אָבער ער האָט זיינע הענט אויסגעמיטן, זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן. דאָ זענען זיי ביי יצחקס פּנים און אָט זענען זיי שוין איבער זיין קאָפּ און אומגעריכט פילט דער הויכער יצחק אַ קניפּ אין די קני און באַלד נאָכדעם אַ פּעטשל אין פּנים.

אין כעס געוואָרן איז דער הויכער יצחק. פעסט האָט ער געגעבן שימעלען אַ הויב און אים געלייגט איבער די קני. איצט האָט שוין שימעלע זיך געוואָרפן מיט אַלע כוחות, זיך געביסן. אָבער יצחקס הענט און פיס האָבן אים געהאַלטן

אין קלעם. טרערן זענען שימעלען געקומען אין די אויגן, געראַנען איבער זיין פּנים.

— לאָז אים אָפּ! — שרייען שוין די אַרומשטייענדיקע. יצחקן טוט שוין אויך באַנג. ער וויל נישט האָבן צו טאָן מיט גיטעלען, צו וועלכער ער קומט אַריין אין געוועלב. געלאַסן, פּאַרזיכטיק, שטעלט ער צוריק אַראָפּ שימעלען אויף דער ערד, נוצט אויס זיין אומבאַהאָלפנקייט, לויפט אין בית המדרש אַריין און זיין טלית שלעפּט זיך אים נאָך. אָבער שימעלע לויפט אים נאָך, פּאַקט אים ביי דער טיר און וואַרפט זיך אויף אים מיט אַ פּאַרגליווערטער עקשנות, קאָפּיעט, בייסט, ניגעלט זיך און וויינט.

די אומהיימלעכקייט פון דער שטילקייט אין בית המדרש מאַכט שימעלעס חרפּה בולטער, רב חיימס זינגענדיק קול — זיין שאַנד נאָך אָפענער. לאָזט ער אויס זיין כעס אויף יצחקן. פאַרביסענער מאַכט אים נאָך יצחקס לעמלדיקע שטילקייט, ווי ער וואָלט גאָר נישט שולדיק געווען און נאָר שימעלע טראָגט די גאַנצע שולד. ער הערט אַפילו נישט, ווי מען רופט פון בית המדרש, עס זאָל שטיל זיין. ער שלאָגט אַזוי לאַנג דעם הויכן יצחק ביז דער בית המדרש שמש קומט און פירט אים אַרויס.

אין הויף רינגלט מען אַרום שימעלען, מען טרייסט אים, מען איז ברוגז אויף דעם הויכן יצחק, דעם פּראָצענטניק, וואָס האָט שוין גאָר נישט צו טון, נאָר אָנצוהויבן זיך מיט קינדער. מען גיט אים עצות, אַז ער זאָל אָפּוואַרטן יצחקן ווען ער וועט אַהיימגיין. אָבער שימעלע איז באַליידיקט, ער וויינט אַ פּאַרסאָפּעטער און קען די מענטשן נישט קוקן אין פּנים אַריין. די גאַנצע צייט ביים דאַווענען מוסף, און דערנאָך אין דער היים ביים עסן, טראַכט ער נאָר וועגן אַ נקמה. ער נעמט אין חשבון אַלע זיינע חברים מיט שלמה גאגע בראש. אין זיינע אויגן פלעמלט אַ פרעמד פייערל און באַלד נאָכן עסן וויל ער זיך אַרויסכאַפּן איבער־צושמועסן אַלץ מיט שלמה גאגע.

אָבער דעם טאַטן, רב חיים, ציט נאָך דער שבתדיקער סעודה צום בעט און ער רופט שימעלען אויך שלאָפן מיט אים, ווי יעדן שבת נאָך דער סעודה. שימעלע האָט שטענדיק אַ גרויסע הנאה פון שבתדיקן שלאָפן מיט רב חיימען. פון דעם

קישן אונטערן קאָפּ פּילט ער אַ ריח פֿון רב חיימס באָרד, און עס דאַכט זיך אים דעמאָלט, ער אַליין איז שוין אַ רב חיים. אַ גרויסער איז ער שוין, און פֿון זיך אַליין גיט ער אַרויס דעם ריח.

גייט ער מיט קליינע טריטעלעך און מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ צום פֿאָטערס בעט. ער ריטשט זיך ביי דער וואַנט ווי ער וואָלט זיך נאָך געשלאָגן מיט דער דעה, גיין אָדער נישט גיין. ווי מען וואָלט אים גענויט קריכט ער אין בעט אַריין. דער ריח פֿון רב חיימס באָרד הילט אים איין און דער זון־שטראַל וואָס ברעכט זיך אַדורך פֿון די אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן, פֿאַרוויגט אים אין אַן האַלבן דרימל.

אין שלאָף קרעכצט שימעלע. ער לאָזט אַרויס אַזעלכע טיפֿע זיפֿצן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַפֿרייען פֿון דער חרפּה וואָס ליגט אין אים טיף, טיף. וואָס טיפֿער אָבער ער זיפֿצט, אַלץ בריענדיקער איז די דערנידעריקונג, אַלץ שווערער ווערט אים. עס דריקט אים אַ דורשט נאָך נקמה. אויפֿשטיין שטייט ער אָבער אויף אַ פֿאַרנעפּלטער. אויסגעליידיקט איז ער געוואָרן. ער פֿאַרהערט זיךביים פֿאָטער און עפּעס איז ער נישט ער. ווי אַ שלענגל דרייט ער זיך און קען זיך אַלץ קיין אָרט געפֿונען.

עס דאַכט זיך אים, אַז דער שלאָף ביים פֿאָטער אין בעט האָט דעם כּוח אים צוגענומען, אים אָפּהענטיק געמאַכט. ער מוז זיך אויסטשוכען. ער רעדט מיט שלמה גאגע וועגן דעם הויכן יצחק. ער רעדט מיט אַנדערע חברים. עס קומט אַבער נישט אַרויס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, וואָס ער וואָלט זיי געזאָגט פֿאַרן שלאָף. עס איז אים אַזאַ שאָד, ווי עפּעס טייערס וואָלט אים פֿאַרלוירן געגאַנגען און ער ווייס נישט וואָס.

אַ שווערדל מוז ער זיך מאַכן. אַזאַ שווערדל וועט ער זיך מאַכן, וואָס קיינער אין דער וועלט האָט נישט אַזעלכס. אַזאַ שאַרפֿן שפּיץ וועט עס האָבן, אַז צען מענטשן מיט אַ מאָל וועט עס קענען אַדורכלעכערן. ער קען זיך שוין נישט דערוואַרטן ביז עס וועט ווערן אויס שבת און דער פֿאָטער וועט מאַכן הבדלה. ניין. נישט קיין שווערדל נאָר אַ באַטעק וועט ער זיך מאַכן. ער ווייס אַז די

גרויסע יונגען, ווען זיי שפילן זיך אין מלחמה, מאַכן זיי אַזעלכע באטקעס. ער מוז זיך נאָר איינשאַפן אַ גרויסע, גאָר אַ גרויסע בלייערנע פלאָמבע, און אַזאַ פלאָמבע אַריינפלעכטן אין עק פון באטעק. מיט אַזאַ באטעק וועט ער קיין בריה נישט זיין, דער הויכער יצחק. ציטערן וועט ער ווי אַ פיש. ער וועט אים אָנלערנען. בעטן וועט ער זיך ביי אים, אַז ער זאָל אים אָפלאָזן. ער וועט עס אָבער נישט טאָן.

— וואָס עפנסטו עפּעס אין מיטן דערינען די שופלאָדן? — פרעגט אים גיטעלע. שימעלע אָבער ענטפערט נישט. מיט פאַרביסענע ליפן זוכט ער שטריק, ער מוז ווייזן שלמה גאגע וואָס ער האָט שוין און ער וועט אים שוין איינשאַפן די פלאָמבע.

דעם גאַנצן זונטיק פלעכט ער שטריק אונטערן טיש אין חדר. ער פאָלגט נישט נאָך משה נטע און האַלט די אויגן זיינע אונטערן טיש. דער רבי פרעגט אים, ווו מען האַלט. עס אַרט אים נישט! ער וועט אפילו מיטן פאָטער, אויב ער וועט היינט קומען, נישט גיין שפאַצירן. וויכטיקערס האָט ער, און זיינע פינגערלעך פלעכטן און פלעכטן, און אַז ער דערזעט דעם פאָטערס ווייסע באָרד, פאַרקרימט זיך אים דאָס פנימל.

משה נטע שמייכלט פאַרן גרויסן כבוד וואָס רב חיים טוט אים אָן מיטן קומען צום פענצטער פון זיין חדר. אָבער שימעלע וויל אַזוי שטאַרק דער רבי זאָל אים היינט ביים פאָטער אָפבעטן; זאָל אים זאָגן מען האַלט אינמיטן שיעור. ער וואָלט דעם רבין שטענדיק געדענקט די טובה, שטענדיק...

דער רבי האַלט אָבער אין איין שמייכלען, און אינטערטעניק זאָגט ער:

— הע הע הע, וואָס איז שייך. אַז רב חיים וויל, הע הע הע. אַז דער בעל הבית וויל איז דאָך אַ שכיר־יום אויך נישט מער מחוייב. הע הע הע, דאַכט זיך דער דין איז אַזוי. — וויל ער נישט פאַר רב חיימען זאָגן אויף זיכער.

נאַכעס אויגן גלאַנצן. חוץ דעם וואָס רב חיים טוט זיי אָן אַזאַ כבוד איז איר פאָטער, ברוך השם, אויך נישט אַבי ווער. ער שמועסט אין לערנען מיט רב חיימען. אַפילו שלמה גאגע האַלט איין דעם אָטעם און די איבעריקע תלמידים

קענען זיך נישט זאַט אָנקוקן אויף רב חיימס באָרד.

שימעלען גלוסט אָבער שטאַרק נישט צו גיין מיטן פאָטער. ער מוז די שטריק פאַרפלעכטן. פאַרנאַכט, ווען אַלע יינגלעך וועלן אַהיים גיין פון חדר, וועלן אים אַלע צוהעלפן. דעמאָלט וועט ער געוואָר ווערן וועגן דער בלייערנער פלאָמבע. ער נעמט זיך אָן מיט מוט:

— מען האַלט אינמיטן לערנען. שפּעטער אפשר...

— הא, קיין עין הרע, אַז ער וויל לערנען, מהיכא תיתי — קוועלט משה נטע וואָס ר׳ חיים אַליין זעט וואָס פאַר אַ תכלית שימעלע האָט ביי אים געהאַט.

רב חיים אָבער לאָזט זיך פון דאָס זייניקע נישט אַראָפּפירן און ער זאָגט פעסט און בהרחבה.

— התמדה איז גוט. גאָר גוט. לערן נאָר אַ גאַנצן טאָג וויפל מען דאַרף, וועט שוין אויך גוט זיין. דעם פאַרנאַכט בין איך דיר מוחל. הלוואי אַ גאַנצן טאָג... — ער שטייט און וואַרט אויף שימעלען מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי אַז ער, רב חיים, איז מוחל, וועט שוין גאָט אַליין נישט זאָגן אַנדערש.

קיין עצה האָט שוין שימעלע נישט. ער קריכט אַפּער פון דער שלאָף־באַנק, אויף וועלכער ער זיצט און די שטריק שלעפּן זיך אים נאָך, פאַרפּלאָנטערן זיך אַרום זיינע פיס, און אומרויק, אַז דער פאָטער און ד׳ער רבי זאָלן נישט זען, וויקלט ער זיי אָפּ פון זיך און שטעקט זיי אין דער טאַש אַריין.

— וואָס האָסטו דאָרט? — פרעגט משה נטע.

— גאָר נישט.

— וואָס הייסט גאָר נישט? איך זע דאָך יאָ עפּעס.

— וואָס דויערט היינט עפּעס ביי דיר אַזוי לאַנג? — ווערט רב חיים אומגע־דולדיק.

און שימעלע גייט. די אָנגעפּראָפּטע טאַשן פון כאַלאַטל בריען אים, און ער ציטערט אַז דער פאָטער זאָל אַמאָל אים נישט פרעגן וואָס ער האָט אין די טאַשן. שימעלע קען נישט שלום מאַכן מיטן פאַמעלעכדיקן גיין, דאָס משניותל אין דער האַנט, און זיך איינהערן צום פאָטערס קול. נישט וויכטיק קומען אים איצט אויס

דעם פּאָטערס ווערטער. אַ בין זשוזשעט אים אין אויער און אַ באָטשאַן וואַרפט די צעשפּרייטע פליגל איבערן פעלד. עס הערט זיך אַ קלאַקן און באַלד ווערט אַלץ שטיל, אַלץ אַוועקגעפלויגן. אָבער ער איז מחויב זיך איינהערן צום פּאָטערס מאָנאָטאָנעם קול. ער ווייס שוין נישט ווו ער האַלט, וואָס פאַר אַ משנה דער פּאָטער זאָגט — און עס אַרט אים נישט. זאָל דער פּאָטער זאָגן. אים גייט עס נישט אָן. ער וויל סיי־ווי־סיי נישט גיין. ער וויל סיי־ווי־סיי נישט הערן.

וואָס אַמאָל נידעריקער לאָזט זיך אַראָפּ דער פאַרנאַכט. עס הערט זיך אַ מעקען פון אַ קו, אַ היימגעקומענע פון דער לאָנקע. פאַרוואָס זאָגט נאָך דער פּאָטער און זאָגט? ער הערט סיי־ווי נישט. עס גלוסט אים צו פאַרמישן דאָס משניותל, אָבער דער פּאָטער וועט בייז זיין. זאָל ער מיינען, אַז ער קוקט יאָ אַריין. ער גייט און גייט און גייט. פאַרוואָס גייט ער און פלעכט איצט נישט די שטריק? זיינע אויגן קלעפּן זיך.

— נו? — הערט ער דעם פּאָטערס קול. ער ציטערט אויף ווי פון אַ חלום און קוקט זיך דערשראָקן אַרום.

— דו ווייסט אַפילו נישט ווו מען האַלט. מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן. די יונגען ליגן דיר אַוודאי אין קאָפּ.

פאַרשעמט איז שימעלע. אָבער אַרן אַרט עס אים נישט. וואָס גייט אים אָן, אַז דער פּאָטער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און געדענקט נישט וואָס ווייטער שטייט? ווען ער וואָלט אים נישט גענומען שלאָפן שבת נאָך דער סעודה, וואָלט ער די אַלע צרות נישט געהאַט. זאָל ער וויסן.

ס'איז שוין נאַכט געווען ווען רב חיים מיט שימעלען זענען געקומען פון שפּאַציר אין שטאָט אַריין. די שטיינער פון ברוק האָבן נאָך געבריט פון דער בייטאָגיקער היץ. פון צייט צו צייט האָט ערגעץ ווו אַ בעלעק אויפגעלויכטן, גאָלדיק געציטערט, אויפגעהויבענע פייערקעס האָבן זיך רעשיק צעקלאַפּט און באַלד איז ווידער טונקל געוואָרן. די מענער זענען נאָך ביי מנחה־מעריב און אין דער פינצ־טער וועט אויך די וויטעשערע פאַרטיק ווערן.

אָבער רב חיימען איז נאָך דער פרישער שאָסיי לופט די שטאָט אויסגעקומען

גראָב, דערשוויצט און פּאַראַיילייצט. שנעל איז ער אַרויף די טרעפּן, אין זיין שטוב אַריין, אָפּגעדעכעט, דעם שטעקן אויפגעהאַנגען און זיך איבערגעטאָן אין לייכטן, שטובענעם שלאָף־ראָק.

ער האָט דאָס אויף זיין שימעלע נישט געגלויבט. ער זאָל נישט וויסן אפילו ווו מען האַלט, וואָס פּאַראַ משנה ער זאָגט! אַ גוטן קאָפּ האָט ער, ברוך השם, שימעלע. ער פאַרשטייט וואָס מען לערנט מיט אים. אַז מען פאַרשטייט נישט, אַז מען ווייס נישט אין וואָס עס גייט אין דער גמרא, אַז מען פילט נישט קיין טעם אין וואָס מען לערנט איז דאָס לערנען אַן עול. פאַרוואָס האָט שימעלע נישט געוווסט ווו מען האַלט? די יונגען ליגן אים אין קאָפּ, די שפּילערייען. עס פאַרדריסט רב חיימען. ער אַליין קומט דאָך נאָך אים אין חדר אַריין, באַפרייט אים פון לערנען, נעמט אים מיט אויפן שפּאַציר. מיט שמחה האָט ער דאָך באַדאַרפט האַלטן דאָס משניותל אין דער האַנט, קיין אות נישט פאַרפעלן. אַן אַרבעט איז עס? צו שווער פאַר אים?

געדיכטער ווערט די נאַכט אַרום אים, און די קולות פון דער גאַס — שיטערער. ווי פון ווייט קומען זיי צו אים. זיין טאַטע האָט זיך מיט אים נישט אַזוי געפירט. ביז עס איז פינצטער געוואָרן, איז ער געזעסן אין חדר. אַ סך מאָל האָט דער רבי נאָך געהייסן אָנצינדן אַ „קאַגאַניעץ" צו פאַרענדיקן דעם שיעור. דערנאָך אין בית המדרש אַ קליין בחורל, איז אים אַ חילוק געווען ביי טאָג, ביי נאַכט? ער וויל זיך אָבער מיט שימעלען נישט אַזוי פירן. אַ שוואַכער איז ער, שימעלע. זאָל ער לערנען אַ גאַנצן טאָג; דעם פאַרנאַכט איז ער אים מוחל. נאָך אַ גאַנצן טאָג לערנען זאָל ער זיך אָפּרוען, שעפּן אַביסל פרישע לופט. ער איז שוין געווינט מיט קינדער אויסגעשטאַנען. פאַרוואָס איז שימעלע אָבער אַזאַ כפוי טובה? ער האָט אים נישט אין זינען, נאָר די יונגען זיינע, די חברים צום שפּיל. אפשר איז ער אליין שולדיק? מען טאָר קינדער נישט נאָכגעבן אַזאַ ווילטאָג. און אפשר האָט ריכטיקער געטאָן דער פאָטער זיינער — דאַרף מען נישט טאַקע זיין שטרענג צו קינדער אויב מען וויל זיי זאָלן ווערן לייט? ער איז דאָך אָבער אַזאַ שוואַכער, הויט און ביין...

און עס ווערט אים אַ רחמנות אויף זיינע קינדער. האָבן זיי די כוחות וואָס ער האָט געהאַט ווען ער איז געווען אַ קינד? ער גזלט אַוועק פון זיי דאָס וואַרעמסטע, דאָס ליבסטע, וואָס יעדעס קינד האָט. ווען די קינדער זענען קליין געווען, האָט ער אין די פאַרטאָגן זיי פון די וויגעלעך אַרויסגענומען, אין וואַרעמע קאָלדרעס איינגעהילט, אויפן שויס זיי געזעצט, קיכעלעך געגעבן אין די הענטלעך און לעפעלעך טיי פון זיין גלאָז. געפרייט האָבן זיי זיך, וואָרעם אין זיינע הענט האָבן געצאַפּלט זייערע פולכנע הענטלעך, זיך אין זיין באָרד אַיינגעפלאָכטן. היינט טוט ער עס שוין נישט. דערוואַקסענע קינדער זאָלן האָבן דרך ארץ, מוז מען זיך אַ ביסל אָפּרוקן פון זיי — איז ער צוליב תכלית שוין נישט געגוג אַכזר צו זיינע קינדער? דאַרף ער נישט נאָך מער אַכזר זיין?

זיין פאָטער האָט אים נאָכגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. אַפילו דער זיידע זיינער. יעדן שבת נאָך דער סעודה, האָט ער זיך מיט אים געשפּילט, כאָטש ער האָט שוין דעמאָלט געמוזט זיין אַ דערוואַקסן ייִנגל. ער אָבער האָט געוואָלט לערנען, אַליין געוואָלט, און דער פאָטער האָט אים נישט געברויכט יאָגן. ביז אים איז נישט געווען קיין לערנער אין דער משפחה. דער פאָטער זיינער האָט אפילו נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו פירן מיט אַ ייִנגל וואָס וויל לערנען. ער אַליין האָט אָבער געוואָלט. מיט גאָט־ברוך־הוא׳ס רצון איז ער דערגאַנגען צו דער מדרגה וואָס ער איז איצט. ער געדענקט אפילו גאָר נישט ער זאָל זיך האָבן געשפּילט. און אפשר ווען יאָ אַ מאָל, איז עס אים אויך נישט געבליבן אין זכרון — זיין שימעלע אָבער איז פאַרשפּילט. ער קאָן נאָך אַ מאָל פאַרגעסן מעריב דאַווענען. ער מוז אים דערמאָנען. דערמאָנען...

— דרייסט דיך אין דער פינצטער. אפשר די לאָמפּ אָנצינדן? — איז גיטעלע שטילערהייט אַריין צו אים אין דער לערן־שטוב.

— מילא, אַז דו ווילסט. שימעלע דאַוונט דערינען מעריב? דערמאָן אים.

— ווו איז ער טאַקע? ער איז דאָך גאָר נישטאָ.

— אה, ווייטער אַראָפּ צו די יונגען. איך ווייס גאָר נישט, איך ווייס גאָר

נישט וואָס מיט דעם ייִנגל וועט זײַן. — און אַ טיפן קרעכץ געגעבן.

— אַ קינד נאָך... — האָט גיטעלע געפּרווּווט פֿאַרענטפֿערן שימעלען.

— אַ קינד? אַ קינד? איך אין זײַנע יאָרן בין דאָך שוין געזעסן אין בית המדרש, און ער פֿאַרשפּילט די טעג, די יאָרן. איך ווייס נישט וואָס עס וועט זײַן מיט אים.

גיטעלע האָט אַ קרעכץ געגעבן. עס האָט איר אַזויפֿיל נישט געאַרט שימעלעס שפּילן זיך, נאָר וואָס איר מאַן איז נישט צופֿרידן פֿון זײַן פּירונג. זי וואָלט נישט מיד געוואָרן אַ גאַנצן טאָג צו הערן שימעלען רימען — און דאָ איז ער גאָר בייז? עס האָט איר שוין באַנג געטאָן פֿאַרוואָס זי האָט אים געפּרעגט אויף שימעלען. אַ סך ליבער וואָלט איר געווען ווען ער ווייס אינגאַנצן נישט אַז שימעלע איז אין שטוב נישטאָ. גיטעלע איז אַרויס פֿון דער לערן־שטוב ברענגען דעם לאָמפּ. צוריק איז זי אָבער אַזוי שנעל נישט געקומען, די מורא עס זאָל נישט געשטערט ווערן די שטילע רויִקייט ביי איר אין שטוב האָט געפּענטעט אירע טריט. באַלד האָט זי געשיקט דער קעכין שימעלען אויפֿזוכן — וועט זי אים נאָר געפֿונען? — האָט גיטעלע זיך געשראָקן. — איז ער נאָר נישט אַוועק ערגעץ ווייט מיט די יונגען? ערשט אַז שימעלע איז געקומען צו לויפֿן, אַ דעריאַתמעטער, דאָס כאַלאַטל אויפֿגעקנעפּלט, האָט זי אים געבעטן ער זאָל דאַווענען מעריב און אַרײַנגעטראָגן די לאָמפּ אין דער לערן־שטוב.

— נאַ, ער איז שוין דאָ? שוין געקומען פֿון געיעג? שיק אים נאָר אַרײַן צו מיר — האָט רב חיים שאַרף געזאָגט.

— וואָס ווילסטו פֿון אים? ער גייט שוין דאַווענען מעריב — האָט גיטעלע אים געפּרווּווט אָפּבעטן.

— וואָס איך וויל? וואָס איך וויל? אַ ייִד זאָל ער זײַן, דאָס וויל איך. נישט אָנקומען ווי אַן עשו פֿון געיעג. שיק אים אַרײַן. איך מעג אים דאָך כאָטש אָנקוקן ווי ער זעט אויס, דער שיינער זון דײַנער.

געזעסן האָט שוין גיטעלע, אַז איר וועט שוין גאָר נישט העלפֿן, קיין גרויסע פּעולה וועט איר רעדן איצט נישט האָבן, און פֿאַר שימעלען איז גלייכער דעם

פאָטער נישט אַריינצוברענגען אין כעס. אָבער אַוועקגיין אָן אַ גוט וואָרט פאַרן קינד האָט זי נישט געקענט. מיט אַ שוואַך, ציטעריק קול פון אַ פויגל ווען עס חלומט זיך אים אַ שפּאַרבער האָט זי געבעטן:

— לאָז אים אָפּ איצט. נאָך אַזאַ טאָג.

— גיב זיי נאָך דעם טריפהנעם האַלדז, וועלן זיי אויפוואַקסן לייט. שיק אים אַריין צו מיר, איך וועל אים נישט אויפעסן. עס וועט פאַר אים בעסער זיין איידער איך זאָל אַריינקומען צו אים. אַז איך וועל קומען צו אים, וועט זיין ערגער.

רב חיימס טריט זענען געוואָרן האַסטיקער. די שטיוול אונטער אים האָבן אָנגעהויבן סקריפּען. ניין, אַזוי לאָזן טאָר מען נישט. ער וואָלט קיין ייד נישט געוועזן, ער וואָלט נישט ווערט געוועזן מיט די שטאָטישע קינדער זיך צו כּאַרנעמען, ווען ער זאָל ביי זיך אין שטוב צולאָזן צו אַזאַ הפקרות. וואָס וועט די שטאָט זאָגן? ווי וועט ער קענען די אויגן אויפהייבן פאַר אַ מענטש? אַ צערייצטער האָט ער געזאָגט:

— אַז דו ווילסט אים נישט אַריינרופן, וועל איך גיין.

— נו שוין, שוין, זיי נישט בייז.

שימעלע האָט שוין געהאַט אויסגעסדרט אויפן טיש די בלייערנע פלאָמבעס, וואָס ער האָט זיך פאַרשאַפט ביי פייגע־לאהן אין דער הורט קראָם. ער האָט גאָרנישט גערעכנט אַז עס וועט אים אַזוי לייכט אָנקומען, פייגע־לאה זאָל זיך אַזוי פרייען מיט אים, אים מכבד זיין מיט צוקערלעך, און שמחה, פייגע־לאהס מאַן, זאָל זיך בכיוון אָנטאָן די ברילן אויף דער גלאַנציקער נאָז און אים אַליין אָפּשניידן די פלאָמבעס פון די זעק. ער האָט נאָך גאָר געהאַט אַ טענה צו אים, פאַרוואָס ער קומט נישט שבת נאָכן שלאָף אַריין נאָך שבת־אויבסט.

פייגע־לאהס געוועלב איז געוועזן דאָס רייכסטע אין דער שטאָט, מען האָט דאָרטן געקענט קריגן וואָס איינעם איז נאָר איינגעפאַלן אין קאָפּ. אפילו שררהשע שפּיצרוטן האָט שימעלע דאָרט געזען. ער האָט אפילו חשק געהאַט צו פרעגן פייגע־לאהן וויפל עס קאָסט אַזאַ שפּיצרוט. ווען ער וואָלט אַזעלכס געהאַט, וואָלט

ער שוין נישט באַדאַרפט פלעכטן קאַנטשיקעס. שימעלע איז אָבער אַזוי דרייסט נישט געווען און ער האָט אָפּגעלייגט דאָס פרעגן אויף שפּעטער. די שמחה אין אים — פאַר די פלאָמבעס, פאַר די שפּיצרוטן און פאַר דעם וואָס שמחה האָט אים אַליין צו זיך פאַרבעטן, — האָט הויך אין אים זיך געוואָרפן, אים דרייסטער געמאַכט. ער האָט נישט געהערט וואָס גיטעלע רעדט צו אים. האָט גיטעלע אים צאַרט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געזאָגט, אַז דער פאָטער רופט אים, אים אָנגעקוקט מיט אַ רחמנות־בליק, ווי איינעם וואָס איז פאַרמשפט און דאַרף באַקומען אַ שווערע שטראָף, און שימעלע, אַ פאַרנומענער, האָט איר אַ טובה געטון און געענטפערט:

— באַלד, באַלד — און זיינע אייגעלעך האָבן געקלעפּט אין טיש.

די איינגעריכטע הענטלעך פון בליי האָבן געטאַפּט די פלאָמבעס, זיי מיט נחת געציילט ווי דאָס וואָלט געווען אַ גרויס פאַרמעגן, וואָס איז שווער אָנגעקומען. די הענגל־לאָמפּ, מיט די טראָלדן אַרום דער ברייטער שיין, האָט אַן איינגעהאַלטן ליכט געשפּרייט, אַ קיילעכדיק באַהעלט ראָד ווי אַ גרויס אויג אויפן טיש צעלייגט, כדי בעסער צו זען ווי שימעלע שפּילט זיך. זי האָט זיך איבערגעוווּנקען מיט די אויף די טירלעך און אויפן געזימס אויסגעשניצטע קרעדענץ, ווי נאָר זיי וואָלטן פאַרשטאַנען די גליקלעכע פרייד פון שימעלעס שפּילן זיך.

גיטעלען אָבער האָט שימעלעס פאַרנומענקייט פאַרדראָסן. זי זאָגט אַ;ן זאָגט און ער הערט אפילו נישט. זי איז שטרענגער געוואָרן:

— אַ שיין לייט איז פון דיר געוואָרן. דו הערסט נישט אַז דער טאַטע רופט דיך? — און אים אָנגענומען ביים הענטל.

— איין רגע נאָר — און ער האָט די פלאָמבעס באַהאַלטן אין טאַש און נישט ווילנדיק זיך נאָכגעשלעפּט נאָך איר.

— און מעריב האָסטו שוין געדאַווענט? — האָט אים ר׳ חיים שטרענג געפרעגט.

— איך גיי שוין דאַווענען.

— און ביז איצט וואָס האָסטו געטון?

אויף דער שאלה האָט זיך שימעלע נישט געריכט און ער האָט אַראָפּגעהאָנגען דאָס קעפּל.

— נו וואָס שטייסטו ווי אַ גלאָמב? איך פרעג דאָך דיך עפּעס?

די לאָמפּ ביי ר׳ היימען אויפן טיש האָט אָנגעהויבן ווי דערשראָקן אונטער־שפּרינגען און די ספרים אין די פולע ספרים־שענק ביי די ווענט זענען ווי איינגעשרומפּן, און שימעלע האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— ביי פייגע־לאהן.

שוין חדשים ווי פייגע־לאהס נאָמען איז ביי גיטעלען אַ ווונד, וואָס לאָזט איר נישט שלאָפן אין די נעכט. גיטעלע איז זיכער, אַז פון איר עלטסטער טאָכטערס חברן זיך מיט פייגע־לאהס דריי טעכטער וועט זי נאָך אַמאָל האָבן צרות. ר׳ חיים וועט מאַכן געוואַלדן, אַז מען וועט הערן אין אַלע גאַסן. די גאַנצע שולד וועט ער וואַרפן אויף איר, זי זידלען, און זי ציטערט פאַר דעם טאָג וואָס דערנענטערט זיך, וואָס מוז קומען. זי באַמיט זיך פייגע־לאהס נאָמען נישט צו דערמאָנען פאַר איר מאַן, כדי פונדערווייטנס צו האַלטן די סכנה. און דאָ איז גאָר פייגע־לאהס נאָמען אומגעריכט, ווי פון זיך אַליין, אויפגעשווומען. גיטעלע האָט אויפגעציטערט. ברעכט דער שטורעם שוין נישט אויס? וועט פון שימעלען איר מאַנס כעס זיך נישט איבערטראָגן צו איר? וועט רב חיים נישט געבן אַ פּלאַץ אַרויס מיט אַ געשריי און די רו אין איר שטוב וועט אויף אייביק געשטערט ווערן?

רב חיים האָט אָבער בלויז שימעלען אין זינען, און ער פרעגט אים: — איך פרעג דיך, זאָג וואָס טוט איצט אַ גמרא בחור ביי פייגע־לאה? האַנדלען ביסטו געגאַנגען? סחורה קויפן? — און ער שמייכלט.

— איך בין נישט געגאַנגען האַנדלען — האָט זיך שימעלע פאַרשעמט.

— וואָס דען?

די פּלאָמבעס האָט שימעלע מורא געהאַט צו דערמאָנען. דער פאָטער קען זיי אים נאָך צונעמען, און קיין אַנדער תירוץ האָט זיך צו אים נישט געקלעפּט. מיט געבעט זענען די אויגן זיינע געהאָנגען אין פאָטער. ער וועט שוין גוט זיין, שוין קוקן גוט אין משניותל, נאָר דער פאָטער זאָל אים איצט לאָזן צו רי.

וואָס מער אָבער שימעלע האָט געשוויגן, איז ר׳ חיימס צערייצטקייט געוואַקסן. צוליב דעם האָט ער באַדאַרפט אַליין גיין צו משה נטען אין חדר אַריין, שימעלען באַפרייען מיט אַ שעה פריער פאַר אַלע אַנדערע יינגלעך, אַז ער זאָל קענען גיין צו פייגע־לאהן אין געוועלב? עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז שימעלעס גיין צו פייגע־לאהן האָט עפּעס אַ שייכות מיט זיין נישט וויסן ווו ער האַלט אין משניות. איצט האָט ער שוין מער גערעדט צו זיך, צו גיטעלען, ווי צו שימעלען:

— איך ווייס שוין גאָר נישט, וואָס מען טוט מיט אים. איך ווייס שוין גאָר נישט... עס איז דאָך אַ הימל־געשריי. נאָך אַ גאַנצן טאָג זיצן אין חדר, אַז מען קומט שוין אַ היים, מיד פון אַ גאַנצן טאָג, און מאָרגן איז אַ פרישער טאָג — גייט מען נישט אַ היים, מען דאַוונט נישט מעריב, מען עסט נישט, מען לייגט זיך נישט שלאָפן, כדי זיך אויסצורוען אויף מאָרגן, נאָר מען לויפט גאָר אַרום צו אַלדי רוחות. פונוואַנען זאָל מען מאָרגן כוח האָבן צו לערנען? פונוואַנען?.. איך האָב געוווּסט, אַז איך האָב געזען ער איז נישטאָ, האָב איך געוווּסט אַז די קלאָג איז פאַרטיק. אַ פייגע־לאה צו מיינע צרות. אַ פריש אומגליק אויף מיין קאָפּ. ניין! אַזוי גיין ווייטער קאָן עס נישט! אָבער זאָג, איך פרעג דיך אַליין, ווי קומט אַ גמרא יינגל צו פייגע־לאהן? יידישקייט ביסטו דיך געגאַנגען ביי איר לערנען? אַ האַרבן תוספות ביסטו געגאַנגען ביי איר פרעגן? וואָס? אפשר קענסטו מיר אויך זאָגן? איך מעג דאָך אויך קלוג ווערן?

גיטעלע האָט זיך אַביסל באַרויקט. ווען רב חיים וואָלט עפּעס געוווּסט פון דער טאָכטערס חברן זיך מיט פייגע־לאהס קינדער, וואָלט ער אַזוי לאַנג נישט געשוויגן. זי האָט פרייער אָפּגעדעכעט און אַריינגעוואָרפן דעם אַלטן תירוץ פון שימעלעס וועגן:

— אָבער ער איז דאָך אַ קינד. ער וועט עלטער ווערן, וועט ער קליגער ווערן.

— נו, גיב אים נאָך וואָס ער וויל, וועט ער ווערן אַ לייט. דו האַלט די בעסטע מלמדים, ווער אויסגעריסן אויף שריט און טריט, צאָל און צאָל, און ער — ווי מען וואָלט אים נישט געמיינט. וואָס גייט אים אָן דער טאַטע? וואָס גייט אים

אָן די מאַמע? צי פייגע־לאהן קריכט ער גאָר. האָט איר שוין געהערט אַזעלכעס? און די גמרא ווייס מען נישט. אין משניותל ווייס מען אַפילו נישט ווו מען האַלט. אַן אַנדער ייִנגל וואָלט זיך כאָטש געשעמט, און ער גאָר נישט — ניין! אויף דעם האָב איך מיך גאָרנישט געריכט... ברענג אַהער דאָס סידורל, לאָמיר כאָטש הערן צי ער דאַוונט כאָטש.

אַ שוויס האָט שימעלען באַשלאָגן. איצט זיך אַנידערשטעלן ביי דעם פאָטער און זאָגן וואָרט ביי וואָרט האָט ער קיין כח און חשק נישט געהאַט. וואָס איז ער — אַ קינד, וואָס מען מוז אים פאַרהערן צי ער זאָגט גוט עברי? רב חיים אָבער איז געווען איינגעשפאַרט, און גיטעלע, וואָס האָט געהאַט טענות אַז ער פאַרלאָזט די קינדער — האָט פון דעם וועלן אויסהערן שימעלען גאָר הנאה געהאַט. אדרבה, זאָל ער טאַקע מער אַכטונג געבן אויף די קינדער. געאַרט האָט איר נאָר, וואָס דווקא אַזוי שפּעט ביינאַכט, ווען דאָס קינד דאַרף גיין עסן און שלאָפן — נעמט ער זיך אים אויסהערן. און אַ רחמנות צום מידן קינד האָט איר אַרומגענומען.

ווי אַ פאַרמשפּטער איז שימעלע געגאַנגען אויסזוכן דאָס סידורל. געוואָלט האָט ער, ער זאָל עס איצט נישט געפינען און ווי געפּענטעטע האָט ער געשלעפּט די פיס. עס האָבן אין אים געהויזט אַן אויסגעלאָשנקייט און אַן אומווילן צוזאַמען מיט אַ פאַרשעמטקייט. געוואָלט האָט ער אַז דאָס געבעטע בעט, דאָס עסן אויפן טיש, זאָל אים אַרויסהעלפן, איינפאַלן זאָל דער איינגעבויגענער געזימס פון דער הויכער קרעדענץ, אָבער אַלץ איז געשטאַנען ברוגז מיט אים. קיין זאַך האָט זיך קיין ריר נישט געגעבן און דער שוואַרצער דרויסן וואָס האָט אַריינגעקוקט דורך דעם אָפענעם פענצטער איז געווען אומרחמנותדיק שטיל.

קרעכצנדיק זאָגט שימעלע וואָרט ביי וואָרט. רב חיים, וואָס זיצט לעבן אים אויף דער פאָטער־שטול, לאָזט אים נישט כאַפּן, פאַרשלינגען, און די ווערטער זענען איצט ביי אים אַזעלכע לאַנגע. אַן אומהיימלעכע היץ באַשלאָגט אים און ביז עס קומט אויס אַ בלעטל איבערצומישן, ווערן שוין מיד זיינע אויגן, שטעכן ווי זאַמדלעך וואָלטן אין זיי געווען און דער האַלדז ווערט פאַרטריקנט. ער

פרווּוט שטילער זאָגן. רב חיים אָבער לאָזט נישט. ווי מיט אַ קאַנטשיק יאָגט ער אים אונטער:

— איך הער נישט... נאָכאַמאָל... וואָס רוימסטו איין די מייז...

דער ווינט יאָגט דאָס פאָרהענגל, וואָס הענגט איבערן פענצטער, און שימעלען קומט אויס: דאָס פאָרהענגל פרייט זיך, די נאַכט שמייכלט פון דעם וואָס ער איז פּלוצלונג צוריק אַ קינד געוואָרן און פון די ווערטער־בערג וואָס ער מוז אַריבערשפּרייזן. די אותיות קרימען זיך אויס. דער טאַטע שטייט איבער אים ווי אַ בייזער מלאך:

— קיין עברי קענסטו שוין נישט... נאָכאַמאָל... ווייטער...

ווי דעמאָלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר, זענען ביי אים איצט די אותיות שטעכעדיקע, ווי לאַנגע בייטשן. דעמאָלט האָט אָבער דער מלאך פון הימל געוואָרפן אַ צוקערל, היינט שוין דאָס אויך נישט. אים ווערט אַ רחמנות אויף זיך אַליין. קאַנטשיקעס זענען די אותיות, שפּיצרוטן, הויכע יצחקס... פייגע־לאָהס...

אין זיין קול מישט זיך אַן איינגעהאַלטן געוויין. ער וויל אָבער דעם פאָטער די הנאה נישט אָנטאָן. דווקא וויל ער עס אים נישט ווייזן. ער זאָגט ווייטער און טרערן רינען שוין איבער די בלעטלעך פון סידור. רב חיימען אַליין ווערט שימעלעס זאָגן איבערדריסיק. זיינע טרערן מאַכן אים ווייכער. נאָכגעבן וויל ער אָבער נישט, און כדי זיך מוט צוצוגעבן זאָגט ער:

— ס׳שאדט נישט אַז אַ ייד וויינט ביים דאַווענען. עס שאדט נישט.

דעם פאָטערס ווערטער גיבן שימעלען אַ ברי און ער גיט אַ פּלאַץ אַרויס מיט אַ געוויין. די טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן, ברענען זיין פּנים. אָבער רב חיים, כדי זיך צו שטאַרקן, ווערט שניידיק קאַלט:

— אַז דו וויינסט הער איך דאָך גאָר נישט. זאָג מען זאָל הערן!

וויינט שימעלע און זאָגט און דאָס געוויין זיינס ווערט העכער און העכער. גיטעלע אין דער עס־שטוב הערט עס און זי קען נישט איינזיצן. רב חיימס אכזריות קעגן קינד שטעכט זי. אַ בלאַסע קומט זי אַריין. דאָס שוואַרצע קופּקעלע

מיטן שוואַרצן סאַמעטענעם בענדל אַרום, וואָס גיט איר כמעט שטענדיק צו די מילדקייט פון אַ הון, נעמט איצט אָן די בייזקייט פון אַ הונט אויפגעשטעלטן קאַם:

— אפשר וועסטו שוין אָפּלאָזן דאָס קינד? עס איז שוין באַלד האַלבע נאַכט.

— זאָל ער שוין קיין מעריב אויך נישט דאַווענען? — שרייט שוין רב חיים, זיך צו פאַרשרייען, ווי נישט מיט זיין קול.

— אָבער אַלץ מוז דאָך האָבן אַ שיעור.

— ער האָט דאָך שוין באַלד אָפּגעדאַוונט. וואָס ווילסטו, וואָס?

און שימעלע, אויפגעמונטערט פון דער מוטערס ווערטער, וויינט העכער. ער האָט שוין אָפּגעדאַוונט און ער וויינט נאָך אַלץ. ער קען זיך נישט שענקען די דער־נידעריקונג, וואָס דער פאָטער האָט אים אָנגעטאָן, און די שנאה גיסט אים פון די אויגן. און אַז דער פאָטער זאָגט אים:

— איצט גיי עסן און שלאָפן. — רירט ער זיך נישט פון אָרט. דווקא וועט ער נישט טאָן וואָס ער הייסט. ער לאָזט זיך אויך פון דער מוטער נישט אָננעמען ביי דער האַנט.

— די קאַווע שטייט דאָך שוין אויפן טיש, זי ווערט קאַלט.

— זאָל זי קאַלט ווערן.

שימעלע וויל דווקא איצט נישט טאָן וואָס זיי ווילן. זאָל די גאַנצע שטוב איינפאַלן, וועט אים אויך נישט אָנגיין. דווקא מוז ער איצט דעם טאַטן קרענקן. ער זיצט שוין אין דער עס־שטוב ביים אָנגעשמירטן ברויט, לעבן דעם איי, און ער עסט נישט.

— אויב דו עסט נישט, גיי שלאָפן אומגעגעסן — זאָגט שטרענג רב חיים.

— נעם עס. ווײַסט נישט עסן, ועסטו נישט קענען שלאָפן. אַ טאָפּ מיט עסן וועט זיך דיך חלומען. — רעדט אין אים אַריין גיטעלע.

— זאָל מיר חלומען — ענטפערט ער.

— נו, גיי שוין שלאָפן. איך לעש אויס די לאָמפּ. ווילסטו נישט עסן — איז נישט. שלאָפן! שוין שלאָפן! מאָרגן איז אויך אַ טאָג! — זאָגט דער פאָטער מיט כעס. שימעלען איז שוין קיין נפקא מינה נישט. זאָל זיך דער פאָטער היצן. ער זיצט

מיט אַ אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און שפּילט זיך מיט די פראַנזן פון טישטוך.

— עס, עס, — בעט זיך גיטעלע און שטופּט אים אַ שטיקל ברויט אין מויל אַריין.

— דיך וועט הונגערן אַז ער וועט נישט עסן? זאָל ער נישט עסן — וויל רב חיים שימעלען אָפּשרעקן.

— ער וועט דאָך אָבער נישט קענען שלאָפן — קען גיטעלע נישט איינגיין אויפן מאַנס בייזע ווערטער.

— וועט ער נישט קענען שלאָפן, וועט ער וויסן אויף נאָכאַמאָל.

— נו, איך בעט דיך, עס, עס — לאָזט גיטעלע נישט אָפּ.

— וואָס בעטסטו אים אַזוי? ער וועט דאָך טאַקע מיינען, אַז עס גייט אין לעבן ער זאָל עסן. דאָס לעצטע מאָל זאָג איך, עס, אַז נישט לעש איך אויס די לאָמפּ. און צו גיטעלען: — קום שלאָפן, זאָל ער אַליין דאָ בלייבן מיט די מייז.

אַראָפּגעדרייט איז די הענגל־לאָמפּ, שאָטנס לייגן זיך שווער, אין שטוב שטייט די שטילקייט ווי אַ פּאַרגליווערטע. דער פּאָטער האָט זיך מייאש געווען ביי שימעלען פּועלן ער זאָל עסן און זיך לייגן שלאָפן. גיטעלע האָט אים אפילו צוגעזאָגט מאָרגן קויפן נאַשוואַרג און אַ מעסערל — אָבער שימעלע זיצט ביים טיש, רירט זיך נישט פון אָרט.

לענגער ווי אַלעמאָל האָט גיטעלע אָנגעטאָן די ווייסע שלאָף־קופּקע, זיך געפּאָרעט ביי דער קרעדענץ, די טירלעך פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן מיטן פּאַק שליסלען, געקוקט אויף שימעלען ווי אַ ברוגזע, געשטאַנען און געוואַרט. און שימעלע — ווי עס וואָלט אַלץ צו אים קיין שייכות נישט געהאַט.

מיד, ווי אין אַ דרימל פאַרשפּונען, צאַנקט די לאָמפּ. די ליכטיקייט אין נאָפּט־ברענער אין אויבער־שיין לעשט זיך. די פינצטערניש שפּרייט זיך, הילט איין די פאַרשלאָסענע, הויכע קרעדענץ. אַ ריר גיט זי זיך, ווי זי וואָלט אַ שלאָפנדיקע אין בעט זיך איבערגעדרייט. אַ פּאַס ליכטיקייט פון דער אָפענער שלאָף־שטוב טיר בלייכט זיך.

אומהיימלעך ווערט שימעלען. דאָס שאָרכן אין דער שלאָף־שטוב דערמאָנט

אים אין מייז. אַ קעלט הייבט אָן אין אים קריכן. אַלעמאָל ווען ער הערט פון מייז, אַנטלויפט ער. ער האָט אַפילו נישט געקענט צוזען ווי דער שכן זייערער האָט אויפן הויף אַרויסגעטראָגן אַ געפאַנגענע מויז אין אַ קלאַטקע. געוואָלט האָט ער שטאַרק זען ווי דער שכן צינדט אונטער די קלאַטקע און די מויז ברענט. צוצוגיין האָט ער אָבער נישט געקענט פועלן ביי זיך. ווער ער איצט שלאָפן מיט די מייז?

דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז עס אַרט אים גאָר נישט... עס ווערט אים אַ רחמנות אויף זיך אַליין. ער איז ווי אַ יתום. אַ טרויער נעמט דורך אַלע זיינע ביינער און וואָס אַמאָל קעלטער ווערט אים.

ער הערט רייד פון דער שלאָף־שטוב. ער וואָלט אַזוי געוואָלט הערן וואָס דער טאַטע מיט דער מאַמע רעדן צווישן זיך. אַוודאי שמועסן זיי פון אים. ער שפּיצט אויס זיינע אויערן ווי אַ האָז.

— וואָס גראַבלסטו זיך היינט אַזוי? — איז דער טאַטע בייז און דאָס בעט אונטער אים קרעכצט.

— אפשר דאָך? נעם אים אַריין צו דיר אין בעט — בעט זיך די מאַמע.

— נעע. אַזוי ווי ער וועט זיך בעטן אַזוי וועט ער שלאָפן — און מיט אַ געבייזער פאַרענדיקט ער: — אפשר ווילסטו שוין אויסלעשן דאָס ליכט?

עס צאַפּלט אַלץ אין שימעלען. וועט טאַקע באַלד אין גאַנצן פינצטער ווערן? ער אַליין וועט בלייבן מיט דער פינצטערניש? און עס טוט אים שוין באַנג פאַרוואָס ער האָט באַלד זיך נישט געלייגט שלאָפן. דאָס קישן וואָלט אים ווייך געגלעט. אַזוי גוט וואָלט אים געוועזן. זאָל ער אפשר אַריינגיין אין קינדער־שטוב און זיך לייגן? איצט טאָר ער שוין נישט. ער מוז אַזוי בלייבן ביז אינדער־פרי. מען וועט פון אים לאַכן.

ער לייגט אַראָפּ דאָס קעפּל אויפן טיש. דער טיש איז האַרט און ער לייגט זיך אויף דער צווייטער זייט. ער לייגט אונטער אַ הענטל, אַזוי איז לייכטער. אָנגעדראָלן ווערט אָבער באַלד דאָס הענטל און דער נאַקן ברעכט אים. די אויגן קלעפּן זיך אים און ער ווערט פאַרשפּונען אין האַלבן דרימל. „עס טוט אים וויי",

„עס טוט אים וויי"... מישט זיך אים אין קאָפּ, און דער שלאָף ווערט האַרטער. ער זיפצט טיף און אַ געוויין קלעפּט אין אים, ציט אים אין זיך אַריין. דער רחמנות צו זיך ווערט דינער און שאַרפער, ער גיט אַ ציטער און עפנט די אויגן. אַרום אים שטייט אַ געדיכטע פינצטערניש. דאָס ליכט אין שלאָף־שטוב איז פאַרלאָשן. אַליין איז ער. זיי שלאָפן אין די בעטן און אים האָבן זיי אַליין איבערגעלאָזט. זיי מאַכן זיך גאָרנישט פון זיין נישט גיין שלאָפן, פון דעם וואָס אים איז אַזוי שווער דער קאָפּ, און זיי גייט עס גאָר נישט אָן.

קיינמאָל וועט ער שוין צו זיי נישט גוט זיין. קראַנק וועט ער ווערן און זיי וועט ער אפילו צום בעטל נישט צולאָזן. זיי וועלן זיך שעמען, פאַרדאגהט וועלן זיי זיין און אים וועט עס אַפילו נישט אַרן. הנאה וועט אים טון, זיי האָבן זיך דאָס אַלץ אָנגעמאַכט. די מאַמע וועט וויינען, דער טאַטע וועט וויינען. זיי וועלן אַרומלויפן צו דאָקטוירים מען זאָל אים ראַטעווען, און ער וועט אַפילו שטאַרבן. דעם טאַטן וועט ער קומען צו חלום, נאָך האַלבער נאַכט וועט ער אים אין שול אויפרופן צו דער פסולער ספר תורה. אַריינקומען וועט ער אַן אויסגעדרייטער, דעם טלית אויף דער לינקער זייט און די תפילין פאַרקערט און אינגאַנצן וועט ער ציטערן. לאַכן וועט ער פון טאַטנס מורא און פלוצלונג אים געבן אַ זאָג:

— טאַטע, האָב קיין מורא נישט. דאָס בין איך, שימעלע.

ניין! דעם טאַטן וועט ער דאָס נישט זאָגן. דער מאַמען יאָ. ער וועט קומען ביינאַכט און איר אפילו געבן אַ קוש. דער טאַטע איז אין אַלץ שולדיק. ער האָט געהייסן דאָס ליכט פאַרלעשן.

טריט הערט שימעלע. ער האַלט איין דעם אָטעם. אפשר אַ גנב? ער וועט באַלד צוקומען צו דער טיר און אָנהייבן גראַבלען? אַ געוואַלד וועט ער מאַכן, אַלע אין שטוב וועלן זיך אויפכאַפּן און מען וועט אים רימען פאַרן אָפּראַטעווען די גאַנצע שטוב. ער וויל אַזוי שטאַרק עס זאָל זיין אַ גנב. אַלע וואָלטן פאַרגעסן וואָס עס איז פריער געווען. דערנאָך וואָלט די מאַמע אים אַ קוש געבן און ער וואָלט זיך שוין נישט איינגעשפּאַרט און געגאַנגען שלאָפן.

די טריט דערווייטערן זיך, זיי בלייבן שטיין און די פּלומפּ אין מאַרק הייבט

אָן זיך וויגן, קלאַפּן, קרעכצן. וואַסער גיסט זיך. אַזוי שפּעט ביי דער פּלומפּ? איז עס נישט אַמאָל מתים? צו גאָר שדים?

שדים, מתים, זאַמלען זיך נאָך האַלבער נאַכט ביי דער פּלומפּ. דאָס ווייס שימעלע. נישט איינמאָל האָט ער עס שוין געהערט; פאַרשטייפט ווערט זיין אָטעם. ער וואַגט זיך שוין נישט צו רירן. אַרויסשרייען וויל ער. די שרעק פאַרשנירלט אים אָבער דאָס מויל. עס דאַכט זיך אים, ער הערט אַ שאָרך פון סאָוועס און די פיס הייבן ביי אים אָן ציטערן.

דאָס פּלומפּען הערט אויף. דאָס וואַסער קאַפּעט. דערנאָך שווערע טריט און שטיל ווערט. די שטילקייט דערכעט. ער וויל מער נישט הערן. ער פאַרשטאָפּט זיך מיט די פינגער די אויערן און די שרעק קריגט אויגן. זיי קוקן אויף אים, איינשלינגען ווילן זיי אים און ער לאָזט זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע.

עס ציט אים ביים האַרץ. אפשר זאָל ער זיך אויפהייבן און עפּעס עסן? פויל איז ער אָבער. ליגן אַזוי איינגעקורטשעט וויל ער, מער גאָר נישט. און אַז מייז וועלן אויף אים קריכן? פול מיט זאַמד זענען שוין זיינע אויגן און אַ וואָלקן לייגט זיך אין זיין מוח און דער שלאָף פאַרוויגט אים.

ס׳איז שוין האַלבע נאַכט. רב חיים איז שוין אויף די פיס. שטיל איז אַרום. דאָס חשכות אָנצוטאַפּן. רב חיים זיצט שוין און לערנט.

ווי זילבער איז זיין לאַנגע באָרד. זיין הויכער שטערן פאַלדעוועט זיך און דאָס אויפגעשטעלטע קאַפּל זיצט אויף זיין קאָפּ ווי אַ שוואַרצע קרוין. ער וויל דער נאַכט נישט שטערן איר רו, לערנט ער מיט אַ טרויעריקער, פאַרקלערטער שטילקייט. ציילט די הייליקע ווערטער און פאַרטייטשט זיך יעדעס וואָרט.

אָבער באַלד פאַרגעסט ער, אַז עס איז נאַכט און שטילקייט, און זיין קול ווערט התלהבותדיקער, דער ניגון פלאַמיקער.

איינרוען קאָנען שוין נישט זיינע פינגער, אין זיין זילבערנער באָרד פלעכטן זיי זיך. עס צישט די לאָמפּ אויף זיין טיש און ער הערט נישט. פאַרקלערטער

ווערט זיין קול און זיינע פינגער ציען פּאַסמעס האָר פון זיין באָרד. ער גיט דאָס אויפגעשטעלטע קאָפּל פעסטער אַ צי אַראָפּ איבערן שטערן, דער פּאָטער־שטול הינטער אים גיט אַ סקריפּ און אַן אימפּעט שטורמט אויף אין אים. איין כוואַליע יאָגט דער צווייטער און אַ שטאָלענעם גלאַנץ קריגט זיין קול.

אין אַ ווייַן־גאָרטן איז ער... יעדע טרויב אַ זון... מיט שפּע באַשווערט זענען זיי... דורך דער זאַפטיקער פולקייט מאַכט ער זיך אַ וועג... יעדע שטערונג, יעדע ווילד־קרויט רייסט ער אויס... טיפקייטן ווערן באַהעלט...

אָבער ווער ווייַנט? דאָס וויינען ווערט אַלץ נענטער, עס בויערט אַדורך זיינע ווערטער. איבער זיין קאָפּ הילכט אַ וויגן. עס וויגט און וויגט. די „ביעגונעס" פון דער וויג העמערן אין זיין מוח, ער הערט שוין זיין אייגן קול נישט.

וויגן זיך די ליידיקע וויגן פון זיינע יונג־פאַרשטאָרבענע קינדער? וואָס ווילן זיי פון אים איצט? פאַרוואָס לאָזן זיי אים נישט לערנען? וואָס זאָל ער טאָן, וואָס ער האָט נישט געטאָן? איז ער צו עפּעס אַנדערש באַשאַפן ווי צו לערנען?

די וויגן איבער זיין קאָפּ וויגן זיך וואָס אַמאָל האַסטיקער, שטערן אים, לעכערן זיין מוח. איז עס מעשה שטן? איז עס נאָך אַמאָל אַ נסיון?

ער וועט זיך נישט לאָזן. ער טאָר זיך נישט לאָזן. פאַרביסן ווערט ער. מיט כוח רייסן זיך אַרויס פון אים די ווערטער ווי ער האָט פריער געריסן דאָס ווילד־קרויט. דאָס וויגן זיך פון די וויגן פאַרטויבט אָבער זיין קול, ער קרעכצט ווי אַ געפּאַלענער אונטער אַ לאַסט, ער דעכעט, סאַפּעט...

— אויף דער ערד שלאָפסטו, שימעלע, אויף דער ערד נעבעך... אַלץ טוט דאָך דיר וויי. קום! קום! ביי מיר אין בעט וועסטו דיך לייגן — ער הויבט אויף דעם פאַרשלאָפענעם שימעלע און טראָגט אים אין דער שלאָף־שטוב אַריין.

— ביסט דאָך הונגעריק, וואַרט, וואַרט, שימעלע, אַ קיכעלע וועל איך דיר ברענגען, אַ פּאָר לעפעלעך טיי.

דאָס ווייכע קישן גלעט שימעלען, די קאָלדרע וואַרעמט זיינע פאַרשטאַרטע גלידער. דעם ריח פון טאַטנס באָרד פילט ער און זיינע אויגן גלעטן אים אַזוי וואַרעם.

# מיין מאמעס טויט

da wurden ihm die Toten so bekannt,
als waere er durch sie mit einem jeden
ganz nah verwandt; — — — — —
Der Tod der Geliebten
*Rainer Maria Rilke*

קרוב זעקס יאָר האָב איך געהאַט, ווען מיין מאַמע איז שווער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. איך ווייס נישט צי איך האָב שוין דעמאָלט געוווּסט וואָס עס הייסט שטאַרבן. אפשר יאָ און אפשר נישט. אַז דער אַכזריותדיקער טויט וויל די מאַמע פון אונדז צונעמען און קיין מאָל, קיין מאָל וועל איך זי מער נישט זען — פון דעם האָב איך זיכער נישט געוווּסט.

מיין טאַטע, הויך, ברייטביייניק, מיט דער ברייטער צוואָקסענער באָרד און דעם הויכן שטערן, איז נאָך דעמאָלט קיין רבי נישט געווען, נישט געזעסן אָפּגעזונדערט, אַרומגערינגלט מיט משמשים. דער זיידע, דעם טאַטנס פאָטער, פון וועמען ער האָט שפּעטער געירשנט די רבישע שטול, האָט נאָך דעמאָלט געפירט. געזעסן אין איינשטאָקיקן הייזל הינטערן שטאָט, מיט אַ גרויסן בית־המדרש אויפן הויף און אַ גאָרטן הינטער דעם בית־המדרש. אויף שבת און יום־טוב, און אַ גאַנצע וואָך, זענען חסידים פון שטעט און שטעטלעך געקומען צום זיידן צו פאָרן. געשטופּט זיך אים צו קאָנען זען און אַ וואָרט פון אים צו קאָנען הערן. דער טאַטע אָבער, איז נאָך דעמאָלט געווען אַ בעל־הבית אין שטאָט ווי אַלע בעלי־בתים. זיין פינף־שטוביקע דירה אין געמויערטן הויז האָט געקוקט אין שטאָטישן מאַרק אַריין. פון דער דירה אויס, האָט מען געזען ווער עס פאָרט אַרויס און ווער אַריין. פון דער גאַס געהערט קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין אַ יאַריד אָדער אין אַ מאַרק־טאָג, ווען די פויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען געקומען אין שטאָט

אַריין. חוץ דעם וואָס מיר קינדער האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען דעם רבינס אייניקלעך, אָפּט געגאַנגען אין הויף אַריין צום זיידן — האָט מען ביי אונדז אין שטוב נישט געפילט קיין רבישקייט. די גאַס האָט אַריינגעקוקט צו אונדז און מיר האָבן געקוקט אין גאַס אַריין. אונדז, קינדער, איז נישט פרעמד געווען דער שטאָטישער גרינער שלאָסבאַרג מיט די ברוינע חורבות אויפן שפּיץ, דער טייך וואָס האָט זיך הינטערן שטאָט מילד פאַרטראַכט געשלענגלט און דער שטאָטישער לוסטגאָרטן מיט זיינע אַלטע ביימער.

קינדער זענען ביי אונדז אין דער היים געווען, פון חתונה־געהאַטע מיט בערד, ווייבער אין שייטלען וואָס האָבן שוין געהאַט אייגענע קינדער — ביז עופעלעך וועלכע האָבן זיך ערשט געפּיקט. זיי, די עלטערע שוועסטערן, האָבן אונדז, קליינ־וואַרג, צייט דער מאַמעס קרענק, געיאָגט פון איר בעט. מיך האָט מען גיכער ווי אַלע מאָל געשיקט אין חדר אַריין, מער ווי אַלע מאָל דערלויבט אין גאַס זיך שפּילן מיט חדר־חברים און סתם ייִנגלעך. אין אָוונט, אַזוי ווי איך בין נאָר אַהיים געקומען פון חדר, אָפּגעגעסן, האָבן זיי מיך איבערגעגעבן דער גראָבער פערל, וואָס האָט דעמאָלט ביי אונדז געדינט. זי, די גראָבע פערל, האָט מיך בגוואַלד געלייגט שלאָפן אין דער קינדער־שטוב נעבן דער קיך.

קליינוווּקסיק, דאַר, פאַרגרינט, מיט גרויסע ברוינע אויגן און טונקל בלאָנדע פּיאות, האָב איך שוין צו פינף און אַ האַלב יאָר געלערנט אין חדר ביי משה קלמנס דעם גמרא־מלמד. פאַרטאָג, — ווען אין דער איינציקער שטוב אין רויטן הילצערנעם הויז, ווו משה קלמנס האָט געווינט און געהאַט זיין חדר, איז נאָך געווען אַרויסגערוקט די שלאָף־באַנק אויף וועלכער עס זענען געשלאָפן זיינע דריי דערוואַקסענע טעכטער, עס איז נאָך געשטאַנען דער קלעפּיקער פּעט־שוויי־סיקער נאָך־שלאָף־ריח — בין איך שוין געווען אין חדר. געהאָלפן דעם מיטל־ווּוקסיקן, ברייטלעכן, משה קלמנס גלייכשטעלן דעם טיש, וועלכער איז יעדע נאַכט געווען פאַררוקט אין ווינקל און צוזאַמען מיט אים זיך געאיילט אָנהייבן דעם פרימאָרגן־שיעור איידער עס ווערט טאָג.

מורא געהאַט פאַרן מלמד האָב איך נישט. געפילט האָב איך איך בין דעם

רבינס אייניקל. און דער טאַטע מײַנער האָט אויך צוגעהאָלפן משה קלמנס ווערן מלמד. ער האָט אים געפּלעגט פאַרהערן מער ווי אונדז קינדער — צי ווייס ער ווי מיט יינגלעך צו לערנען. איך האָב געוווּסט: משה קלמנס וועט מיך נישט אָנרירן. באַזונדערס האָט משה קלמנס מיך געפּלעגט רימען פאַר אַלע וואָס זענען אַרײַנגעקומען אין חדר, פאַר מײַן גוט קעפּל און מײַן שנעלער תּפיסה. און דאָס אײנציקע גלעזל, אַרויסגענומען פון אַ בריל, וואָס משה קלמנס האָט געהאַלטן מיט די דיקע פינגערלעך פאַרן אויג, במקום אַ בריל, האָט גוטמוטיק צו מיר געשמייכלט.

איז משה קלמנס דאָך אויף מיר אין כּעס געוואָרן, זײַן באַוואַקסענע דיקע נאָז מיט גרויע הערעלעך איז געוואָרן בלאָס — האָט שוין זײַן הויך אויסגעדאַרט ווײַב, וואָס איז שטענדיק געגאַנגען פאַרבונדן דעם האַלדז מיט אַ „ראָגוווקע", און זײַן עלטסטע טאָכטער נאָכע, מיך געהיטן, משה קלמנס זאָל מיך חלילה מיטן קאַנטשיק נישט אָנרירן, מיטן נאָגל קיין קניפּ נישט געבן. ווי איך וואָלט געווען שלומעלע די רביצינס בן יחיד. בין איך, ווען איך האָב חשק געהאַט, אַרומגעלאָפן, ביי דער גמרא אַפילו געשפּילט זיך מיט קנעפּ און שרײַב־פּעדערן, געפירט מלחמות.

מײַן פאַרשפּילטקייט האָט מײַנע שוועסטערן צוגעהאָלפן איך זאָל נישט וויסן, וואָס אין שטוב קומט פאָר, ווי עס פילט זיך די מאַמע, אויפן קראַנקן בעט. וועגן מײַן מאַמעס קרענק, האָט זיך מיר אָבער גוט אײַנגעקריצט אין זכּרון, דאָס געלווייסלעכע ים־חזירל וואָס האָט פּלוצלינג זיך באַוויזן ביי אונדז אין שטוב. פאַר מורא האָט עס זיך באַהאַלטן אין דער שלאָפשטוב הינטער דעם בעט ווו די מאַמע איז געלעגן אַ קראַנקע. מיר איז גאָר נישט אײַנגעפאַלן אַז דאָס ים־חזירל האָט מען געבראַנגט פאַר אַ סגולה, די מאַמע זאָל געזונט ווערן. דאָס פרעמדע, קליינע חיהלע, זאָל ברענגען די רפואה, וואָס איז נישט בכּוח צו ברענגען דער דאָקטער, לייבוש פעלדשער, און די מבקרים: אהרן „פּולס" און רב איטשעק מיטן גראָבן שטעקן. אָנגעצונדן האָב איך מיך, ווען איך האָב געזען אַדורכלויפן דאָס ים־חזירל. אַ בלענד פאַר די אויגן האָט מיר געגעבן די מיניענדיקע געלבלעכע ווייסקייט און איך האָב עס גענומען יאָגן פון איין ווינקל צום אַנדערן, פון איין

באַהעלטעניש צום צווייטן. אונטער דער מאַמעס בעט ביך איך אַרונטערגעקראָכן, מיט אַ שטעקן עס געטריבן און שוין גאָרנישט געהערט, גאָרנישט געזען, נאָר דאָס ים־חזירל. פעסט אָנגענומען ביי דער האַנט און מיך גענומען אַרויספירן פון שטוב, האָט מיין עלטסטע שוועסטער. צוליב דער מאַמעס קרענק איז זי געקומען צו פאָרן פון דער פרעמד ווו זי האָט געוווינט ביי שווער און שוויגער און געהאַט שוין דעמאָלט צוויי קינדער. איר ווייס גוידערל אַרום דעם פולן בלייכן פנים, האָבן איר געגעבן מאַמעשע צאַרטקייט און מאַמעשע זאָרג. יעדעס מאָל ווען זי איז געקומען צו פאָרן האָב איך מיך געפרייט. פאַרדראָסן האָט מיך אָבער איר שטרענגקייט, דאָס נישט זאָגן קיין וואָרט און מיך אָננעמען ביי דער האַנט ווי אַ קינד, מיט וועלכן מען רעכנט זיך נישט. איך האָב מיט איר זיך גענומען אַמפּערן, פון איר זיך געוואָלט אַרויסרייסן. טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן אַריין און וואָס פעסטער זי האָט מיך געהאַלטן, אַלץ שטאַרקער האָב איך זי נישט געוואָלט פאָלגן. איך ווייס נישט צי די מאַמע האָט דעמאָלט געדרימלט און איך האָב זי אויפגעוועקט. געהערט האָב איך נאָר איר פאַרצערט פּישטשענדיק קול: „לאָז אים”. מיין שוועסטער האָט געגעבן אַ קוק צו דער מאַמען און איר האַנט האָט זיך געעפנט.

אַייַנגעהילט אין שווערער טונקלקייט איז געשטאַנען דער מאַמעס בעט. דאָס ליכט, וואָס האָט געברענט אויפן טיש, האָט געוואָרפן אַ שאָטן אויפן בעט און אויף דער מאַמען. איר אויסגעדאַרט, שמאָל פּנים איז, אין דער שלאָפקופּקע אויפן קאָפּ, נאָך שמאָלער און אויסגעדאַרטער געוועזן. איר בלייכע האַנט, מיט בלויע אָדערלעך אַדורכגעפלאָכטן, איז אָן כוחדיק געלעגן אויף דער ווייסער קאָלדרע און אירע אויגן־הייטלעך זענען געוועזן האַלב געעפנט.

די שטילע פאַרצערטקייט, דער שווערער שאָטן און דער מאַמעס אָן כוחדיקן ליגן, האָט אַן אומהיימלעכן ווייַ אויף מיר געגעבן, אַ קעלט איז מיר באַפאַלן. די גרינע טיפע אויגן פון ים־חזירל, וואָס אַ דינער שיין האָט פון זיי אַרויסגעשפּיגלט, האָט אויף מיר געקוקט מיט שפּאָט, ווי עס וואָלט פון מיר חוזק געמאַכט.

אַראָפּגעלאָזט האָב איך דאָס קעפּל. דאָס ציטערן פון ליכט אויף דער ווייסער

קאָלדרע און דער מאַמעס בלייכע אָן כוחדיקע האַנט מיט די בלויע אָדערלעך, זענען מיר אויסגעקומען ווייט און פרעמד. אַ קאַלטע ווייטקייט האָט פון זיי צו מיר געקוקט. אויפגעשוידערט האָב איך און בין פון דער שטוב אַרויס.

אין שלאָף, ביי נאַכט, האָב איך דאָס ים־חזירל געזען. מיר האָט זיך געדאַכט, איך האָב קיין קול נישט און דאָך האָב איך געשריגן. די גראָבע פערל האָט מיך געוועקט. איך האָב נישט אויפגעהערט וויינען און זי האָט מיך געגלעט, דעם שווייס מיר געווישט. אויפהערן וויינען, האָב איך אָבער נישט געקענט, די שרעק איז הינטער מיר געשטאַנען. דעם ים־חזירלס גרינע אויגן האָבן נאָך אַלץ געקוקט און די גראָבע פערל טוליעט מיך צו זיך. זי לייגט זיך צו מיר אין בעטל אַריין, נעמט מיך אַרום און וואַרעמט מיך מיט איר פאָרנטיקייט, מיט איר דיקער פליישיקייט.

איך האַלט דעם קאָפּ אויף איר ברוסט. אין האַלבן דרימל ווייס איך, עס פּאַסט נישט פאַר מיר, אַ גמרא־בחורל, משה קלמנס דעם גמרא מלמדס תלמיד, צו שלאָפן מיט דער דינסט. אַן עבירה איז עס. די שרעק אין מיר לאָזט מיך אָבער נישט פון איר זיך אָפּרוקן, אַ רגע אַליין צו זיין. איך גענאַר זיך אַליין: איך שלאָף, ווייס פון גאָר נישט און זויג איר נאָענטקייט.

אַ גאַנצן טאָג דערנאָך, איז דאָס קעפּל אויף מיר שווער געווען. געשעמט האָב איך מיך פאַר מיינע חדר־חברים און געשעמט זיך פאַר דעם רבין. פאַר זיין הויך, דאַר ווייב מיט דער ראָגוווקע אַרומגעוויקלט דעם האַלדז און פאַר נאַכען דעם רבינס עלטסטער טאָכטער. זיי ווייסן וואָס מיט מיר איז ביינאַכט געשען. אויפן פנים ליגט מיר די עברה. זיי שאָקלען מיט די קעפּ. נאַכע פרעגט מיך שטילערהייט אויב עס וועט היינט זיין מיטאָג ביי אונדז אין שטוב. מיינט זי נישט, אַז די גראָבע פערל, איז שוין ביי אונדז אין שטוב נישטאָ? קיינער נישט פאַראַן וואָס זאָל מיטאָג קאָכן? איך וויל, זי, די גראָבע פערל, זאָל ביי אונדז אין שטוב מער נישט זיין. איך וויל זי מער נישט זען און דאָך איז מיר אַ שאָד. אַזאַ שאָד...

איך האָב נישט געוווסט, וויל איך מיר איינרעדן. הויך אין חדר עס אויסשרייען. די ווערטער גליטשן זיך אָבער נישט אַראָפּ פון דער צונג. דער קאָפּ אַזוי שווער, נעפּלדיק אַלץ. איך האָב יאָ געוווסט... נישט געוווסט... — הערט נישט אויף אין

מיר צו עגבערן, און דער נפל אַרום מיר, ווערט אַלץ געדיכטער. אַ שאָד... נישט קיין שאָד... גוט אַזוי... און אַ דינער ווייטיק קלעפּט אין מיר, טוט מיר ווײ... און איך קרעכץ טיף, טיף...

— אַ קינד נאָך... ער ווייס אַלץ... אַלץ ווייס ער... — הער איך ווי עמעץ אין חדר זאָגט. נאָכן אַוודאי, און איך כאַפּ זיך אויף אַ דערשראָקענער.

אין חדר קאָן איך שוין נישט מער אײַנזיצן. דער רבי משה קלמנס דרייט אַ שטיקל פּאַפּיר, מאַכט זיך אַ פּאָנפּע אין דער נאָז, ניסט. די הויכע דאַרע רביצין דערמאָנט נאָכען: „אפשר דאַרף מען פאַרן קינד מאַכן עפּעס עסן?״

די מאכלים ביי משה קלמנס אין שטוב, האָבן מיך נישט איין מאָל געלאָקט. ביי אונדז אין דער היים האָט מען אַזעלכע מאכלים נישט געקאָכט. פליייש, יויך, לאָקשן. זייט דער מאַמעס קרענק איז יעדן טאָג ביי אונדז געווען אַ יויך. ביים רבין — פאַרכאַפּט דאָס ריישאַכץ דעם אָטעם. עס זעט מיר אויס גוט צו זי, די פּאָלעווקע, וואָס זיי באַגיסן די לאָקשן פון טונקעלן גריטשענעם מעל. ניי איז עס פאַר מיר און די שלינגע האָט מיר געפלעגט קומען אין מויל אַריין. איצט בין איך זיי מוחל דאָס קוקן אויף מיר און זייערע טובות. איך וויל נישט עסן און בין ווי אַן אָפּגעבריטער אַרויס פון חדר.

אָפּן אין פאָדערהויז אַריין, איז געשטאַנען די טיר פון אונדזער גרויסער צווייפענצטערדיקער שטוב. אַ שטומקייט איז געלעגן אויף דעם גרויסן קרעדענץ און די אויסגעשניצטע פייגל אויף די טירלעך, האָבן געקוקט צו דער טיר פון דער מאַמעס שלאָפשטוב. אויפן טיש איז נאָך געלעגן דאָס קאָלירטע טישטעך, וואָס מען האָט אין דער פרי אויסגעשפּרייט צום אָנבייסן. ביי אַן אַוועקגערוקט שטיקל טישטעך איז געזעסן חוהלע יהושעס, מיטן רויטן פלעק אויף דער באַק און די אַלטע רוזשע מיטן קופּקעלע. געקרעכצט האָבן זיי, פרומע ברכות געמורמלט און פאַמעלעך מיט די קעפּ געשאָקלט. פאַרשטאַרט געבליבן זיצן, מיט אויסגעצויגענע העלדזער און אויסגעבויגענע קעפּ ווען די טיר פון דער שלאָפשטוב האָט זיך געעפנט. אהרן „פולס״ דער מלמד — גערופן האָט מען אים „פולס״ ווייל חוץ מלמד איז ער אויך געווען מבקר, און ווי נאָר ער איז געקומען צו אַ קראַנקן, האָט ער זיך געהייסן

דערלאַנגען דעם פּולס — איז אויף די שפּיץ פּיס אַרויס פון דעם מאַמעס שטוב און פּאַמעלעך הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר.

— נו? — האָבן חוהלע יהושעס און רוזשע געפרעגט צוזאַמען.

— פרעגט נישט בעסער... — האָט אַהרן פּולס הייזעריק געענטפערט און אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט.

— איר זוכט עפּעס? — האָט חוהלע יהושעס נאָך אַ צייט שווייגן ווייטער געפרעגט.

— איך, ברוך השם, ווייס אַליין צו געפינען. — און איז אַרויסגעגאַנגען אין דער קיך אַריין.

איך הער אים רעדן מיט דער גראָבער פּערל און דאָס האַרץ הייבט מיר אָן קלאַפּן. זי איז דאָ די גראָבע פּערל, נישט אַוועקגעגאַנגען. וואָס האָט זי פון מיר געוואָלט נאַכט, מיט דער שוויענדזיענדיקער נאָז, וועלכע זי רייבט מיט דער האַנט אַהין און צוריק, ווי זי וואָלט זי געוואָלט פון אָרט אַוועקשטופּן? אַלץ די נאַכט. און אַז די גראָבע פּערל וועט זיך ביי נאַכט ווייטער צו מיר לייגן אין בעט אַריין? וואָרעם ווערט מיר. איך וויל זי זאָל קומען און שעם זיך מיט דעם, וואָס איך וויל עס. טרעפן וויל איך זי נישט די גראָבע פּערל. זי איז אין אַלץ שולדיק. און אפשר איז די מאַמע קראַנק איבער מיין עברה? איך בין דאָך גאָר נישט שולדיק, אַלץ די גראָבע פּערל. אַלץ זי, זי...

קיין אָרט קאָן איך מיר שוין אָבער נישט געפינען. נעם אַרויס פון טאַש אַ קנאָפּ, וואָס איך האָב מיט אַ טאָג פריער איינגעהאַנדלט, באַקוק אים, באַטאַפּ אים. רוזשע שאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַ קינד.

רוזשען לייד איך נישט. רוזשע קומט מער צו דער באָבען ווי צו דער מאַמען. ווען מיר, אייניקלעך, קומען שבת נאָכן שלאָף צו דער באָבען, די רביצין, נאָך שבת־אויבסט, טרעפן מיר זי דאָרט. עס פלעגט מיר אויסקומען אַז רוזשע איז שולדיק, פאַר וואָס מיר קריגן אַזאַ קאַרג שבת־אויבסט פון דער באָבען. איצט לייד איך זי נישט נאָך מער. אַ קינד רופט זי מיך. און אַז חוהלע ענטפערט איר:

— אַ קינד, נו וואָס זאָל עס טאָן? — ווילט זיך מיר אויסשרייען, איך בין נישט קיין קינד שוין! דער געדאַנק פון וועלן שרייען דערשרעקט מיך. וואָס וואָלט איך געטאָן ווען זי חוהלע און רוהשע ווייסן? באַגראָבן פאַר חרפה וואָלט איך מיך דאָך.

— וואָס עס זאָל טאָן? אַ קינד גייט צום זיידן, דעם צדיק, ער זאָל געזונט און שטאַרק זיין. מען לאָזט דעם זיידן נישט איינרוען, ער זאָל די הימלען שפּאַלטן. נאָר אַ קינד קאָן אַזוי בעטן, נאָר אַ קינד... דער פאָטער זיצט דאָרט, זאָל ער אויך גיין.

פון אָרט הייבט עס מיך, אומעטום מישט זי זיך אַריין. וואָס גייט איר אָן וואָס איך זאָג? וואָס איך טו? דווקא וויל איך נישט גיין. און ביי מיר ווייס איך פאַרוואָס איך וויל נישט גיין. ווער נאָך ווייס אַזוי ווי דער זיידע, וואָס ביי נאַכט איז געשען? און אַז דער זיידע וועט מיך אָנקוקן און מיך פרעגן? וואָס וועל איך אים ענטפערן, וואָס וועל איך זאָגן? דער מאַמען וואָלט איך געקאָנט אַלץ דערציילן, דעם זיידן נישט. פאַר דער מאַמע וואָלט איך מיך נישט געשעמט. וואָס וואָלט איך אָבער דער מאַמען געזאָגט? וואָס?

דער קאָפּ מיט רויטע, אויסגעוויינטע אויגן פון מיין עלטסטער שוועסטער קוקט אַרויס דורך דער געעפנטער טיר פון דער מאַמעס שטוב. אַהרן פּולס גייט אַריין. איך אָבער וואַג נישט אַריינצוגיין. ביי דער טיר בלייב איך שטיין, הער ווי זי פאַרמאַכט זיך. געקרענקט בין איך פאַרוואָס זיי האָבן פאַר מיר זי פאַרמאַכט. די מאַמע ווען זי וועט מיך זען, וועט זי מיך ווי דעמאָלט, צורופן צום בעט, זיכער מיך צירופן. איך וועל אויך זען דאָס ים־חזירל. אַלץ איבער דעם ים־חזירל האָב איך געטאָן אַן עבירה. איך וועל עס שוין ווייזן, וועל עס הרגענען. מיטן שטעקן פון שטוב אַרויסיאָגן. צו עפענען די טיר האָב איך אָבער קיין מוט נישט. אַזאַ פרעמד־קייט ביי דער מאַמען אין שטוב. די מאַמע פרעמד? אַזוי ווייטיקדיק איז עס פאַר מיר אַז איך לויף פון דער שטוב אַרויס.

ביי די דריי לאַמטערן אין מאַרק שטייט אַ פערד און וועגעלע. פויל שאָקלט זיך די טאָרבע אויפן פערדס מויל, שעטסקע־שטרויעלעך פליען, דרייען זיך אין חלל

און פאַלן אויף דער ערד. איך שטיי ביי דעם הויז וווּ מיר וווינען, פיר גאַסן שפרייטן זיך דאָ און ווייס נישט אין וועלכער צו גיין. אַ קילע צאַרטע גאָלדיקייט שפיגלט אין די שויבן פון די פענצטער די האַרבסטזון. אַ ווינט בלאָזט פון טייך, הייבט מיין יופּעצל, מיינע פּיאות פליען. עס איז איינער פון די גילדענע נאָך סוכות־טעג, וואָס גאָט מיט זיין גרויס רחמנות שענקט די מענטשן. אַ טרייסט פאַרן קאַלטן ווינטער. אין מיר עגבערט דער טרויער. פאַר מיר איז די גאָלדיקייט קיין טרייסט נישט. דאָס פערדל ווייס נישט פון קיין עברה, פון קיין גראָבע פערל, פון קיין ים־חזירל, קען עס שטיין און עסן. מיך אָבער הייבט עס, ווי די שעטסקע־שטרויעלעך, ווי די בלעטער וואָס ווערן דורכן ווינט געטריבן. און איך ווייס נישט וווּ צו גיין.

אין דער וואַרשעווער גאַס, פאַרן „קופּיעצעס" רייכע כל־בו־קראָם ווּ שררים פלעגן איינשטיין, זיצט אין וואַטענעם קאַפּטאַן און אין היטל מיטן לעדערנעם דאַשעק, דער עלטסטער בעל־הבית אין שטאָט, רב מנשה. ווייס ער אויך נישט, וואָס ער האָט איצט מיט זיך צו טאָן. וואַרעמט זיך די זקנישע פלייצע אויף דער געשענקטער זון. צו וואַרט ער אויף אַ שׂררה? מיט דעם אַלטן האָב איך קיין שייכות נישט. איך ווייס ער לאַכט אויס חסידים, האַלט נישט פון זיידן דעם רבין און ער מיידט אויס אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיטן רבינס הויף. דעם אַלטנס באַרים, איז גאָר די הענג־בריק, וואָס גויים האָבן אויפגעשטעלט אין דער שטאָט איבערן טייך און ער טשעפּעט חסידים: נו, עם הדומה לחמור. מאכט איר אַ הענג בריק?

איך וויל צום אַלטן נישט צוגיין.

וואָס וועל איך אים זאָגן? וואָס פּלוצלונג מיט אים אָנהויבן רעדן?

פון אַהרן פולס חדר גייען אַרויס יינגלעך. זיי וואַרטן אַלץ אויף זייער רבין, וואָס איז ביי אונדז. גוט וואָס זיי זענען דאָ. און שנעל, פייל און בויגן לאָז איך מיך צו זיי, לויף לענג אויס דער וואַרשעווער גאַס.

— שיין, שיין. — גיט דער אַלטער מנשה מיט דער האַנט מיך אַ כאַפּ. קוקט מיר אין פּנים אַריין און זיינע הענט האַלטן מיך פעסט.

איך שטעל אויס אויף אים אַ פּאָר אויגן און אין איין אָטעם פרעג איך אים:

— וואָס? וואָס? — און איך וויל ער זאָל מיך שנעל אָפּלאָזן און ווייטער לאָזן לויפן.

— שיין... — שיין... עס וואַקסט אַ צדיק. וואָס? פרעגט ער נאָך.

מנשהס זאָג אַ „צדיק", גיט מיר אַ ברי. עס איז אַ טרייבן לצנות פון טאַטן, פון זיידן. איך רייס מיך פון זיין האַנט, פעסט האַלט ער מיך אָבער מיט דער האַנט און מיט די קני זיינע. שטאַר קוקן זיינע אויגן און דאָס צעקנייטשטע פנים זיינס קוקט שאַרף:

— אַז אַ מאַמע ליגט אויפן טויטנבעט לויפט מען אַרום?

— מיין מאַמע ליגט נישט אויפן טויטנבעט — גיב איך אַ צעטרייסלטער הויך אַ געשריי.

האָט זיך דער אַלטער מנשה דערשראָקן פאַר מיין געשריי, אָדער פאַר זיין זאָגן מיר אויפן טויטנבעט? איך ווייס עס נישט און דעמאָלט האָב איך עס זיכער נישט געוווּסט. דער אַלטער מנשה האָט אַ טיפן קרעכץ געגעבן, די גרויע ברעמען אַראָפּ־געלאָזט. מיט איין האַנט אָנגעהויבן גראַבלען אין דער טאַש פון וואַטענעם קאַפּטאַן, רויק אַרויסגענומען אַ קאַרמעלקע, דאָס פּאַפּירל פון דער זיסקייט אַראָפּ־געוויקלט און מיר דערלאַנגט.

— נעם, נעם. עס שאַט נישט. איך געדענק נאָך דיין מאַמען ווען זי איז נאָך דער חתונה אַהערגעקומען. איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן, איידער נאָך דיין עלטס־טער ברודער איז געבוירן געוואָרן. נעם, נעם.

דעם אַלטן מנשהס פּלוצלינגדיקע גוטסקייט האָט מיך פאַרשעמט. אין מויל אַריין האָב איך גענומען די זיסקייט, גענאַשט, גענאַשט, און מנשהס ווערטער וועגן דער מאַמען, האָבן מיך געגלעט. אָבער וואָס זאָגט ער אַז די מאַמע ליגט אויפן טויטנ־בעט? דאָס בעט איז דאָך נישט טויט און די מאַמע אויך נישט? איך קום איצט פון שטוב. כ'האָב געוואָלט צו דער מאַמע אַריינגיין. און אפשר הייסט שוין דאָס טויט? וואָס מיין שוועסטער מיט די אויסגעוויינטע אויגן האָט פאַר מיר צוגעקלאַפּט די טיר הייסט שוין טויט? וואָס חוהלע און רוזשע זיצן טרויעריק, הייסט טויט? דער אַלטער מנשה רעדט אָבער ווייטער:

— שיין דיין מאַמע געווען נאָך דער חתונה, ווען זי איז אַהערגעקומען. ווי אַ מלכּה האָט זי אויסגעזען. נישט איינער האָט מיט אַזאַ ווייב דיין טאַטן מקנא געווען, נישט איינער. הע, הע, וואָס דעמאָלט האָט זיך אין גאַס געטאָן, ווען זי איז געקומען מיט דער קאָטש צו פאָרן. אַלט און יונג זענען דעמאָלט אין דער גאַס געשטאַנען, קינד און קייט. ווי אַ מלכּה האָט זי אויסגעזען. וואָס קומט אָבער אַרויס? מען ווערט עלטער, ווערט מען קעלטער. קיין עין־הרע אַזוי פיל קינדער געהאַט. קיין כּוח נישט מער אַ קרענק איבערצוטראָגן. יאָ... יאָ...

מנשה דער אַלטער האָט טרויעריק גערעדט און איך בין שטיל געשטאַנען און געהערט. פון טיף, טיף, זענען זיינע ווערטער געפלאָסן און האָבן אויף מיר אָנגעיאָגט אַ טרויער. אפשר האָט ער גאָר גערעדט ווערטער, וואָס זענען פון לאַנג אין זיין האַרץ געלעגן און נישט געהאַט פאַר וועמען אַרויסצורעדן? אפשר איז דאָס געווען אַ סיבה פון זיין בייזקייט צום טאַטן און צום זיידן די אַלע יאָרן? איך ווייס נישט, און דעמאָלט האָב איך אַפילו דערפון נישט געקלערט, נישט געקאָנט קלערן. אין זינען איז מיר נאָר געלעגן צי מנשה וואָלט אויך אַזוי גערעדט מיט מיר, ווען ער וואָלט געוווּסט וואָס מיט מיר איז ביי נאַכט געשען. אפשר בין איך גאָר שולדיק אין אַלעם?

איך שעם מיך פאַר דעם אַלטן מנשה. שעם זיך מיט מיין עבֿרה און שעם זיך מיט מיין מאַמעס טויט. מיין מאַמעס טויט איז פאַר מיר — אַ חרפּה. איבער דעם וויינט מיין שוועסטער. איבער דעם דרייט זיך אַהרן פּולס דאָרט — ער גייט נישט לערנען מיט די תּלמידים זיינע און איבער דעם האָט זיך באַוויזן דאָס ים־חזירל. איבער דער חרפּה בין איך שולדיק. איך...

פאַר וואָס אָבער לאָזן צו, דער טאַטע און דער זיידע צו דער חרפּה? דער זיידע איז דאָך אַ רבי, קאָן באַווייזן מופתים, פאַר וואָס טוט ער די חרפּה נישט אָוועקנעמען פון מיין מאַמען? פאַר וואָס? איז ער בייז אויף איר? מנשה גלויבט נישט אין זיידן. אַ מתנגד איז ער. רעדט אויס אויף רביס, רעדט אויס אויף חסידים. וואָס איז די מאַמע שולדיק אַז מנשה איז אַ מתנגד? רוושע האָט געזאָגט איך זאָל צום זיידן גיין און אים בעטן. ווען איך קום צו אים אַריין, גיט מיר דער

זיידע וויינטרויבן. אַ מילדע גוטסקייט ליגט אויף דעם זיידנס פּנים, ער וועט וויסן אַז איך בין נישט שולדיק. און אפשר נישט? אפשר וועט זיך גאָר דער זיידע בייזערן. איך וועל אים בעטן, גוט אים בעטן. דער זיידע איז קיין מאָל נישט בייז.

אַ שרײַשע קאָטש פּאָרט אַדורך. אין גאַלאָפּ פּאָרט זי. דאָס גאָלד אויף די כאָמעטן פון די פערד פינקלט, ווי זיי וואָלטן מיטגענומען ווייט, ווייט די גאָלדי־קייט פון דער שטאָט. אַ נאָגנדיקע שטילקייט בלייבט הענגען. דער „קופּיעץ״ אין די ברילן, קומט אַרויס פאַר דער טיר פון זיין קראָם. נעמט אַראָפּ די הענגבריל און רייבט זיך אויס די אויגן. שנייצט די פּעטע נאָז און שמייכלט. איך וויל אויף דעם גוי נישט קוקן. די שייבעלעך פון זיינע ברילן פינקלען ווי די אויגן פון ים־חזירל. זיי בריען ווי די חרפּה פון מיין מאַמעס טויט.

פאַר מיינע אויגן שטעלט זיך די טונקלקייט ביי דער מאַמען אין שלאָפשטוב... דאָס ליכט אויפן טיש... דער שאָטן אויפן בעט און אויף דער מאַמען... דער מאַמעס אויסגעדאַרט פּנים... די אָנכּוחדיקע האַנט מיט די בלויע אָדערלעך... איך הער דער מאַמעס שוואַך קול. אַ פּישטשען ווי פון אַן אַראָפּגעפאַלן פייגעלע. עס באַפאַלט מיך אַזאַ רחמנות אויף דער מאַמען. אַמאָל געווען ווי אַ מלכּה... אַ מלכּה... און אַ רחמנות באַפאַלט מיך אויף מיר אַליין. אַלע מאַמעס זענען געזונט, נאָר מיין מאַמע ליגט אויפן טויטנבעט. זי איז נישט מער קיין מלכּה... איך שעם מיך פאַר דער מאַמען און שעם מיך פאַר מיר וואָס האָט אַזאַ מאַמע. פאַר וואָס לאָזט דער טאַטע דאָס צו? פאַר וואָס לאָזט דער זיידע דאָס צו? ווען דער אַלטער מנשה וואָלט גע־ווען אויפן אָרט פון זיידן וואָלט ער עס נישט צוגעלאָזט. איז מנשה מיר איצט נענטער פון זיידן?

עס איז נישט וואָר, עס איז נישט וואָר — שרייט אַלץ אין מיר. נישט וואָר וואָס מנשה האָט געזאָגט. נישט וואָר די מאַמע ליגט אויפן טויטנבעט. אַ מתנגד איז מנשה, ער וויל דעם זיידן פאַרשעמען, דעם טאַטן און די מאַמען פאַרשעמען. מיין מאַמע קאָן נישט ליגן אויפן טויטנבעט. טאָר נישט ליגן אויפן טויטנבעט. איך רוק מיך ביסלעכווייז אָפּ פון מנשהן. מיינע פיס הייבן זיך קוים, רוקן זיך שווער ווי די שוואַרצע וואָלקנדלעך אויפן הימל. און דער ווינט בלאָזט און בלאָזט.

נעבן זיידנס הויז הינטער דער שטאָט זע איך מיך פלוצלינג, אַ שורה קאַשטאַן־ביי־מער היטן דאָס הייזל. די פורטקע אין מאָכיקן טויער, ציטערט. איך מייד אויס דאָס בית־המדרש, מייד אויס די שמשים־שטוב און גיי דורך דער באָבעס גרויסע שטובן אין פינצטערן קאָרידאָרל — וואָס טיילט אָפּ דער באָבעס סאַלע פון זיידנס לערן־שטוב. דאָ בלייב איך שטיין.

אַן אימהדיקע שטילקייט אַרום. ערגעץ זשומעט אַ פליג. דעם זיידנס קול, לערנט, לערנט... גיסט זיך ערגעץ ווייט... ווייס ער גאָר נישט פון דער מאַמעס ליגן אויפן טויטנבעט, דער זיידע? האָט אים קיינער פון שטוב נישט געזאָגט? נישט דער טאַטע און נישט די עלטערע שוועסטער? ווייס ער נישט פון דער חרפה? ווייס ער נישט פון דער מאַמעס שוואַכן קול? פון איר פישטשען ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער פויגל? פון איר אויסגעדאַרט פנים און די בלייכע הענט מיט די בלויע אָדערלעך. ווייס ער נישט וואָס מנשה זאָגט?

עס גלייבט זיך מיר נישט. ער מוז יאָ וויסן. פון דער חרפה אַפילו וויסן. פאַר וואָס זיצט ער רויִק און לערנט? פאַר וואָס לערנט ער אַזוי שטיל און שרייט נישט צו גאָט? פאַר וואָס ציטערן די הימלען נישט פון זיין קול? פאַר וואָס לערנט ער אַזוי שטיל און אַזוי ווייט?

איך הער און הער, עס קומט מיר שוין אויס, עס איז נישט דעם זיידנס קול. עפּעס אַן אַנדערער, אַ פרעמדער זיצט אין זיידנס שטוב און לערנט. אַ שרעק כאַפּט מיך אַרום, קיל ווערט מיר ביים האַרץ. אליהו הנביא קומט צו צדיקים, אפשר איז אליהו הנביא ביים זיידן אין שטוב? איך וועל אַריינגיין אים בעטן, זאָל ער דער מאַמען העלפן אַראָפּגיין פון טויטנבעט.

שטיל עפן איך די טיר אין זיידנס שטוב אַריין. איך היט מיך קיין קלאַפּ מיט דער טיר נישט געבן, קיין גערויש נישט צו מאַכן. פאַרמאַכט זענען די לאָדנס אין שטוב, צוויי ליכט אונטער אַ בלויער שיין ברענען אויפן טיש. אויף דער וואַנט ליגט אַ שאָטן פון אַ פלייצע און דער שאָטן רירט זיך קוים. הינטער דעם זיידנס שטול שטיי איך און דער קאָפּ, וואָס הענגט איבער דעם ספר, הייבט זיך נישט אויף, לערנט ווייטער, און דאָס קול, קוים עס רירט זיך. איז עס דער זיידע? ער,

האָט נישט געהערט איך בין אַרייַנגעקומען? איך שטיי און ווייס נישט וואָס צו טון.
איינגעמויערט איז דאָ די רויִקייט. פאַרשאָטנט די פּאָליצעס מיט ספרים, פאַר שאָטנט דער ברוינער פלעק פון דלת על דלת אויף דער קעגנאיבערדיקער טיר.

*

אין טעג אַרום, איז מיין מאַמע געשטאָרבן. איך געדענק ווינציק דער מאַמעס פּנים, אירע בלאַסע לאַנגע הענט מיט די בלויע אָדערן, געדענק איך מער. פון דעם טאָג אין וועלכן זי איז געשטאָרבן איז מיר אין זכּרון געבליבן, דער דרויסנדיקער שטאַרקער פראָסט, וואָס איז שווער געלעגן אויף די פעלדער און די פאַרשטאַרט־קייט וואָס האָט מיך אַרומגענומען.

דאָס ים־חזירל האָב איך שוין מער נישט געזען. איך ווייס נישט צי דאָס חזירל איז שולדיק געוועזן אין אונדזער מאַמעס טויט. אפשר יאָ און אפשר נישט, ווער קאָן עס דען וויסן? ווען איך הער אָבער פון טויט, גיט מיר דאָס ים־חזירל אַ בלענד פאַר די אויגן. די מיניעַנדיקע געלבלעכע ווייסקייט פאַרשאָטנט מיר דעם בליק און ווי דעמאָלט וויל איך מיך יאָגן, כאַפּן. פלינקער איז אָבער דאָס ים־חזירל פאַר מיר און פון זיין באַהעלטעניש קוקט עס צו מיר, מיט אַן אַרויספאָדערנדיקן בליק.

# פאַרטונקלט גאלד

שבת־בילדער

# פיש אויף שבת

אין די דאָנערשטיקס, בפרט אין די ווינטערדיקע, גרויע, קליינע דאָנערשטיקס, ווען אויפן פרייטיק קען מען זיך שוין נישט קיין סך פאַרלאָזן — האָט מען אין יידישע שטובן שוין געפילט דעם ריח פון שבת. מען האָט געררוימט, געוואַשן, געבאַקן און געקאָכט לכבוד שבת. דער טאָג האָט זיך שוין נישט געציילט צווישן די מרה־שחורהדיקע טעג פון אַ גאַנצער וואָך, ווען מען האָט מורא געהאַט אַרויסצושטעקן די נאָז אין גאַס אַריין, און דורך די פאַרפרוירענע, פאַרבלימלטע שויבן וואַרפן אַ שרעק אומהיימלעכע טונקעלע וועלדער, ווו מען זעט נישט די ליכטיקע טאָג־שיין. אין די דאָנערשטיקס האָט מען פאַר דער פאַרפרוירענער גאַס קיין מורא נישט געהאַט. היימלעכער האָט אַלץ אויסגעזען. די פאָדערשטע טירן פון די געוועלבער זיינען שוין נישט אַזוי פעסט פאַרקלאַפּט געווען, ווי צוגעפרוירן צו די וויטרינעס, און די גלעקער, וואָס הענגען אינעווייניק אויף די טירן פון די געוועלבער, האָבן שוין נישט מיט אַזאַ טעמפּן סכנת־נפשותדיקן רעש אַלאַרמירט: אַ קונה איז געקומען און דער בעל־הבית פון געוועלב מוז אַוועק פון פייער־טאָפּ און זיך איבערגעבן דעם פראָסט. די פאָדערשטע טירן פון די געוועלבער זיינען דאָנערשטיק לייכט אויפצומאַכן. מען גייט אַריין און אַרויס. קונים קומען און קונים גייען אַוועק.

איינגעבאַבלט אין די פאַטשיילעס לויפן די ווייבער איינקויפן. פאַר אומגעדולדיקייט וואַרפן זיך די טראָלדזן אין זייערע גרויסע פאַטשיילעס. פון אונטער זייערע פאַטשיילעס קוקן אַרויס פולע, בייכיקע שקאָרמיצן, וואָס דערציילן מיט גדלות פון דער שבתדיקייט וועלכע ליגט אין זיי און מיט גראָבע הענט טאָר מען זיך צו זיי נישט צורירן. פון אונטער די פאַטשיילעס קרעכצן אַרויס הינער און עס קרייען הענער, וועלכע מען טראָגט צום שוחט „אָפּצוטוען”. אין די שטובן זעט אויס ווי ערב אַ חתונה, אָדער לכל הפחות ערב אַ גרויסער סעודה. די סעראַטע אויפן טיש, וואָס ליגט אַ גאַנצע וואָך גלייך אויסגעלייגט, איז פאַררוקט אויפן האַלבן טיש; די

בענקלעך שטייען צושטעלט אין מיטן שטוב, און אַפילו דער חשובער צוקער־ביקס, דאָס שיינדל אין שטוב, וואָס דער טאַטע און די מאַמע האָבן געקראָגן צו זייער חתונה דרשה־געשאַנק, ווערט קיין אַכט נישט געלייגט.

פון שטובן הערן זיך געוואַלדן און געשרייען פון קינדער, וועלכע מען וואַשט, קעמט און צוואָגט לכבוד שבת. פאַר די קינדער איז דאָס וואַסער צו־הייס; די זייף קריכט זיי אין דער נאָז און אין די אויגן, און ווי פאַר פייער האָבן די מיידלעך מורא פאַרן קעמען. ביי יעדן פרישן איינעסן זיך פון קאַם אין די האָר, שוידערן זיי אויף, שרייען ווי מען וואָלט זיי אָפּגעבריט, טאָפּען מיט די פיס, ברוגזן זיך. די האָר זאָלן ווערן ווייך, וואַשט מען זיי מיט געזאַמלט און אָנגעגרייט רעגן־וואַסער, מיט צעטאָפּיעטן שניי, מיט סגולות און קרייטעכצער. געהאָלפן האָט עס נישט תמיד, און די געוואַלדן ביים קעמען גייען עד לב השמים.

דערפאַר אָבער נאָכן וואַשן און נאָכן קעמען הויכט אַ צאַרטע יום־טובדיקע רחמנותדיקייט אויף די קינדער. ציטערנדיק פאַר קעלט שטייען זיי ביי די פלאַ־מעדיקע קיכן, אַ גילדענע שיין פאַלט אויף זיי. זיי זאַפּן אין זיך איין די ריחות פון די שבתדיקע מאכלים, פון די חלות וואָס באַקן זיך אין באַק־אויוון. אַ וואַרעמקייט נעמט זיי אַרום, גלעט זיי ווי מיט מאַמעשע פינגער. עס שמייכלען די אָפּגעוואַשענע פנימלעך מיט שבתדיקער חדווה, און די האָר פון די מיידלעך, פאַרפלאָכטן אין צעפּעלעך מיט קאָלירטע סטענגעס, גלאַנצן צניעותדיק.

די אומרו אין די שטובן ברענגט אַריין יוסל קאַשעמאַכער. אַ גאַנצע וואָך האָט קיינער קיין טענות נישט צום ברייטביניקן, באַוואָקסענעם יאָסל מיט דער פעך־שוואַרצער באָרד, וועלכע זעט אויס צוליבן קאַשע־שטויב ווי גרוי. וואָס פאַר אַ טענות קאָן מען האָבן צו אַ מענטש, וועלכער רעדט כמעט קיין וואָרט נישט אַרויס און שטייט אין שפּאַנצער און הויזן פון אין דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט, ביי דער קאַשע־מיל און הוידעט זיך צוזאַמען מיטן גאַנצן בנין? פאַרקערט, מיטלייד האָט מען גאָר מיט יאָסלען. מען זיפצט אַז מען דערמאָנט זיין נאָמען. מען קאָן נישט פאַרגעסן אין זיין אומגליק, וואָס די ווייבער האַלטן זיך נישט ביי אים אין אַ פולע שטוב מיט יתומים אָן מאַמעס זיינען פאַראַן ביי אים אין שטוב.

כדי די יתומים זאָלן נישט בלייבן אָן אַ לעפל געקעכטס און אָן אַ מאַמעשער האַנט, האָט יאָסל באַלד נאָכן שטאַרבן פון איין ווייב גענומען נעמען אַ צווייט ווייב. אַ יאָר־צוויי שפּעטער איז צוגעקומען אַ פרישער יתום, און ער האָט ווידער געמוזט חתונה האָבן און ברענגען אויף דער וועלט נאָך אַ יתום. אַ נס איז נאָך געווען, וואָס זיין שווער, אפרים „תשעה־באב״ — און געהייסן האָט ער „תשעה־באב״, ווייל ער, דאָס ווייב און די קינדער זיינע, האָבן געהאַט תשעה־באבדיקע, אויסגעוויינטע, רויטע אויגן — האָט געהאַט, קיין עין־הרע נישט, אַ שטוב מיט טעכטער, און יאָסל האָט זיך נישט באַדאַרפן צו ברעכן דעם קאָפּ און נאָך איין ווייב וואָס איז אים געשטאָרבן, האָט ער באַלד גענומען די שוועסטער אירע. די ווייבער אין שטאָט האָבן געקוקט אויף יעדער שוועסטער מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט ווי אויף אַ „בר־מינן״, וואָס איר גורל איז שוין אָנגעצייכנט.

פאַר די קינדער אין שטעטל איז יאָסל קאַשעמאַכערס מיל געווען אַ פרייד. אַהיים קומענדיק פון חדר האָט מען מיט אַ שטיקל ברויט אין מויל געקענט אַריינקוקן צו יאָסלען אין דער קאַשע־מיל, זען ווי יאָסל שיט אויף צעבערס מיט גרויפּן אויף דער מיל, ווי עס הויבט זיך דער ווייסער שטויב, און ווי די שאַטקע ביי דער מיל ציטערט, ווען די גרויפּן ריטשען זיך. ווען נישט יאָסל קאַשעמאַכערס ברייטער לע־דערנער פאַסעק אויף די הויזן מיטן קופּערנעם זעלנערישן שנאַל, וואָס די קינדער האָבן פאַר אים געציטערט אימת־מוות, וואָלט מען געקענט זוכה זיין אַליין אויף צו שיטן אַ צעבער מיט גרויפּן אויף דער מיל. דערפאַר אָבער האָט מען זיך געקענט שפּילן וויפל דאָס האַרץ האָט נאָר געגלוסט מיט די „סיטשען״ און „וויאָסלעס״, וואָס יאָסל האָט, נאָכן כאַפּן פיש, אַרויסגעלייגט אויפן הויף זיך צו טריקענען; מען האָט געקענט אַריינשטעקן די פינגערלעך אין די לעכער פון די פאַרמאַכטע פיש־קאַסטנס, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפן הויף.

אין די דאָנערשטיקס איז אָבער יאָסל געווען דער פישער, וואָס האָט באַזאָרגט דער שטאָט מיט פיש אויף שבת. פון אים איז געווען אָפּהענגיק ווי דער שבת וועט אויסזען. דערוואַרטן האָט מען זיך נישט געקענט אויף יאָסלען מיט די פעסער און קאַסטנס פיש, וואָס ער ברענגט פון ערגעץ.

זומער ווי זומער. אויפֿן ערגסטן פֿאַל האָט מען געקענט יוצא זיין מיט די קליינע פישעלעך, וואָס שקצים האָבן געכאַפּט ביים שטעטלדיקן טייך און זיי טראָגן אויפֿגעצויגן דורך די קעפּלעך אויף אַ „בריטשקעלע" צום פֿאַרקויפֿן. נישט איינמאָל האָט אַ באַלעבאָסטע געקויפט אַזאַ מציאה, אַז מען האָט זי מקנא געווען. אַ נס האָט אויך געקענט טרעפֿן, אַז אין שטעטלדיקן טייך זאָל זיך „פֿאַרבלאָנדזשען" אַ גרעסערער פיש. ווינטער אָבער, ווען דער טייך איז געפֿרוירן און אַ קיבל ריין וואַסער פֿון טייך קומט אָן מיט גרינע ווערעם, האָט מען נישט געקענט האָפֿן אַפֿילו עס זאָל זיין פיש פֿון טייך. און אָן יאָסלען האָט מען קיין שבת נישט געקענט מאַכן.

פֿאַרטאָג, ווען גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך, און אַ סך מאָל נאָך מיטוואָך אין אָוונט, איז יאָסל אַרויס נאָך פיש. די צוגעבונדענע ליידיקע פֿעסער און די קאַסטנס מיט לעכער האָבן זיך געוואָרפֿן אויפֿן װעגעלע, צי אויפֿן שליטן, יעלות געמאַכט, איינס זיך אָנגעהאַקט אָן צווייטן און אָפּגעשפּרונגען. יאָסל, ווי ער איז נאָר אַרויף אויפֿן װעגעלע, צי אויפֿן שליטן, איז ער געוואָרן אַן אַנדערער. צענומען האָבן זיך אים די הענט, דאָס קול איז אים געוואָרן טיפֿער און די באָרד צעפּלאָשעט, ווי ער וואָלט שוין געווען אויפֿן וואַסער. ער שפּרייט שוין די נעצן און די טיפֿעניש פֿון וואַסער קוקט אים אין די אויגן אַריין. מיטן ווינט חברט ער זיך... ער וויאָסלעוועט מיטן ווינט און קעגן ווינט... די גרויסע ברייטע ווייסל טראָגט אים... ער האַלט מלחמה מיט די טיפֿענישן... די פיש וואַרפֿן זיך און ער, מיט די שטאַרקע הענט, ציט די „סיטש" און וואַרפֿט זי ווידער, ווי ער וואָלט זיך מיט די וואַסערן געריצט... דער ווינט פּאַטשט אים אין פּנים, איצט זיצט ער נישט איינגעשלאָסן אין בנין פֿון דער קאַשע־מיל, די קאַשע־מיל מאָלט און ער שיט גרויפּן, און זיין באָרד ווערט גרוי. דאָ איז ער אונטער אַ שטיק ברייטן הימל, פֿילט די שטעכעדיקייט פֿון ווינט און אונטער אים רוישט דאָס וואַסער, קלאַפּט אין זיין לאָדקע...

די ווייבער ווייסן, אַז אויף יאָסלען קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן. ער וועט נישט אַהיימקומען אָן פיש. און טאָמער איז די ווייסל אויך געפֿרוירן? און אפשר נאָך ערגער? קריעס גייען אויף דער ווייסל, שטיקער אייז שטעלן זיך אויף און וואַרפֿן אום אַלץ

וואָס זיי טרעפן אויפן וועג. און ווי וועט דער שבת אויסזען אָן פיש? דער טאָג זאָל עס נישט בייטאָגן, רבונו־של־עולם!

עס דערמאָנען זיך פאַרשטערטע שבתים, נישט געהילכט האָט דאָס געזאַנג פון זמירות ביים טיש... אָן אַבלות איז געלעגן אויף אַלעם... נעבעכדיק, ווי אין דער וואָכן, האָט אויסגעזען די פּאָסנע שבתדיקע סעודה... דער מאַן האָט געקוקט מיט אַ ברוגזן בליק אויפן ווייב, ווי זי וואָלט אין אַלעם שולדיק געווען. און דאָס ווייב, כדי דעם מאַן און די קינדער איבערצובעטן, האָט מיט אַ קרעכץ געלייגט נאָך אַ שטיקל אויפן טעלער.

אַ גאַנצן דאָנערשטיק האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט די טירן פון די שטובן צו זען, צי יאָסל פאָרט שוין מיט די פיש. אַ ווינט האָט אַרומשפּאַצירט, ווי ער וואָלט געקומען געוויר ווערן וואָס עס הערט זיך. קרעמער האָבן געלאָזט שטיין די קונים און אַרויסגעקוקט, צי מען זעט נאָך נישט יאָסלען, און אַ קרעכץ איז געווען איינגעדריקט אין די פּנימער. פעסטער האָבן די ווייבער זיך איינגעהילט אין די פאַטשיילעס. גרויער איז געוואָרן דער הימל און דער לייכטער שניי וואָס פאַלט האָט זיך געדרייט אין חלל, געדרייט זיך און נישט געוואָגט צו דער ערד צו פאַלן.

יעדן האָט זיך געדאַכט, אַז אין פייפן פון ווינט הערט ער דאָס געוויין פון אפרים תשעה־באבס טעכטער, יאָסלס ווייבער וואָס זענען נעבעך יונג אַוועק פון דער וועלט און דאָס געוויין פון דער פולער שטוב מיט יתומים, וואָס די מאַמעס זיינען זיי צוגענומען געוואָרן יונגערהייט.

אָבער יאָסל איז פאָרט געקומען, מיט אַ רויט פּנים פון ווינט. די באָרד פאַרקאָל־טענט. ער האָט באַוויזן: מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. אויב עס גייען קריעס אויף דער ווייסל, ווייס ער אַנדערע ערטער וווּ מען קאָן קריגן פיש. די שטאָט האָט אויפגעלעבט. ווייבער זיינען נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, די פאַטשיילעס האָבן זיך אַראָפּגערוקט פון זייערע קעפּ און זיי האָבן נישט געפילט די קעלט. אַ שלעפּ געגעבן די פאַטשיילע און ווייטער געלאָפן. יאָסל איז געשטאַנען אַ פריילעכער און אויפגעלעבטער אויפן וואָגן ביי די פעסער, געוואָגן, געשריגן און געלט געציילט, און די פייערן אין די קיכן האָבן אָנגעהויבן פריילעך זשומען.

# דער ווײנשענקער

בײ אַברהם־יצחק „פּאָטאָם” דעם ווײנשענקער, אין דער לאַנגער קראָם, מיט דער אָפענער טיר אין מאַרק אַרײן און אַ פענצטער אין קאָליע־געסל, איז מען פרײטיק פאַרנאַכט געשטאַנען אין ריי מיט פלעשלעך און קאָלירטע קאַרפינקעס, נאָך ווײן אויף קידוש. געציטערט האָבן די הענט, אַברהם־יצחק זאָל אַרײנשטעלן דעם לײעק און אַרײנגיסן דעם רויטלעכן זיסן קידוש־ווײן.

אַ מענטש אויף אַ רפואה האָט מען אַ גאַנצע וואָך כמעט נישט געזען בײ אַברהם־יצחק „פּאָטאָם” אין דער ווײן־שענק. אַ זויערער ריח איז דאָרט געהאָנגען, פליגן האָבן זומער און ווינטער אַרומגעזשומעט. און אויף דינע שטריקלעך האָבן געהאָנגען צו טריקענען אויסגעוואַשענע טאָרבעלעך און אַרבעלעך, וועלכע אַברהם־יצחק „פּאָטאָם” האָט באַנוצט צום רײניקן דעם ווײן. עס איז אויך געווען אין געוועלב אַ לאָך אין קעלער אַרײן, פונוואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ פאַרדומפּעצטקייט. אַברהם־יצחק „פּאָטאָם”, אין שפּאַנצער און הויזן, האָט זיך געגעבן דורכן לאָך אַ לאָז־אַראָפּ, און די ווײן־שענק איז געבליבן ליידיק. און אַז די טיר פון דער גאַס האָט זיך געעפנט, האָט זיך געהערט אַ קול פון קעלער ווי פון אַ פאַס אַרויס:

— ווער איז?

מײסטנס איז אָבער אַברהם־יצחק „פּאָטאָם” געזעסן אין דער ווײן־שענק, מלחמה געהאַלטן מיט די פליגן, וואָס האָבן אַרומגעזשומעט, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפן בופעט־טיש, און אַזוי זיצנדיק, איז ער אײנגעשלאָפן. און ווען ער איז שוין מיד געוואָרן פון שלאָפן, האָט ער אַ געגעצדיקער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויפגעשטאַנען מיט אַ צעקנײטשטער באָרד און אַ רויטן פלעק אויפן שטערן און גענומען דורך דער שויבן־טיר אַרויסקוקן אין מאַרק אַרײן. און אַז

גאָט האָט געהאָלפן, האָט זיך איינמאָל דורך חדשים באַוויזן אַ פּויער מיט דער פּויערטע. די קומעס (שכנים) זענען געקומען קויפן ווייַן אויף אַ „חאסלערא״ (אַ גויישע חתונה)· אַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ שררה, וואָס עס האָט אים אויסגעפּעלט אין קעלער ווייַן אויפן באַל, וואָס געוויינלעך האָט ער אים באַשטעלט ביי אַ גוי אין דער גרויסער שטאָט. די שטילקייט ביי אַברהם־יצחק „פּאָטאָם״ אין דער וויין־שענק, האָט געפּאַסט צו דער שטילקייט ביי אים אין שטוב, ווו זיין ווייב, צביה־רעלע די עקרה. האָט זיך אַרומגעדרייט אַ קרעכצנדיקע, געגענעצט, געלעגן אָנגעלענט אויפן בעט און געשלאָפן.

דעם חשק צו עפענען אַ וויין־שענק, האָט אברהם־יצחק געברענגט פון טיף רוסיי, ווו ער האָט צען יאָר געדינט אין רוסישן מיליטער, צוזאַמען מיט דעם צונאָמען „פּאָטאָם״, דאָס רוסישע וואָרט, וואָס ער האָט כסדר באַנוצט און אין שטעטל האָט עס געקלונגען פרעמד, ווי אַ חוזק־וואָרט. ער האָט זיך אין שטעטל דאַמאָלט אַרומגעדרייט ווי אַ פרעמדער. זיינע אָפּגעוואַקסטע, גלאַנציקע שטיוול האָבן געסקריפּעט און געדאַכט האָט זיך, אַז זיינע פיס זיינען ווי געבונדן, ער קען קיין שנעלן טראָט נישט מאַכן. אַלע האָבן געזען, אַז ער און די פלעגמאַטישע צביה־רעלע זענען פון ששת־ימי־בראשית אָן אַ פּאָר־פאָלק — אָבער ער האָט פון שידוך נישט געוואָלט הערן. ביז מען וועט אים נישט העלפן עפענען אַ וויין־שענק. און טאַקע גלייך נאָך דער חתונה מיט צביה־רעלען האָט ער געדונגען די קראָם אין מאַרק. נישט איינער האָט אים דעמאָלט מקנא געווען. פאַר וואונדער איז מען געשטאַנען אין דרויסן אויף דער פּאַטשינע און אַריינגעקוקט אין געוועלב אַריין. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז אברהם־יצחק „פּאָטאָמס״ פּרנסה וועט זיין דער קידוש־וויין, וואָס יעדער האָט זיך ביז איצט מיט אַ פּאָר ראָזשינקעס אַליין אָנגעשטעלט אין שטוב.

ביי זיך איז אָבער אַברהם־יצחק „פּאָטאָם״ געוועזן דער וויינשענקער. ער האָט זיך איינגערעדט: די גאַנצע שטאָט דאַרף צו אים אָנקומען. פרייטיק אין דער פרי איז ער שוין געשטאַנען אַן אויסגעגלייכטער אונטערן בופעט־טיש, די טונקל־בלאָנדע באָרד פאַרקעמט, די אונטערגעשניטענע וואָנצעס מיט די העל־בלאָנדע

עקן צעשיידט, און נעבן אים, אויף צוויי בענקלעך, צוויי עמערס מיטן רויטלעכן פאַרזיסטן קידוש־ווײַן.

דעם גאַנצן פרייטיק אין דער פרי, האָט מען זיך געאײַלט אײַנצוקויפן אויף שבת, און ווען אַלע געוועלבער אין שטאָט האָבן געלייזט, האָט מען ביי אברהם־יצחק „פּאָטאָם״ קוים געזען אַ קונה. דעם ווײַן אויף קידוש דאַרף מען דאָך נישט אָפּקאָכן און „פּאָטאָם״ וועט שפּעטער אויך פאַרקויפן.

אַברהם־יצחק „פּאָטאָם״ האָט זיך געשעמט פאַר זײַן ליידיקן ווײַן־שענק. די שטאָט שאַצט אים נישט אָפּ. אַמאָל האָט אים אָנגעכאַפּט אַ חשק אויסצוגיסן די עמערס ווײַן אין גאַס אַרײַן. אַלע וועלן זען, וואָס אין דער שטאָט וועט זיך דערגאָך טאָן, ווי די שטאָט וועט אויסזען אָן ווײַן אויף שבת.

געטון האָט ער עס אָבער נישט. ער האָט דעם גאַנצן כעס און די גאַנצע בושה אײַנגעזאַפּט אין זיך, און געוואַרט ביז עס איז געקומען זײַן צייט.

פרייטיק נאָכמיטאָג. דער מאַרק — אָפּגעליידיקט. אַ פּויעריש וועגעלע — ווי פאַרלאָזט. מען גייט פון און אין דער מקוה. חדר־ייִנגלעך, וואָס האָבן שוין געהאַט מעביר געווען די סדרה און דער מלמד האָט זיי אַהיים געלאָזט. שפּילן זיך אין דער גאַס מיט קנעפּ, אין מלחמות, אין „פּאַלאַנט״; פון צייט צו צייט רוקט אַן אַנדערע מוטער אַרויס דעם קאָפּ און רופט בהלהדיק איר זון. פרעמדע אָרעמעלייט זוכן די בעלי־בתים צו וועלכע זיי האָבן פון בית־המדרש־גבאי געקראָגן אַ „פּלעט״ אויף שבת. אײַנציקווייז באַווייזן זיך די ערשטע קונים אין אברהם־יצחקס ווײַן־שענק. ייִדן, ייִדענעס, קינדער מיט מיוחסדיקע פלעשלעך און קאַרפינקעס, וואָס שטייען אַ גאַנצע וואָך אין שויבן־שענקל. אברהם־יצחק „פּאָטאָם״ אײַלט זיך נישט — ווי ער וואָלט איצט געוואָלט אָפּנעמען דעם תענוג פאַרן לאַנגן וואַרטן. קודם באַקוקט ער דאָס פלעשל, אויב עס איז ריין, נאָכדעם גיסט ער אַרײַן דעם ווײַן מיט אַן ערנסטער מינע, גיט, מעשה סוחר, אַ „צולאָג״, נעמט די קופּערנע מטבע, באַקוקט זי און לייגט זי געלאַסן אַרײַן אין שופלעדל. ער טוט עס מיט דער רויקייט פון אַ ייִדן וואָס קלויבט אַן אתרוג אויף סוכות. און דוכט זיך, אַז ער האָט מוחל געווען די שטאָט פאַרוואָס זיי קומען נישט

צו אים אַ גאַנצע וואָך. ער פאַרשטייט אַליין — ווײַן מיט אַ טאָרג געהערן זיך נישט אָן.

אַ יידענע בעט: אברהם־יצחק׳שי, איך אייל מיך. ער איז מיט איר אויך געדולדיק. זיין טונקל־בלאָנדע וואָנצע מיט די העלע גלייך־געשווירענע עקן האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן און איין אויג איז ביי אים איצט פאַרזשמורעט. זיין איין אויג שפיגלט זיך אין דער רויטקייט פון ווײַן. וואָס ענגער עס ווערט אין געוועלב, אַלס חשובער איז ער ביי זיך.

אַרויסגעבראַכט פון געדולד האָט אים אַ יידענע, וואָס איז אַריין מיט אַ רעש, ווי עס וואָלט ביי איר געברענט. דאָס טוך, וואָס דאַרף ליגן ביי איר אויפן קאָפּ, איז ביי איר געלעגן אויף די אַקסלען, די אַנדערע העלפט פון טוך האָט זיך נאָכגעשלעפט אויף דער ערד און די האָר זענען איר אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער שלאָף־קופקע. איבער אַלע קעפּ האָט זי צו אים אַריבער געשטעקט איר פלאַש און געשריגן:

— שנעלער, שנעלער, גיט מיר שוין.

וויפיל ער האָט נישט געוואָלט אָפּפאַרטיקן די יידענע, זי זאָל וואָס שנעלער אַרויסגיין, האָט זיך זיין האַנט ווי אַליין דערווייטערט פון איר פלעשל און דווקא גענומען דאָס פלעשל פון אַ שטילן קונה.

— כ׳האָב נישט קיין צייט — האָט די יידענע אָנגעהויבן העכער שרייען — איך מוז אַהיים לויפן ליכט צינדן.

— איר זעט דאָך, אַז איך שטיי נישט ליידיק. פּאַטאָם וועט איר קריגן.

וואָס מער די יידענע האָט גערעדט און העכער צו אים געשטופּט דאָס פלעשל, געשאָקלט דערמיט ווי זי וואָלט געדראָט, אַלץ בייזער איז אברהם־יצחק געוואָרן. די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן. די סעראַטע אויפן בופעט־טיש איז געוואָרן נאַס און קלעפּעדיק. ער האָט בייז געריסן די נאַסע קלעפּיקע מטבעות איינע פון דער אַנדערער אַ רעשט צו געבן. ביז זיינע הענט האָבן זיך געגעבן אַ לאָז־אַראָפּ און ער האָט אויסגעשריגן:

— איך וועל קיינעם נישט געבן. גענוג!

שטייף האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק, די הענט פעסט אָנגעלענט אויף דער נאַסער סעראַטע ווי צוויי קלעצער. אין זיינע אויגן האָט איצט געברענט דער כעס פאַר דער גאַנצער וואָך שטיין ליידיק, פאַרן ניט פאַרגינען אים דאָס שטיקל הנאה פון פרייטיק פאַרנאַכט. עס האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן, קיין רעדן, קיין שרייען. אַברהם־יצחק „פּאָטאָם" איז איצט געשטאַנען רויק ווי אַ מאָל פאַר זיין פעלדפעבל.

ערשט ווען די ליאַרעמדיקע יידענע איז אַוועק, האָט אַברהם־יצחק „פּאָטאָם" זיך גערירט פון אָרט. די פלעשלעך און קאַרפּינקעס האָבן זיך ווייטער אָנגעהויבן באַוועגן. די שבתדיקייט האָט זיך אָנגעהויבן שפּרייטן איבער דער גאַס. יינגלעך זענען געלאָפן נאָך ווײַן און מיט ווײַן. יידן זענען געלאָפן פון דער הייסער מקוה און נחתדיק געקרעכצט. אַ יידענע איז געלאָפן פייל פון בויגן אין אַ געוועלב אַריין קויפן ליכט צו בענטשן.

דער שול־קלאַפּער האָט געגעבן דריי קלעפּ אין די אָפענע טירן פון די געוועלבער. די שליסלען האָבן געציטערט אין די הענט פון די קרעמער. די יידן און יידענעס ביי די שטעלן האָבן געשלעפּט אין איין אָטעם די סטאַלוגעס פון זייערע שטעלן און אין זייערע אויגן האָט זיך געפילט די שרעק, חס ושלום נישט מחלל שבת צו זיין. אַברהם־יצחק „פּאָטאָם" האָט געוווּסט, אַז אים מיינט מען נאָך נישט. ער געהערט דעם שבת. דער רב אַליין וועט אים יעצט הייסן ווייטער פאַרקויפן ווײַן אויף קידוש. און געוואַקסן איז אַברהם־יצחק „פּאָטאָם" ביי זיך. גאָט באַצאָלט אים פאַר דעם וואָס ער האָט זיך ביי די זעלנער אָנגעליטן... מיט געוואַלט דאָרט געמוזט מחלל שבת זיין...

מיט איין אויג האָט אָבער אַברהם־יצחק „פּאָטאָם" געזען ווי די גאַס ליידיקט זיך אויס. ער האָט אָנגעהויבן צוזאַמענצוקלייבן די קופּערנע מטבעות אין אַ זעקעלע. אָט האָט אין דער גאַס זיך באַוויזן דער ערשטער בעל־הבית, וואָס איז געגאַנגען מיט רויִקע טריט אין דער שול אַריין מיט זיינע צוויי יינגלעך מיט די סידורים אונטער די אָרעמס. דער שטאָט־קערער מיטן גרויסן בעזים האָט געקערט דעם מאַרק. אַ שטויב האָט זיך געהויבן, זיך געשפּרייט אַרום די ליידיקע בודקעס אין מאַרק.

אַ רגע האָט זיך געדוכט, אַז דער שבת האָט אברהם־יצחקן פאַרגעסן, אים איבער־געלאָזט אַ וואָכעדיקן צוזאַמען מיטן שטאָט־קערער. ער האָט זיך אָבער נאָך אַלץ נישט גערירט פון אָרט. ער האָט געוואַרט ביז עס וועט זיך באַווייזן חיים דער שול־שמש, מיט דער רויטער לאַנגער באָרד אין דעם לאַנגן שוואַרצן שבתדיקן פאַלטאָ, וואָס ער האַלט אונטער זיינע פאָלעס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז זיי זאָלן נישט באַרירן די וואָכעדיקע גאַס און מיט אַ הויכן קול זינגט ער אויס:

— ל־יי־כ־ט צ־יי־נ־ד־ן! ל־יי־כ־ט צ־יי־נ־ד־ן!

איצט נעמט זיך אַיילן דער ווינשענקער. מיט דעם זעקעלע קופּערנע מטבעות אין דער האַנט איז ער געלאָפן. די טונקלקייט צווישן די הייזער, וואָס האָט בולטער געמאַכט די גאָלדיקייט פון די שבת־ליכט אין די פענצטער, און דער שטויב וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון קערערס בעזים, זיינען אים נאָכגעלאָפן.

אַברהם־יצחק איז אין שול אַריינגעקומען אין מיטן דאַווענען. די קאַנדעליאַברעס האָבן געברענט און די פלעמלעך פון די ליכט ביים עמוד האָבן דין זיך געצויגן אין דער הויך, געוואָרפן אַרום זיך אַן ערנסטע פריילעכקייט. ער האָט פאַרשפּעטיקט און מקבל־שבת געווען האָט מען שוין אָן אים. ער דאַרף איצט אַליין זאָגן פאַר זיך.

זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן ווען דער שמש האָט קידוש געמאַכט, געהייליקט דעם שבת מיטן ווייַן, וואָס ער האָט צוגעגרייט. און זיין האַרץ האָט פריילעך דעם שבת אַקעגן געקלאַפּט.

# דער שוסטער

איך ווייס נישט, אויב אַלע אין מיין געבוירן־שטעטל האָבן געוווּסט פון יקיר שוסטער. אפשר יאָ, און אפשר נישט. פון יקירס רופן צו תהלים אין די ווינטערדיקע שבת־פאַר־טאָגן, ווען עס איז נאָך געווען שטאָק־פינצטער אין שטוב, און די פענצטער זענען געווען פאַרקאָוועט פון דרויסנדיקן פראָסט, וואָס האָט דעם אָטעם געגליווערט און אין דער גאַס זענען בערג שניי געלעגן און דאָס גאַנצע שטעטל האָט געאָטעמט מיט דער וואַרעמקייט פון פרייטיק־צונאַכטיקן טיפן שלאָף — האָבן זיי זיכער געוווּסט.

פון דער וויג אויס איז ביי אַלע אין אונדזער שטעטל איינגעקריצט יקירס דינער האַרציקער קול, וואָס האָט קלאָר און מיד פון שלאָף געוועקט, ווי אַ זיסער מאַמעשער חלום, אַ פאָרכטיקייט אַרויסגערופן. און ביז היינט צו טאָג קלינגט זיי דער ניגון, וואָס יקיר שוסטער האָט לאַנגזאַם געזונגען:

הערט זיך צו, מיינע ליבע לייט,
וואָס איך וועל אייך זאָגן:
דער זייגער האָט שוין דריי געשלאָגן,
שוין צייט ת־ה־ל־י־ם צו גיין ז־אָ־ג־ן.

ווי אַ קול פון הימל, יידן זאָלן חס־ושלום נישט פאַרשלאָפן, האָט עס יונג און אַלט אין בעט אַ ציטער־אויף געגעבן. מען האָט זיך געטוליעט צו דער וואַרעמקייט. אַ רגע נאָך צו זיין באַשיצט פון דער דרויסנדיקער קעלט און קענען רויִק אַ דרימל כאַפּן... איינרוען האָט עס שוין אָבער נישט געלאָזט. געוועקט, גערופן — צו אַ האַרציקער הייליקייט, צו אַ זיסער תהלים־טרער, וואָס טרייסט, גלעט און בעט; צו דער ליבער וואַרעמקייט אין בית־המדרש, צו די אָנגעצונדענע בליך־לאָמפּן און צו דער היימישקייט פון זיין מיט יידן צוזאַמען. יקיר שוסטערס טריט האָבן אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט געהילכט ווי טריט פון אַ פרעמדן הייליקן שליח.

און וואָס מער דאָס קול האָט זיך דערווייטערט און דער אָפּהילך האָט אָפּגעקלונגען, אַלץ הימלדיקער איז דאָס קול געוואָרן, געקראָגן דעם ציטער און די ווייכקייט פון דוד־המלך׳ס פידעלע, וואָס דער צפון־ווינט האָט געשפּילט דערויף אין האַלבער נאַכט...

אַ רחמנות און גלייכצייטיק אַ קנאה האָט מען געפילט צו די איינצעלנע טריט, וואָס האָבן אין דער פינצטער און אין פראָסט, אין טיפן שניי, געאײַלט צו גאָטס הויז. אַ שאָד איז געוואָרן דער עכאָ פון יעדער פאַרקלאַפּטער טיר, פון וועלכער דער בעל־הבית איז אַרויס און זיך איבערגעענטפערט אין גאָטס אָרעמס.

הייליק — דער עכאָ,

הייליק — די טריט.

* * *

אין דעם זעלבן לאַנגן, נידעריקן הילצערנעם הויז, וווּ מיין מלמד האָט געוווינט, געהאַט זיין „חדר״, האָט אינם צווייטן איינגאַנג געוווינט יקיר שוסטער. צי ער האָט געהאַט אַ ווייב, געהאַט קינדער, דערמאָן איך זיך נישט. נאָר זומער, ווען מען איז אַרויס פונם חדר אויפן הויף, הינטער דעם נידעריקן הילצערנעם הויז, און די טירן און פענצטער פון אַלע דירות זענען געווען געעפנט, האָט מען געזען אין אַ גרויסער, כמעט ליידיקער ווייס־אויסגעקאַלכטער שטוב יקירן זיצן געבויגן איבערן שוסטער־בענקעלע, ציען דראַטוועס, שטעכן מיט דער נאָל און קלאַפּן מיטן העמערל. זיין לאַנגע ווייסע באָרד האָט זיך געטוליעט צו זיין פאַרסמאָלעוועטן שוסטער־פאַרטעך. זיין הויכער בלייכער שטערן האָט נישט געהאַט אין זיך קיין פאַלד. אונז, קינדער, האָט יקיר כמעט נישט באַמערקט. ער האָט זיינע אויגן פון דער אַרבעט נישט אויפגעהויבן. און דאָס האָט מיך פאַרדראָסן און אויך געצויגן צו אים.

אויפגעהויבן דעם קאָפּ האָט ערשט יקיר, ווען ישראלקע בלאַכאַרזשס ייִנגל, שלמה, מיטן רויטן קעפּל און גרויסע זומער־שפּרענקלעך, וואָס האָבן פאַרברוינט דאָס גאַנצע פּנים, איז שטיפעריש צו אים צו און אים געפרעגט:

— רבי יקיר, איר האָט געזען אליהו הנביא?

יקיר האָט דאָס שוסטערישע העמערל אַנידערגעלייגט אויף דער קני און גוטמוטיק אים אָנגעקוקט מיט די מילדע בלויע אויגן. אויף זיין בלייך פנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל און ערנסט האָט שוין שלמה געפרעגט:

— איר וועט נאָך זען אליהו הנביא?

— אַז איך וועל ווערט זיין. איך וועל עס מיר האָבן פאַרדינט. און יקירס לאַנגע גרויע באָרד האָט זיך פרום מיטגעשאָקלט און ער האָט שלמהן צו זיך צוגעצויגן, מיט די פאַרסמאָלעטע פינגער אים דאָס פנים געגלעט, אַ קניפּ אים געגעבן. איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט ער זאָל מיך אויך נעמען, אויך אַ גלעט געבן דאָס פנים. עס האָט מיר אָבער מוט אויסגעפעלט. ביז איך האָב מיך מיישב געווען, האָט דאָס העמערל אין יקירס האַנט זיך אָנגעהויבן רירן און זיין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעבויגן.

צו מאַכן אַ פּאָר נייע שיך אָדער שטיוועלעך, האָט יקירן קיינער נישט אָנגעטרויט. ביי אונדז אין שטוב, ווו מיר קינדער האָבן געוואָלט, אַז די שטיוועלעך זאָלן זיין „פאַלש געניייט" און סקריפּען ביי די טריט — אַוודאי נישט. ער איז גיכער געווען אַ לאַטוטניק ווי אַ שוסטער. און כדי ער זאָל קענען אַרויסציען פרנסה פון זיין אַרבעט, האָט ער זיכער געמוזט אַסך מער אַרבעטן פון אַ שוסטער אַ גוטן בעל־מלאכה. אָבער קיין נישט־צופרידנקייט האָט מען אויף זיין פנים נישט געזען. און אַמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, ווען ער איז אַריין אין חדר צו אונדזער מלמד, אַ הויכער מיט דער בלאַנק־וויסער באָרד, און געבעטן מען זאָל אים לאָזן איינוויקן אין שעפל אַ שטיקל פּאָדעשווע־לעדער, ווייל ביי אים איז דאָס שעפל ליידיק, — אפילו דעמאָלט האָט מען ביי אים קיין מידקייט נישט אָנגעזען. ער האָט געשמייכלט און צוריק אַריין צו דער אַרבעט.

איינמאָל האָב איך יקירן געזען ביי אונדז אין שטוב און געשטאַנען צו אים נאָענט. געווען איז דאָס אַן ערב יום־טוב. אין אונדזער קיך האָט מען געקאָכט, געבאַקן און געבראָטן. ביילע די קעכין און די מאַמע זענען אַרומגעגאַנגען מיט צעפלאַמטע פנימער. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט, זיך געפלאָנטערט צווישן די פיס, לעבעדיקע געבונדענע עופות, וואָס מען האָט זיי

ערשט אין יום־טוב געזאָלט שעכטן. אַלע שמשים פון דער קהילה זענען געקומען נאָך זייערע ערב יום טוב־גראָשנס: דער שול־ און בית־המדרש־שמש, מאיר בנימין דער חברה־קדישא־מאַן, דער שול־קלאַפּער, און צווישן זיי אויך יקיר שוסטער.

אַזוי ווי היינט געדענק איך עס נאָך, און געדענק, אַז יקיר האָט מיך מער געלאָקט ווי אַלע אַנדערע שמשים. אפשר דערפאַר ווייל ער איז צו מיר נענטער געוועזן, געוווינט אין איין הויף מיט מיין רבין און כ'האָב אים געזען ביי דער אַרבעט. און אפשר גאָר ווייל ער איז געוועזן ווינציקער דרייסט ווי אַלע אַנדערע שמשים, געשטאַנען אין דער זייט, די בלויע אויגן אַראָפּגעלאָזט, גענומען די קאָפּיקע, וואָס מען האָט אים געגעבן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט. און מיר איז א רחמנות געוועזן אויף אים, וואָס ער זיצט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַרבעט, און צו האָבן אויף יום טוב מוז ער זיך נאָך פאַרשוואַרצן דאָס פּנים און גיין איבער די הייזער.

דערנאָך, אינם טאָג פון מיין בר־מצווה, אַז דער זיידע האָט מיר געגעבן זילבערנע רובלס און געהייסן איך זאָל עס אַליין פאַרטיילן לויט ווי איך פאַרשטיי — איז מיין ערשטער טראָט געווען צו יקיר שוסטער. איך בין אַריין צו אים אין דער לאַנגער, ליידיקער ווייס־אויסגעקאַלכטער שטוב, ווו ער איז געזעסן געבויגן ווי אַלע מאָל איבערן שוסטער־בענקעלע, און אים געגעבן אַ רובל.

— פאַרוואָס? — האָט יקיר צו מיר אויפגעהויבן זיינע בלויע אויגן.

— איך צעטייל צדקה — האָב איך אויסגעשטאַמלט — עס איז היינט דער טאָג פון מיין בר־מצווה.

— אַ יינגל האָט נישט קיין ריבלס. האָסט אַוודאי געגנבעט פון דער היים. נעם צוריק — האָט יקיר פעסט געזאָגט.

רויט פאַר חרפּה בין איך געוואָרן. ער האָט מיך חושד געוועזן, און וואָס איך האָב אים אָנגעהויבן זאָגן, האָב איך אַלץ נישט געקענט דערזאָגן. „צדקה"... „צדקה" — האָב איך געשטאַמלט און די הענט און פיס זענען מיר שוואַך געוואָרן...

— זעץ זיך, יינגעלע, — האָט יקיר שוסטער צו מיר געזאָגט, — איך אַרבעט

און וויל נישט קיין פרעמדס. יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך — זאָגט דער הייליקער דוד המלך. איך אַרבעט...

— און פאַרוואָס גייט איר מיט די שמשים איבער די הייזער? — האָב איך זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן.

— פרעגסט גוט, יינגעלע, פרעגסט גוט — און ער איז שטיל געוואָרן, אַ קרעכץ געגעבן, מיט זיינע אויגן מיך אָנגעקוקט, און דערנאָך געפרעגט — שבת פאַרטאָג, ווען דו שלאָפסט געשמאַק, האָסטו שוין אַמאָל געהערט רופן צו תהלים?

— יאָ. יעדע וואָך הער איך עס.

יקיר שוסטער האָט זיך פאַרקלערט און נאָך אַ צייט שווייגן צוגעגעבן:

אין אַלע זיבן הימלען הערט מען דאָס רופן צו תהלים. אין אַלע זיבן הימלען... אליהו הנביא האָט דאָס מיר אַליין געזאָגט.

— אליהו הנביא? — האָב איך מיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און ציטעריק געפרעגט.

— ווינטער איז עס געווען. שבת פאַרטאָג. דער ווינט האָט געריסן, ווי נאָך קיינמאָל נישט. פלעטער אומגעוואָרפן, דעכער געהויבן און אַ זאַוויערוכע איז געווען אַז עס האָט די גאַסן פאַרשיט. אין פנים האָט געיאָגט אַזאַ האַרטער שניי, אַז ס׳האָט ווי מיט שפּילקעס געשטאָכן. איך האָב געקלערט, אַז עס וועט מיר שווער זיין אין גאַס אַרויסצוגיין און רופן צו תהילים ווי יעדן שבת פאַרטאָג, מען וועט מיך גאָרנישט הערן. דער ווינט וועט מיר דאָס קול פון מיין מויל אַרויסרייסן און אַוועקשלעפן ווער ווייס וווּ — און אפשר מיך אויך אַוועקשליידערן. מיינס האָב איך אָבער געטאָן. מיט אַ שטריק זיך גוט אַרומגעבונדן און — אַרויס. איך האָב קוים געקענט איבערן גרויסן ווינט און דעם באַרג שניי עפענען די טיר פון מיין שטוב. אין בערג שניי ביז איבער די קני האָב איך געקלעטערט. אין ערטער האָבן די שניי־בערג מיר דערגרייכט ביז צום האַלדז. ביז איך בין צוגעקומען צום בית־המדרש און אויפגעשלאָסן די טיר אין בית־המדרש אַריין, די וואָס קומען זאָגן תהלים זאָלן קענען אַריינגיין, האָב איך געמיינט איך וועל עס נישט קענען אויסהאַלטן. אָבער אַזוי נאָר ווי איך בין אַרויס פון בית־המדרש

און אָנגעהויבן רופן: „הערט נאָר צו, מיינע ליבע לייט" — האָט זיך דער ווינט אָפּגעשטעלט. אויסגעלייטערט האָט זיך דער הימל, די שטערן האָבן אָנגעהויבן שיינען און נישט בלויז מען האָט געהערט מיין קול, נאָר עס איז געווען אַ מחיה אין פראָסט צו גיין איבער די גאַסן. — ער איז שטיל געבליבן, און נאָך אַ צייט ערשט ווייטער געזאָגט: — און נישט ווייט פון דער שול האָב איך באַגעגנט אליהו הנביא. שבתדיק אָנגעטאָן. אין אַ שטריימל מיט אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע. ער'ט מיר געזאָגט: „דיין תהלים רופן הערט מען אין אַלע זיבן הימלען. אין דער פמליא של מעלה ווערט אַ שמחה אַז מען דערהערט דיין קול. דוד המלך פרייט זיך און אַז איר אין בית־המדרש הויבט אָן זאָגן תהלים, זאָגט מיט דוד המלך מיט אייך צוזאַמען...

אַן אָנגענעמער שוידער איז מיר אַדורך דורך אַלע ביינער. פון בענקעלע האָב איך מיך נישט געקענט אויפהויבן.

— נו, פאַרשטייסטו שוין, קינד מיינס, פאַרוואָס איך גיי מיט קהלס שמשים צוזאַמען יעדן ערב יום טוב איבער די הייזער? עס איז נישט קיין חרפה. עס איז נישט קיין צדקה. איך בין אַזאַ שמש פאַר אַלע יידן פון שטעטל ווי זיי אַלע, און דאָס וואָס איך קריג אין יעדער שטוב, פאַרדין איך מיר ערלעך. און וואָס דער אייבערשטער גיט, דאָס איז דיר אין הימל אָנגעשריבן. גאָטס גאָב וואַרפט מען נישט אַוועק.

— נעמט דעם רובל. איך בעט אייך. מיט דעם גאַנצן האַרצן גיב איך עס אייך.

— אויב דו ווילסט צדקה געבן, מיין קינד, גיב עס איינעם וואָס קאָן זיך נעבעך קיין שטיקל ברויט נישט פאַרדינען. וואָס פון הימל גיט מען אים נישט און ער מוז אָנקומען צו מענטשן. אויב איך וועל נעמען, וועל איך עס צונעמען פון אַן אַנדערן.

פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין אַנדערש געהערט יעדן שבת־פאַרטאָג יקיר שוסטערס קול. אין זיין קול האָב איך געהערט די פאָרכטיקייט און די פרייד פון הימל און די טריט פון דעם וואָס אַרבעט ערלעך פאַר זיין ברויט, וויל נאָר דאָס וואָס קומט אים, וואָס ער פאַרדינט, און שבת וויל ער יעדן מזכה־זיין מיט דער מצווה פון תהלים־זאָגן, דערפרייען די פמליא של מעלה און דוד המלך פאַרשאַפן

אַ נחת־רוח. דער הייליקער דוד המלך זאָל זאָגן תהלים מיט אַלע יידן צוזאַמען.

אין דער פֿינצטער בין איך שבת־פֿאַרטאָג געלעגן אין בעט, געהערט דאָס נחתדיקע אָטעמען פון די שלאָפֿנדיקע און אונדזער שטוב און געוואַרט האָב איך יקיר שוסטער זאָל שוין אָנהויבן רופן, איך זאָל זיין קול פֿאַרנעמען, וואָס האָט געהאַט דעם ציטער און די ווייכקייט פון דוד המלך׳ס פֿידעלע, וואָס דער צפון־ווינט שפּילט דערויף אין האַלבער נאַכט.

אַ רחמנות און גלייכצייטיק אַ קנאה האָב איך געפֿילט צו די טריט וואָס האָבן אין דער פֿינצטער און אין פֿראָסט און אין טיפן שניי געאיילט צו גאָטס הויז. אַ שאָד איז מיר געוועזן דער עכאָ פון יעדער פֿאַרקלאַפּטער טיר, דער הייליקער עכאָ, די הייליקע טריט, דאָס הייליקע תהלים־זאָגן, וואָס דוד־המלך זאָגט אַליין מיט...

# שבת אויף דער דזשיקע

עס ווערט דערציילט, אַז דער טייך סמבטיון רוט שבת. די דזשיקע גאַס האָט שבת אויך נישט גערוט.

פרייטיק־צונאַכטס האָט די דזשיקע אויסגעזען ווי אַ טייך וואָס פליסט, פליסט און הערט נישט אויף פליסן. חסידישע יידן מיט לאַנגע, שוואַרצע, געלע און גרויע בערד אין זיידענע קאַפּאָטעס און אין סאַמעטענע היטעלעך, חסידישע יונגעלייט, פאַר וועלכע דער וואַרשעווער עירוב איז נישט גענוג כשר געווען, און דעריבער איז דאָס טאַשנטיכל געווען אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז און זיי נאָכגעלאָפן, ווי עמיץ וואָלט זיי געיאָגט. סוחרים, וואָס זענען געגאַנגען צו אַ שיעור אין שטיבל, אין בית־המדרש — און בחורים מיט די בלויזע קעפּ, מיט לאַנגע טשופּרינעס, וואָס קריכן אין די אויגן אַריין, האָבן דיספּוטירט וועגן ליטעראַטור, זיך געאַמפּערט וועגן פּאָליטישע פראַגן, זיך געפרייט מיטן אויסטייטש פון אַ פּאָליטישן ניצחון אָדער אַ מפּלה. בחורים מיט אַן אייגענעם דרך און מיט וועלט־שמערץ, אַרום וועלכע אַנדערע האָבן זיך געדרייט, האָבן געשפּרייזט אין דער ברייט פון טראָטואַר און געשטופּט זיך ווי אַרום אַ רבין. בחורים אין נייע אַנצוגן און אויסגעפּרעסטע הויזן, וואָס האָבן אונטערגעברומט אַ מאָדערנעם „טאַנגאָ". יונגוואַרג, בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן שפּאַצירט געאָרעמט, און אַנדערע פּאָרלעך, אַזעלכע וואָס האָבן נאָך דעם מוט נישט געהאַט צו שפּאַצירן געאָרעמט און זיך געהאַלטן ביי די הענט, גערעדט וועגן ליבע, געזונגען פאָלקסלידער און ליבע־לידער, געחלומט פון אַ לבנהדיקער נאַכט און אַ באַשטערנטן הימל און געוואָלט שוין שפּאַצירן אויף דער ביעלאַנסקאַ, וווּ עס שפּאַצירן חתנים מיט די כלות. אַרבעטער־פּאַרטיי־טוער, פון און אין זייערע קלובן, פון און אין זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פון און אויף באַראַטונגען. און אַלץ האָט שפּאַצירט, געשטאַנען ביי די טויערן, גערעדט. אויף דער דזשיקע

איז נישט מעגלעך געווען קיין שפּילקע אויף דער ערד צו וואַרפן, גלייך די גאַנצע דזשיקע, פון אַלע פיר־פינף־שטאָקיקע הייזער, און פון זייערע אָפּיצינעס, וועלכע האָבן זיי אָפּגעשלאָסן ווי קאַסטנס אָן דעקלעך, פון די דירות, קעלערן און פאצעיאטקעס, איז אַרויס אין גאַס אָפּדעכן נאָך דער וואָך שווערער אַרבעט.

אָבער נישט בלויז אויף דער גאַס. די יאָרן ווען מען האָט אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען קעגן צאַר, אייסגעאַרבעט פלענער פאַר פּאָליטישע אַקציעס — האָבן שוין געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. אויף דער דזשיקע גאַס זענען איצט געווען ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע קלובן, פאַריינען, וואָס האָבן פרייטיק צונאַכטס איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען און פאָרלעזונגען, גאַנץ אָפט האָט זיך אין דער גאַס געהערט אַ געזאַנג פון די קלובן און פאַריינען, אַ פּאַטשן „בראַוואָ”, אַ הילכיק געלעכטער. נאָך אַ פאָרלעזונג איז די דזשיקע געווען ווי אין אַ פאַרפלייצונג. מיט די הענט האָט מען זיך געמוזט מאַכן אַ וועג כדי זיך אַרויסצוראַטעווען אויף אַ זייטיקער גאַס. די גרויסע הייזער אויף דער דזשיקע האָבן אויסגעזען ווי זיי גייען, און די עלעקטרישע און גאַז־לאָמפּן ווי זיי וואָלטן טונקעלער געוואָרן, און דער שטאָטישער טראַמוויי, וואָס איז אָנגעקומען כמעט אַ ליידיקער פון די וואַרשעווער גוישע גאַסן און צוריק אַרויס אויף די גוישע גאַסן, איז געשווינד אַדורכגעלאָפן דורך דער גאַס, ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט זיין וואָכעדיקייט קעגן דער פרייטיק־צונאַכטיקער דזשיקע.

אָבער נישט די גאַנצע דזשיקע איז געווען אויף דער גאַס. אין די באַלעבאַטישע שטובן, ווו מען האָט נאָך געהאַט אַ דעה אויף די קינדער, האָט מען זיי געהיט זיי זאָלן פרייטיק־צונאַכטס נישט אַרויס אין גאַס, זיי זאָלן נישט מחלל שבת זיין. די וואָס זענען אַ גאַנצע וואָך געווען פאַרטאָן, האָבן אין די פרייטיק־צונאַכטסן געפּרווט זיך דערמאָנען וואָס זיי האָבן אַמאָל געלערנט אין חדר. די וואָס האָבן נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט זיך דערמאָנען, האָבן געלייענט אַ בוך, געשמועסט מיט טאַטע־מאַמע, מיט שכנים, מיט געסט. איבערגעריסן איז געוואָרן דאָס לערנען, דאָס לייענען און דער שמועס, ווען דער הויז־וועכטער איז אַרויפגעקומען מיטן היטל אין דער האַנט, און אויסגעלאַשן די לאָמפּ.

אויסגעמאַטערטע בעלי־מלאכות זענען איינגעשלאָפן ביים בענטשן און צום ווייפלטן מאָל זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן זאָגן דאָס זעלביקע וואָרט ווו זיי זענען שטיין געבליבן. ביי אַ טייל זענען שוין די בערד געווען געשוירן, אין שוואַרצע טוכענע קאַפּאָטעס און כּאַפּירענע אײַמגעלייגטע קעלנער מיט קראַוואַטן, זענען זיי אַראָפּגעגאַנגען אין אַ שענק, געטרונקען ביר מיט באַפּעפּערטע אַרבעס, עס זאָל דורשטן און מען זאָל דאַרפן נאָך ביר. מען האָט געמיטלעך געשמועסט, דערציילט זיך נייסן, מעשיות, און אַהיים איז מען ערשט געגאַנגען ווען די אויגן האָבן זיך שוין געקלעפּט, די ביינער, פון דער אַרבעט אַ גאַנצע וואָך, זיך געבראָכן, און די ווערטער זענען אַרויס פון מויל ווי זיי וואָלטן געווען גערעדטע פון שלאָף.

גאָר אַנדערש איז אָבער די דזשיקע געווען ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט שבת פאַרטאָג. אַ גאַז־לאָמפּ אָדער אַן עלעקטרישער לאָמפּ, וואָס דער לאָמפּן־צינדער האָט פאַרגעסן אויסצולעשן, האָט מיט זיין גרינקייט, ווי פאַרלוירן, געקוקט אין דער גאַס אַריין. פון די גויישע גאַסן האָט זיך געהערט אַ ווייטער רויש און אויף דזשיקע זענען שוין געגאַנגען שבתדיקע יידן, מיט די טלית־ים־זעקלעך אונטער די אָרעמס, צו דער „השכמה”, צו זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, און די בעלי־מלאכות האָבן זיך פון שלאָפנדיקע שטובן אַרויסגעגנבעט אין די שוסטערשע און שניידערשע שולן אַוועק, הערן די תורה לייענען, קריגן אַן עליה, זיך פרייען מיט אַ גוטן בעל־תפילה. און ווען דער שבתדיקער טאָג האָט זיך אַ ליכטיקער צעשיינט, זענען זיי שוין געגאַנגען פון די שולן, געאײַלט אַהיים אַוועקלייגן די טליתים־זעקלעך, שנעל עפּעס איבערבייסן און זיך נעמען צו זייער שבתדיקער אַרבעט: זאַמלען פאַר די קראַנקע אין די שפּיטאָלן, פאַר די אַרעסטאַנטן אין די טורמעס און אַריינשרייען אין דער גאַס אַריין זייער עמכדיקן „גוט שבת”.

וואָרום ווער נאָך ווי זיי, די בעלי־מלאכות, ווייס דעם ביטערן טעם פון נישט האָבן, פון אָפּקומען דעם טאָג מיט אַ בייגל און אַ צוגערייכטן קאַרטאָפל און אַביסל קליסקעלעך מיט פּאָלעווקע? האָבן זיי פאַר די הונגעריקע, פאַר די ליידנדיקע מותר געווען אויפן איינציקן רו־טאָג זייערן — צווייוויַיז, שבתדיק

אָנגעטאָן אין די שוואַרצע טוכענע קאַפּאָטעס און די צוויי־אויעריקע קוישן אין די הענט. אין ערשטן בעסטן דזשיקע־הויף זענען זיי אַריין און אויסגעשריען אַ פריילעכן:

— גוט שבת! גוט שבת!

נישט זאָגנדיק קיין וואָרט זענען זיי געבליבן שטיין ביים קויש און רויִק געוואַרט אויף דעם וואָס די דזשיקע־גאַס וועט זיי אַקעגנטראָגן. די דזשיקע האָט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. פענצטער האָבן זיך געעפנט, קעפּ נאָך צעפלאָשעטע און שוין אויסגעגלייכטע, אין שלאָף־קופּקעס און אין טיכלעך, האָבן זיך אַרויסגעבויגן. און אָנגעהויבן האָבן פאַלן אויף אַספּאַלטענעם ברוק חלות און ברויטן, פיש און פלייש, ציבעלעס און אייער. די „גוט־שבת־יידעלעך" (אַזוי האָט מען זיי גערופן), האָבן אונטערגעכאַפּט וואָס מען האָט זיי געוואָרפן, אויפגעקליבן וואָס עס איז געפאַלן און אין די קוישן אַריינגעלייגט, געזאָגט אַ הויכן „גוט שבת" און אַוועק אין אַ צווייטן הויף. די קוישן זענען פול געוואָרן מיט שבתדיקע מאכלים, מיט דעם אַלעם וואָס מען האָט אַזוי געזאָרגט עס זאָל זיין אין שטוב און וואָס עס איז אָנגעקומען מיט מי עס איינצושאַפן.

פאַרהילכט איז די דזשיקע געוואָרן מיט דעם „גוט שבת" פון די בעלי־מלאכות. ער האָט זיך אַריינגעשריגן אין די שולן, בתי־מדרשים און אין די שטיבלעך. „עוד לא אלמן ישראל". דער „גוט שבת" האָט אין די שטובן געוועקט. זעלטן ווען אַ באַלעבאָסטע איז געווען אַזוי האַרט אַז זי האָט עפּעס נישט אַראָפּגעוואָרפן פון פענצטער. פאַר קינדער איז עס געווען אַ פרייד. די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן הויף, האָבן צוגעהאָלפן די „גוט־שבת־יידעלעך" כאַפּן. קינדער אין די שטובן האָבן געטראָגן דאָס וואָס מען האָט נישט געקענט וואַרפן פון פענצטער.

די דזשיקע איז פולער געוואָרן. מען האָט שוין אָנגעהויבן גיין פון דאַווענען פון די שולן, בתי־מדרשים און שטיבלעך. באַלעבאַטים מיט די זילבערנע עטרות אויף די שוואַרצע שבתדיקע פאַלטאָס זענען רויִק, זיכער געגאַנגען, געשמעקט דעם ריח פון די גוטע שבתדיקע מאכלים, וועלכע וואַרטן אויף זיי אין זייערע

היימען; ווייבער, וואָס האָבן אויסגעבעטן אַ גוטע וואָך פאַר זיך, פאַרן מאַן און פאַר די קינדער, האָבן זיך געאײַלט די מענער זאָלן נישט דאַרפן וואַרטן אויף זיי מיט קידוש.

— גוט שבת!... גוט שבת!...

שפּעטער, ווען מען האָט שוין אָפּגעגעסן אין די באַלעבאַטישע הײַזער, און די דינסטמיידלעך, וואָס זייער שבת האָט זיך ערשט אָנגעהויבן שבת בײַטאָג נאָכן עסן, זענען אַרויס שפּאַצירן אין גאַס, האָט זיי נאָך באַגלייט דער „גוט שבת" פון די „גוט־שבת־יידעלעך". צומאָל, אַז דאָס דינסטמיידל איז אַהיימגעקומען צו טאַטע־מאַמע, איז עס נאָך געווען פאַרן עסן. די משפּחה האָט געוואַרט אויפן טאַטן, ער זאָל אַהיימקומען פון גיין איבער די וואַרשעווער הײַזער און נאָכדעם טראָגן דאָס עסן אין די שפּיטאָלן און טורמעס. די קעלער־שטוב, שבתדיק אויס־געקערט, האָט זיך געגרויסט מיטן טאַטן, דעם שוסטער, וואָס אַרבעט נישט בלויז פאַר דער שטוב, נאָר פאַרן גוטס פון אַנדערע יידן. און פון דער קאמאדע האָבן שמייכלדיק אַראָפּגעקוקט די פאָטאָגראַפיעס פון די קינדער.

# דער שבת־אין־דער־פרי וועקט זיך אויף

דער שבת־אין־דער־פרי וועקט זיך ווען אין גאַס ליגט אַ בלאַנק־ווייסער, פינקעלדיקער שניי און די לופט איז צאַרט און דורכזיכטיק און עס שפּיגלט זיך אין אים אַ זילבער־קלאָרע זון. מיט אַזאַ זאָרגלאָזער קלאָרער דערהויבנקייט, זענען אַלט און יונג מקבל פּנים דעם שבת־אין־דער־פרי. דער מאַרק איז אויסגעקערט. פאַרשלאָסן די געוועלבער, די שטעלן צוגערוימט. אויסגעליידיקט די פּאַטשענעס און די גאַסן. נאָר נאָענט ביי דעם אייגענעם הייזל זעט מען אַמאָל אַ בעל־הבית שטיין, דאָס פּנים אָפּגעוואַשן, די באָרד אויסגעקעמט און דאָס ריינע ווייסע שבתדיקע העמד בלאַנקט.

טייל פענצטער זענען שוין געעפנט און די פרימאָרגן־זון שפּיגלט זיך אין די שויבן. אַ יידענע מיט פאַרשלאָפענע אויגן, אויפן קאָפּ אַ ווייסע שלאָף־קופּקע, עפנט אַ לאָדן, דערשרעקט זיך און ציט זיך אַ פאַררויטלטע צוריק. איינער שאָקלט זיך אין דער גאַס אַריין און דאַנקט גאָט פאַר דער נשמה וואָס ער האָט אים צוריק געגעבן, און פון אַ צווייטן פענצטער ענטפערט אים עמיצער אויף זיין ברכה „אמן”. אָט איז אַ קול פון איינעם, וואָס זאָגט תהלים און פון ערגעץ־ווו אַ ניגון פון איינעם, וואָס איז מעביר־סדרה, און אַ פאַרטיפט קול פון איינעם, וועלכער זיצט ביי דער גמרא און ציט געלאַסן יעדעס וואָרט, ווי ער וואָלט געפּרוווט אויף דער צונג וואָס פאַר אַ טעם עס האָט. פון אַ בית־מדרש טראָגן זיך די קולות פון די דאַווענער בהשכמה, פון די וואָס ווילן גאָט לויבן מיטן אויפגיין פון דער זון.

אַ שעמעוודיקער יונגערמאַן, וואָס דער פרייטיק־צונאַכטס ליגט אים אויפן בלאַסן פּנים, איילט זיך אין מקוה אַריין. צעשויבערטע דינסט־מיידלעך טראָגן איינגעהילט אין שמאַטעס קאָכעדיקע טשייניקעס וואַסער פון דער גאָרקיך אָדער פון בעקער. חסידים אין די שוואַרצע פאַלטנס גייען צום גביר, וואָס האָט אַן אייגענעם קעסל פאַר שבתדיקער טיי, זיך צו דערקוויקן מיט אַ גלעזל וואַרעמס און אַגב נאָכזאָגן אַ גוט וואָרט פון רבין, דערציילן אַ מעשה, אַ מופת — זיך מכין זיין צום דאַווענען.

שטיל קלאַפּן זיי ביים גבירס טיר, חס־ושלום קיינעם נישט אויפצוּוועקן, און קוקן נישט דרייסט, גלייך זיי וואָלטן חלילה געשטערט די שבתדיקע רו.

ביי איין בעל־הבית האָט זיך געעפנט דער קורניק און די הינער זענען אַרויסגעלאָפן, קוואָקענדיק פאַר שמחה וואָס זיי האָבן דערלעבט דעם שבתדיקן טאָג. זיי וואַרפן מיט די פיסלעך און רייבן די שנעבעלעך אין זאַמד פון דער גאַס. דער האָן, וואָס עס דוכט זיך אים, אַז מען האָט אים די הינער אַוועקגענומען, לויפט נאָך אַ בייזער און גיט אַ פּיק מיטן האַרטן שנאָבל די ערשטע הון וואָס ער טרעפט. די הינער קוואָקען און לויפן ווייטער און דער האָן, ווי ער וואָלט זיך איבערצייגט, אַז די הינער אויף דער פריי זענען אויך זיינע, גיט אַ פלאַטער מיט די פליגלען צו ווייזן זיין כוח, הויבט אויף דעם פורפורנעם קאַם, שטרעקט אויס דעם האַלדז און אַריינקרייענדיק אין דער שטילקייט פון דער גאַס, הויבט ער אָן נאָכקריכן די הינער טריט ביי טריט, ווו זיי גראָבן מיטן שנאָבל אַ ווערעמל, אַ האָבערל — און גלייך ווי די הינער נעמט ער נחתדיק אונטערקרעכצן.

אַ פויער, וואָס האָט פאַרגעסן, אַז היינט איז שבת, קוקט פאַרטשמעלעט, נישט דרייסט ווייטער צו פאָרן. ער וואַגט נישט צו געבן אַ צר־פּעסטן שמיץ מיט דער בייטש דאָס פערדל, וואָס רירט זיך קוים און די בייטש הענגט נעבעכדיק איבערן פערדלס קאָפּ. נעבעכדיק זעט דאָס פויערל אויס. פאַר חרפה קראַצט ער זיך דעם פלאַקסענעם קאָפּ און ער ווייס נישט, צי ער זאָל בלייבן שטיין אָדער ווייטער פאָרן. דאָס וועגעלע האָצקעט זיך, רירט זיך קוים ווי עס וואָלט דעם וועגעלע אויך אַ חרפה געווען.

אין די שטובן טרינקט מען טיי, דאָס וואַסער זאָל נישט קאַלט ווערן. אַ שכנס אַ מיידעלע שטייט ביי דער טיר, אין דער האַנט אַ שעפּ נאָך וואַרעם וואַסער. אין שטוב, ווו אַ לאָמפּ ברענט אונטער אַ הויכן אויפגעטורעמטן דרייפוס, און אויפן דרייפוס וואַרמט זיך אַ טשייניק באַדעקט מיט טיכער, ליילעכער און טישטוכער, ער זאָל די היץ האַלטן — זאָרגט מען עס זאָל נאָר בלייבן אַ ביסל וואַרעם וואַסער אויף נאָך דער סעודה. מען רעדט, אַז מען האָט באַדאַרפט געדענקן צו לאָזן פון ערב־שבת אַן אויפגעקאָכטן טשייניק וואַסער אויף צוצוגיסן צום וואַרמען טשייניק — און כמעט שטענדיק פאַרגעסט מען דערין. דאָס ווייב וואַרפט די שולד אויפן

מאַן, און דער מאַן — אויפן ווייב. זעלטן קומט עס אָבער צו אַ קריגעריי. די לייכטער שטייען נאָך אויפן טיש און דאָס ווייסע טישטוך בלינצט. דער שבת־אין־דער־פרי איז אין שטוב און פאַרן מאַן ליגט דאָס אָפענע ספר. כמעט שטענדיק לאָזט עס זיך אויס מיט דעם ווייכן איבערבעטערישן קול:

— וועק ליבערשט די קינדער. זיי וועלן קיין טראָפּן וואַרעם וואַסער נישט האָבן.

— באַלד וועט מען רופן אין שול אַריין.

עס שאַרכן זיידענע האַלקעס און זיידענע קליידער. ציטער־שפּילקעס, אוירינגלעך און פינגערלעך לייכטן אויף. פאַר די אויגן שטייט די שול און די פרויען אין שול אין זייער שבתדיקער אויסגעפּוצטקייט. עס גלעטן די געשענקען וואָס מען האָט געקראָגן כלה־צייט; די קליידער וואָס מען האָט זיך דעמאָלט געמאַכט. אַ פאַרכטיק גליק נעמט שמייכלען פון פּנים און ציטעריק ווערן געוועקט די קינדער. עס איז זייער זיסער חוב, וואָס זיי באַצאָלן פאַר דער מאַמעשקייט, צו טראָגן דעם „קרבן־מנחה״־סידור מיט עברי־טייטש און אַלע תחינות אין שול אַריין. שטייענדי־קערהייט טרינקען זיי טיי און דאָס זיסע פאַרבייסעכץ, וועלכע די מאַמע האָט פאַר זיי אָנגעגרייט.

— אין ש־ו־ל אַ־ר־יי־ן! — קלינגט אָפּ אין שטוב דעם שול־שמש׳ס קול. ציטעריק צעפינקלען זיך דער מאַמעס אוירינגלעך, די פינגערלעך און די ציטער־שפּילקע און עס ציטערט דער גאָלד־געליישטער רוקן פון סידור ביים טאַטן אין דער האַנט. אין ווייסן טיכל ווערט פאַרבונדן דער מאַמעס סידור, ווי אַן איינגעוויקלט קינד, וואָס וואַרט אומגעדולדיק מען זאָל עס אַרויספירן אין גאַס. די ציצית אין טאַטענס טלית, אין וועלכן ער הילט זיך איין אונטערן שבתדיקן פּאַלטאָ, שאָקלען זיך פאַר גרויס פרייד.

אַן אַלטע יידענע אין אַ הויב מיט פלאַטערדיקע קאָלירטע בענדער, וואָס האָט נאָך פון נעכטן דעם סידור אירן געלאָזט ליגן אין שול, כדי זי זאָל נישט דאַרפן איצט אין שבת טראָגן, גייט אַרויס אין גאַס מיט די ברילן אויף דער שפּיץ נאָז און דאָס ווייכע טיכל אַרומגעבונדן אויף אַ פינגער. זי איז שוין גרייט אָנצו־הויבן זאָגן. פון זייערע שטובן קומען אָן בעלי־בתים, וועלכע האָבן פיינט זיך

פאַרשפּעטיקן און האָבן גערן די טונקעלע פּאָרכטיקייט פון דער שול, ווען די בענק זיינען נאָך ליידיק און די איינצלנע טריט הילכן קלאָר. פולער און פולער ווערט די שול־גאַס, ווי לויטערע שטראָמען וועלכע גיסן זיך צוזאַמען אין טייך. זקנים און יונגע, אַלטע פרויען און יונגע ווייבלעך ערשט נאָך דער חתונה. מען טרעפט זיך מיט די וואָס האָבן שוין אָפּגעדאַווענט „בהשכמה”. וועגן חזן זאָגט מען נביאות. מען אַמפּערט זיך. מען שפּאַרט זיך. פּלוצלינג — דער רב גייט. אַלע ווערן שטיל. אַ הויך פון דער שול שפּירט זיך שוין, און יעדער טראָגט אַקעגן דעם רב, אין זיידענעם שאָרכענדיקן שוואַרצן כאַלאַט מיטן שבת־שטריימל אויפן קאָפּ, דעם „גוט שבת”.

אין שול שטייט אַ פּאָרכטיקייט. אַ געדעמפּט ליכט שפּרייט זיך דורך די שמאָלע קאָלירטע שויבן אין דער הויך. די פּופּצן טרעפּ כנגד די פּופּצן „שיר המעלות” — ווי מען וואָלט אַראָפּ אין אַ הייל. פאַרשלונגען ווערן די טריט. די לייבן און לעמפּערטן ביים ארון־קודש, ביים באַלעמער, קוקן אַזוי שטאַר, ווי דאָס חיהשע בלוט אין די אָדערן וואָלט זיי פאַר הייליקייט פאַרקילט געוואָרן. דער שול־שמש גיט דריי הוילע קלעפּ אין באַלעמער. די ליידיקייט אין דער שול ענטפערט פון אַלע זייטן, און יחזקאל דער שמיד, מיט דער גרויסער געדיכטער באָרד, וואָס האָט אַ חזקה אויף „מה טובו” און „אדון עולם”, הויבט אָן זאָגן. פון דער ווייבערשער שול הערט זיך אַ וויינענדיק קול, וואָס זאָגט אַ תחינה, און די בעלי־בתים אין דער מענער־שול, קוקן זיך אַרום ווי זיי וואָלטן דאָס ערשטע מאָל די שול געזען און האַלטן זיך פעסט ביי זייערע שטענדערס, ווי זיי וואָלטן זיך דערשראָקן פאַר זייער קליינקייט אין דער גרויסער פּאָרכטיקער שול. בלויז דער רב, אויף זיין אָרט נאָענט צום ארון־הקודש, אַן איינגעהילטער אין טלית, שטייט ווי ער וואָלט געוועזן איינגעוואַקסן צווישן די לייבן און לעמפּערטן.

לעבעדיקער, רירעוודיקער ווערט אין שול ווען דער חזן קומט צום עמוד. די מתפּללים אין דער שול, וואָס איינער איז ווי פאַרלוירן געוואָרן פון צווייטן אין דער שטילער פּאָרכטיקייט, הויבן זיך אָן צוריק צו געפינען. מען קוקט זיך איבער ווען דער חזן גלעט אַ תפילה, פּיעשטשעט זי אויס און זיין ווייך קול קאָלערט זיך,

ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געוועזן דאָס הייליקע וואָרט אַרויסצולאָזן פון מויל. זיין קול הויבט זיך גאָטס לויב אויסצוזינגען און ווערט טיפער, פייערלעכער. מיט אַ גענויין בעט ער זיך: „מתי תמלוך בציון... ...תתגדל ותתקדש בתוך ירושלים עירך". ער זאָגט עס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ווי ער וואָלט חלילה מורא געהאַט, אַז ער איז נאָך נישט דערהערט געוואָרן. דער ביטערער גלות שטייט איצט יעדן פאַר די אויגן — דער בזיון, די פּיין פון כלל ישראל און פון יעדן באַזונדער, און מיטן גאַנצן האַרץ בעט ער מיטן חזן. פריילעכער ווערט ערשט ביי „ימלוך", ביים „ושמרו", און צעטאַנצט איז די שול ביים „ישמחו". קהל אָטעמט אָפּ. גאָט וועט נישט פאַרלאָזן! און די טראָמפּייטן, די פלייטן, וואָס זענען אויפגעמאָלט אין דער שול, זינגען מיט.

אויסגעליידיקט איז דער מאַרק. עמיצער לויפט דורך, ווי ער וואָלט זיך געשעמט. אַ ין חלל הילכן אָפּ קלעפּ, ווי זילבערנע פישלעך אין קלאָרן טייך. די דינסטמיידלעך און די עלטערע טעכטער אין די שטובן האַקן אויפן האַק־ברעטל ציבעלעס, דאָס איינציקע מאכל, וואָס איז נישט צוגעגרייט פון פרייטיק, און די קלעפּ ווערן וואָס אַמאָל העפטיקער, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעאיילט איידער מען קומט פון שול. מען מוז נאָך לויפן צום בעקער, זיין דערביי ווען ער עפנט דעם מיט ליים פאַרקלעפּטן אויוון, כדי אָפּצוהיטן דעם טשאָלנט מיטן קוגל, זיי זאָלן נישט אויסגעטוישט ווערן. עס טרערן די אויגן ביים שניידן און האַקן די ציבעלעס, און גאַנץ אָפּט מישט זיך אַריין אַן אמתע טרער וועגן אַ באַשערטן, וועגן אַ בחור נאָך וועלכן מען בענקט.

אויפגערוימט זיינען די שטובן. די צוויי חלות אונטערן חלה־טישטוכל אויפן טיש זיינען גרייט מען זאָל איבער זיי אַ ברכה מאַכן, און דאָס בעכערל אויף קידוש דערנעבן. צעשמייכלט איז די זון איבער די כמעט אויסגעליידיקטע הייזלעך. טירן זיינען פאַרשלאָסן; די איינוווינער, מאַן און ווייב, אין שול. די מעשענע לייכטער און דאָס ווייסע טישטוך שיינען דורכן צוגעמאַכטן פענצטער, אַ פרום הינדל מיט אַ אָפּגעגלעטע קעפל, דער קאָם ווי אַ קופּקעלע, שטייט אויפן פענצטער, שליסט די אויגן ווי זי וואָלט אַ תפילה געזאָגט...

# דער שבת־קודש גייט אוועק...

„ברכי נפשי“, דאָס וווּנדערלעכע געזאַנג צו גאָט, האָט געפּאַסט צום ווינטערדיקן שבת, ווען עס שטייט אַ גרויקייט אין דער אויסגעקילטער שטוב, מען זיצט ביים קאַלטן אויוון און מען זוכט אַ ברעקעלע וואַרעמקייט. עס האָט גערעדט צום האַרצן פון קראַנקע, אַלטע לייט, פון די ווייבער, וואָס זענען שוין מיד פון טייטש־חומש. אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג, נאָכן שלאָף, קלינגט צאַרט און מילד, און דערמאָנט אַ גרין פעלד, דאָס „פרק“־זאָגן. איז דאָך שוין דער ניגון אַ זומערדיקער, אַ יוגנטלעכער. אמת, אויך די ווערטער פון „ברכי נפשי“ זענען פייערלעכע, פלאַמיקע — און אויב מען וויל, איז דווקא גאָר דער „פרק“ שטרענג און צוריקגעהאַלטן. און פונדעסטוועגן, אין ווינטערדיקע חדשים נאָכן שבתדיקן שלאָף, האָט מען געזאָגט „ברכי נפשי“ — און אין די זומערדיקע שבתים־טעג האָט מען געלערנט פרק. און ס׳בלייבט פאָרט אמת, אַז „ברכי נפשי“ מאַכט טרויעריק, און „פרקי אבות“ — זומערדיק, יוגנטלעך.

מיטן פאַרהערן וויל איך נישט אָנהויבן, בפרט נאָך אַז מען האָט מיך געשיקט פאַרהערט צו ווערן ביים גביר רב חיים־מרדכי, מיט דער לאַנגער גרויער, ווי איינגעריסטער בעזעם־באָרד. ביים פאַרהערן אונז יינגלעך איז רב חיים־מרדכי געזעסן ווי אַ פאַרחלשטער. די ברעמען אַראָפּגעלאָזט, זיך געהאַלטן ביים האַרצן מיט דער לאַנגער אויסגעדאַרטער האַנט, אין דער באָרד אַריינגעקרעכצט. ווען מיר יינגלעך האָבן זיך געהיצט, אונטערגעשפּרונגען, איז ער געזעסן ווי אַ הון אין פאַרנאַכט. אָבער אַז מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף האָט ער שטיל אַ קרעכץ געגעבן און געזאָגט:

— נאָכאַמאָל, איך פאַרשטיי נישט — און מיר האָבן געמוזט אָנהויבן פון ס׳ניי.

מיר יינגלעך האָבן מוחל געווען רב חיים־מרדכיס קניפּ אין בעקל מיט די דאַרע ביינערדיקע לאַנגע פינגער, וואָס איז געווען אונדזער שכר, אַז מיר האָבן געקענט

דעם שיעור, מוחל־געווען דאָס שבת־אויבסט זיינס, אַן אַכטל פון אַן ארץ־ישראלדיקער ווּאָמעראַנץ, וואָס האָט צו אונדז פון טיש אַראָפּגעשמייכלט. מוחל. מוחל. אַבי רב חיים־מרדכי זאָל אונדז שוין אָפּלאָזן, מיט זיין שטילן, קאַלט־גזלנישן:

— נאָכאַמאָל, איך פאַרשטיי נישט.

מיר וואָלטן אים אַפילו מוחל געווען דאָס שטילע אַריינכיכיטשן אין זיך, ווען רב חיים־מרדכי האָט אונדז אין מיטן זאָגן געהייסן שטיל זיין און מיט אַ שוואַך נעבעכדיק קול אַריינגעשריגן אין דער צווייטער שטוב אַריין:

— ביילע... ביילע...

און אַז ביילע, אַ הויכע און אַ דיקע, איז אַריינגעקומען, האָט ער זי שטיל און קאַלט אָנגעקוקט און געזאָגט געלאַסן, ווי ער וואָלט יעדעס וואָרט געציילט:

— ביי־לע נאַרר... ביי־לע אָקס... ביי־לע פערדד... דו ווייסט נישט, אַז ווען מען פאַרהערט קינדער דאַרף זיין שטיל? וואָס גודערסטו דאָרט מיט דיינע ווייבער?

מיר האָבן קוים געקענט זיך אַיינהאַלטן פון לאַכן, זעענדיק ווי דער שוואַכער, אָן־כוחדיקער, רב חיים־מרדכי שטראָפט זיין דיק ווייב, וואָס האָט אים געקענט, ווי עס האָט זיך געדאַכט, מיט איין בלאָז אַוועקבלאָזן. זי איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטע, קיין וואָרט נישט געענטפערט און געהאַלטן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. און אויפן גאַנצן וועג, ווען מיר זענען געגאַנגען פון רב חיים מרדכין, האָט איינער דעם צווייטן אין פנים אַריינגעלאַכט:

— ביילע נאַר... ביילע אָקס... ביילע פערד...

דאָס אַלץ האָט זיך אָבער נישט געלוינט פאַר דער פיין, וואָס מיר האָבן זיך פון רב חיים־מרדכין אָנגעליטן. און עס איז נאָך געווען אַ נס, אַז מען האָט נישט יעדן שבת בעדאַרפט גיין צו רב חיים מרדכין זיך פאַרהערן.

דערפאַר אָבער האָבן מיר ליב געהאַט דאָס פרק־לערנען אין חדר. דער רבי איז געווען אַן אַנדערער מענטש ווי אַ גאַנצע וואָך, און דאָס חדר איז אויך אַנדערש געווען: ריין, מיט ווייס זאַמד אויסגעשיט אויף דער פּאָדלאָגע, אויף דער קאָמאָדע אַ טישטוכל און אַ זילבערן קידוש־בעכערל, צו וועלכן עס האָבן געקלעבט פליגן. אַפילו די קראַנקע רביצין, וואָס איז געלעגן צו בעט אַ גאַנצן טאָג, מיט אַ פאַטשיילע

אַרומגעבונדן אַרום האַלדז און געהוסט, איז איצט רויִק געווען. אַפילו נאָכעו, דעם רבינס עלטסטע טאָכטער, וואָס איז שטענדיק געווען שלעפעריק, זיך געוואָרגלט די נאָז, וואָס האָט איר געביסן, און געווען בייז אויף אַלעמען, איז אויך געווען שטילער, געווען ריינער אָנגעטאָן און האָט זיך מיט דער קראַנקער מוטער נישט געקריגט.

כדי די שטאַרקע זון זאָל אין חדר נישט אַריינשיינען, האָט מען צוגעלענט דעם לאָדן. אַ העלער פּאַס ליכט האָט אַריינגעשיינט דורכן שפּאַלט פון לאָדן און קליינע העלע פינטעלעך זענען געלאָפן אַרויף און אַראָפּ דעם שטרייף. אויסגעשלאָפן, די באָרד פאַררוקט אין אַ זייט און אַ פלעק אויפן דאַרן פּנים, האָט דער רבי געגענעצט, אויסגעלענגערט זיך און פּיעשטשענדיק זיך געבעטן ביי נאָכען אַ קאַלטן טרונק וואַסער. איידער ער האָט עס נאָך געהאַט אַרויסגעזאָגט, האָבן מיר אַלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן לויפן. אַ גליקלעכער איז געווען דער וואָס האָט דער ערשטער געכאַפּט דעם קיבל. ער איז געלאָפן צום ברונעם אויפן הויף, צוויי יינגלעך נאָך אים, און פאַר גרויס שמחה אָפן געלאָזט די טיר.

דער רבי האָט זיך געלאָסן געשעפּט דאָס קאַלטע פרישע וואַסער, פון געוווינהייט אַביסל אָפּגעגאָסן, געשטאַנען אַ ווײַלע ווי פאַרשלאָפן מיט דער שעפּ וואַסער אין האַנט. דערנאָך האָט ער גענומען פון דער קאָמאָדע אַ גלאָז, עס באַקוקט פון אַלע זייטן, אַריינגעגאָסן דאָס דורכזיכטיקע קאַלטע וואַסער, פון אַ טעפּל צוגעגאָסן אַביסל ברוינעם זאַפט, וואָס איז איבערגעבליבן פון פרייטיק־צונאַכטסדיקן פלוימען־צימעס. געקוקט ווי די ברוינקייט זאַפּט זיך איין אין גלאָז. אויף דער שבתדיקער יאַרמעלקע האָט ער זיך אָנגעטאָן דעם הויכן סאַמעטענעם צעקנייטשטן קאַשקעט, הויך געמאַכט אַ ברכה, און געלאַסן, נחתדיק, מיט אַ ברייטן „אָוואַ״ און אַ קרעכץ געטרונקען שלוק נאָך שלוק.

— נו, מען וועט זיך נעמען לערנען. — ווי דאָס לערנען וואָלט איצט קיין חוב נישט געווען. פאַר דעם נעמט מען דאָך נישט קיין שכר־לימוד.

און גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט אונטערשיידן צווישן לערנען אַ גאַנצע וואָך און איצט, האָט ער זיך נישט אַנידערגעזעצט, נאָר געבליבן שטיין אַריבערגעבויגן

איבערן טיש, ביים אויג די באַהאָרטע האַנט מיטן צעבראָכענעם גלעזל פון די ברילן, און אָנגעהויבן זאָגן מיט אַ ניגון, ווי ער וואָלט אַ פרומע מעשה דערציילט. און ווי מיר וואָלטן איבער דער שיינקייט פון דער מעשה נישט געקענט רויק בלייבן, האָבן מיר דעם ניגון אונטערגעכאַפּט, מיטגעזונגען, און וואָס מער מיר האָבן געזונגען אַלץ זיסער און האַרציקער איז דער ניגון געוואָרן, זיך אַריינגעשפּונען אין זומערדיק־צעבליטן שבת אין דרויסן, אין דעם געשוויטשער פון די אַרומפליענדיקע פייגל אונטערן בלויען הימל.

אַ ווינט, אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון די גערטנער און פעלדער, האָט זיך געשפּילט מיטן לאָדן ביים רבינס פענצטער, האָט אים געגעבן אַ רייס־אויף, אַריינגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט צוהערן וואָס דער רבי דערציילט. די זון האָט אַ בליץ געגעבן פאַר אונדזערע אויגן. מעשה קונדס, איז דער ווינט מיט אַמאָל אַנטלאָפן, אַ האַק־צו געגעבן דעם לאָדן — דאָס ליכט אין חדר איז ווייטער געדעמפּט און דער רבי דערציילט מיט אַ ניגון און מיר זינגען מיט.

— הוא היה אומר — ער האָט געפּלעגט זאָגן — אל תהיו — איר זאָלט נישט זיין — כעבדים המשמשין את הרב — ווי קנעכט וואָס באַדינען דעם האַר — על מנת לקבל פרס — צו קריגן באַצאָלט. אלא היו — נאָר איר זאָלט זיין — כעבדים המשמשין את הרב — ווי קנעכט וואָס באַדינען דעם האַר — שלא על מנת לקבל פרס — נישט צו קריגן באַצאָלט — ויהי מורא שמים עליכם — איר זאָלט מורא האָבן פאַר גאָט.

די פרומקייט און דעם רבינס ניגון האָבן אונדז אַריינגעצויגן. גרויס ווערן מיר, וואָס מיט אונדז רעדט מען שוין פון אַזעלכע פרומע, חשובע זאַכן. געהויבן זענען מיר, און די געהויבנקייט מאַכט אונדז ערנסטער, און מיר מיטן ניגון זענען איינס, און איינס מיט דער געדעמפּטער ליכטיקייט ביים רבין אין חדר.

נאָכע, דעם רבינס טאָכטער, וואָס אַ גאַנצע וואָך רעדט זי נישט צום רבין קיין גוט וואָרט, און אַז זי ברענגט אים עסן גיט זי עס מיט כעס אַ וואָרף אויפן טיש — ברענגט צו צום טיש דריי קליינע באַרענדלעך און לייגט זיי אַנידער פאַר איר טאַטן. דער רבי קוקט אָן די באַרענדלעך. ער ווייסט, אַז נאָכע האָט אים געברענגט שבת־

אויבסט. דער רבי אָבער לאָזט די באַרענדלעך ליגן, זאָלן זיי אים די אויגן גלעטן — און ער לערנט ווייטער.

— אַ ייד דאַרף זיך נישט איילן צו דער פרעס — זאָגט דער טאַטע. און דעם רבינס נישט־אָנרירן די באַרענדלעך פּאַסט צו דעם וואָס אַ ייד דאַרף, פּאַסט צום פּרק־זאָגן, צום ניגון. פאַרוואָס אָבער לויפן די קליינע קלאָרינקע פינטעלעך ווי קונדסים אין ליכטיקן שטרייף פון לאָדן? פאַרוואָס רייסט דער ווינט דעם לאָדן, מאַכט אים אויף און האַקט אים צו?

אויף דער גאַס איז אַיך שבתדיק, ווי אין חדר ביים פּרק. טויבן קריכן אַרום, ציטערן מיט די פולע בייכלעך, וואַרפן מיט די קעפּלעך און וואָרקען. שמואל־יוסלס דעם בעל־עגלהס ברוין פערדל, די צוויי פאָדערשטע פיס געבונדן מיט אַ שטריק, שפרינגט אונטער. דאָס פערדל בויגט מיטן קאָפּ, ווי עס וואָלט מיטן קאָפּ זיך געוואָלט אונטערהעלפן און ציט נאָך די פאָדערשטע געבונדענע פיס. נאָך דעם פערדל גייט רויק שמואל־יוסל אין שבתדיקן קאַפּטן, די באָרד אויסגעקעמט, די הענט הינטער זיך און אויף זיין אויסגערוטן פּנים ליגט שבתדיקייט. פון אַ פענצטער הערט זיך אַ פאַרשפּעטיקט מעביר־סדרה־זיין און פון אַ צווייט פענצטער — אַ פאַרטראַכט לערנען גמרא. דאָס קול רייסט זיך איבער, ווייזט אויס, כדי בעסער צו באַנעמען דעם פּשט, אַ פליסטערדיק ברומען — און אָט הערט מען ווידער דעם קול פון גמרא־לערנער.

אַ חתן מיט אַ כלה גייען געלאַסן שפּאַצירן. מיידלעך מיט אָפּגעלאָקטע האָר שטייען און קוקן זיי נאָך. פליגן ראַיען אויפן שוואַרצן קודלאַטן קיילערס הונט. ער האַלט אַרויסגעשטעקט די רויטע צונג. זיין בויך הייבט זיך ווי אַ בלאָז־זאַק. מיטן עק טרייבט ער פון זיך אָפּ די פליגן און פלוצלינג גיט ער זיך אַ שטעל־אויף, קוקט זיך אַרום מיט די פאַרשלאָפענע, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און גיט אַ הייזעריקן געביל, וואָס בלייבט הענגען אין מאַרק, ווי אָפּגעריסן. פון הונטס געביל כאַפּט זיך אויף דער קיילער, אין איינציקן געוועלב וואָס איז שבת אָפן. זיין אָנגעפּרעסן רויט פאַרשוויצט פּנים קוקט אַרויס אין מאַרק אַריין מיט דער אומהיימלעכקייט פון זיין שוואַרצן הונטס געביל.

אויפן מאַרק לייגט זיך אויס אַ שאָטן. דאָס ווינטל בלאָזט שטאַרקער. יינגלעך וואָס שפּילן זיך אין זעלנער לויפן אַדורך דעריאַכמערטע און פאַרשווינדן. אַן אַלט פּאָרפאָלק גייט צו די קינדער „גוט־שבת ביטן", דער אַלטער פאָרויס, דעם שבתדיקן שוואַרצן פּאַלטאָ פאַרקנעפּלט, די הענט הינטער זיך און די אַלטע, נעבעך, קאָן אים נישט דעריאָגן, הינקט און קרעכצט, מאַכט מיט די הענט ווי אַ דערטרונקענע וואָס וויל זיך ראַטעווען.

אַהיימגיין ווילט זיך נישט איצט. די גאַס ווערט פולער. מער קופּקעלעך ווייבער פאַר די טירן. די שוועלן קענען שוין נישט פאַרנעמען אַזויפיל מענטשן. פון די שטובן טראָגט מען אַרויס שטולן פאַר די טירן. ווייבער קלערן שוין וועגן באָרשט, וועגן די מילכיקע פיש, וועגן די זויערע מילך, וואָס מען האָט אַראָפּגעשטעלט אין קעלער עס זאָל בלייבן קאַלט און פון דער היץ נישט קאַליע ווערן. מען וויל אָבער דאָס נישט ברענגען איבערן מויל, פאַר מורא צו דערמאָנען דעם שבת וואָס גייט אַוועק. מען דערציילט זיך מעשיות פון גיטע יידן, פון צדיקים, און די קאָלירטע בענדער פון די שבתדיקע הויבן שאָקלען זיך פאַרוווּנדערט.

גאַנצע משפחות גייען צום טייך, צו באַוווּנדערן, צום טויזנטסטן מאָל, די הענג־בריק איבערן טייך. שוסטערס און שניידערס קומען אַרויס אין גאַס אַריין, קוקן אויף די מלבושים און אויף די שיך פון די שפּאַצירער. דאָס ווינטל מאַכט ציטערן די זון אין טייך און ברויזט אויף דאָס וואַסער, וואָס פּאַלעוועט זיך. און איידער מען קוקט זיך אום פאַלט אַ דיקער רוישיקער זומער־רעגן.

בחורים לאַכן. מיידלעך דערשרעקן זיך פאַר זייערע נאַסע קליידלעך. מאַמעס כאַפּן די קינדער. און קוים האָט מען צייט געהאַט זיך באַהאַלטן, האָט דער רעגן אויפגעהערט, דער חלל זעט אויס ווי ער וואָלט אויסגעוואַשן געווען. דער רעגן שמעקט פון די נאַסע קעפּ. אויפן הימל שטייט אַ רעגן־בויגן, וואָס שרעקט און באַרויקט גלייכצייטיק. גאָט האָט געשוווירן קיין מבול אויף דער וועלט נישט צו ברענגען.

אויף שמואל־יוסלס בעל־עגלהס פערדל גלאַנצט די הויט און עס מעלה־גרהט געשמאַקער. דער רעגן־בויגן טוקט זיך אין וואַסער. פייגל פליען איבערן וואַסער

ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַ פּיק געבן אין רעגן־בויגן. שוואַלבן הויבן זיך, זייערע פֿליגעלעך ציטערן, לייכטן אין דער זון. אָט גיט אַ שוואַלב אַ שאָס אַראָפּ פֿון דער הויך, גיט פֿלינק אַ דריי מיט די לענגלעכע פֿליגעלעך, פֿליט נידעריק ווי זי וואָלט מיטן קאָפּ דאָס וואַסער באַרירט, און גיט זיך שנעל ווידער אַ הויב אַרויף צום בלויען הימל.

יאַנעקס דעם טויבן־כאַפּערס טויבן דרייען זיך אין דער לופֿט, איין טויב פֿאָרויס און אַ כאָפּטע טויבן נאָך איר. אָט צעטיילן זיי זיך אין גרופּעס, איין גרופּע — רעכטס, די צווייטע — לינקס. איין טויב, וואָס וויל באַווייזן קונצן, פֿליט אַליין אין דער בלויקייט.

עס הויבט אָן נאָגן דער טרויער פֿון פֿאַרגייענדיקן שבת. דער רעגן־בויגן לעשט זיך און שמואל־יוסלס דעם בעל־עגלהס פֿערדל הויבט אָן אונטערשפּרונגען אַהיים. ליידיקער ווערט אויף דער בריק. אַ קילקייט נעמט אַרום. די שוואַלב פֿאַרשווינדט אין ווייטן חלל. די טויבן לאָזן זיך אַראָפּ, און אַ פֿויגל, וואָס האָט מורא דער שפּאַרבער זאָל ביינאַכט נישט קומען אין איר נעסט, פֿליט פֿון איין בוים צום צווייטן, דעם שפּאַרבער אָפּצונאַרן גלייך זי וואָלט זיך געשפּילט. ווען עס דוכט זיך איר, אַז דאָס אויג פֿון שפּאַרבער זעט נישט, גיט זי מיט איינמאָל ווי אַ פֿאַל אין איר נעסט אַריין, צו אירע קינדערלעך, זיי צו געבן עסן, אויסבעטן פֿאַר דער נאַכט און זיי איינצושלעפֿערן.

די טונקלקייט נעמט זיך שאַרן צווישן די ביימער, נעמט טשאַטעווען אויפֿן שבתדיקן טאָג ווי דער שפּאַרבער אויף דער פֿויגלשער נעסט. אַ דערשטיקטער קרעכץ פֿילט אָן דעם חלל און אויף דער לאָנקע אַרום דעם טייך הויבן אָן קוואַקען די זשאַבעס. דער הימל צינדט זיך, עס הויבן אָן ברענען די עקן פֿון די וואָלקנס. מען הייצט שוין אונטער די סמאָלע־קעסלען אין גיהנום, וואָס זענען שבת געווען אויסגעלאָשן. אַ מוראדיקע שטילקייט לייגט זיך, קוקט מיט פֿאַרשטאַרטע אויגן.

גייט דער הייליקער שבת שוין אַוועק? באַלד וועלן די רשעים צוריקגעפֿירט ווערן אין גיהנום אַריין? אַזאַ שאָד... אַזאַ שאָד... דער טרויער הויערט, דער זיפֿץ

ווערט טיפער און דער וויאָלעטער פאַרנאַכט ריטשט זיך, ריטשט זיך.

פון שול־געסל טראָגט זיך דאָס געזאַנג פון „אַתה אחד ושמך אחד״. דער ניגון לייגט זיך אויף די פנימער. עס פרייען נישט די מילכיקע שבתדיקע פיש, דער קאַלטער פלוימען־באָרשט, וואָס די מאַמע האָט צו שלוש־סעודות אַרויפגענומען פונם קעלער. דער טרויער האָט זיך איינגעשניטן אין געמיט ביי די שלוש־סעודותדיקע זמירות, וואָס דער טאַטע האָט געזונגען. קיין טרייסט נישטאָ, קיין האָפענונג נישטאָ. דער ניגון ציט זיך און ציט זיך און ווערט דערטרונקען אין דער אַרומיקער טונקלקייט.

— גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב...

מיר טוליען זיך צו דער מאַמע, לייגן די קעפּלעך אויף איר שויס, דריקן זיך צוזאַמען ווי אַ סטאַדע שעפּסן ביי אַ געוויטער. דער „גאָט פון אַברהם, פון יצחק און יעקב״, רייסט זיך פון דער מאַמעס מויל ווי אַ הייסער קרעכץ. זי קוקט אין פענצטער אַריין, קוקט צו די שטערן אויפן הימל, גלייך זי וואָלט געזוכט ערגעץ אַ שטיקל האָפענונג, אַ לעק טרייסט.

די פינצטערניש איז אַרום און אַרום, וויקלט זיך אַרום אונדז און וואָס אַמאָל ווערט זי געדיכטער, הילט אַלץ איין. געבויגן שטייען די הייזלעך ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים פאַלן, יעדער קלאַפּ פון אַ טיר הילכט, ווי עס וואָלט אַרום געוועזן אַ ליידיקייט, אַ פינצטערער גרוב.

— „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי״ — ברומט דער טאַטע און חזרט פאַר דביקות — לא אירא רע, כי אתה עמדי.

מען זעט נאָך נישט קיין ליכט? — פרעגט די מאַמע און די פינצטערניש שטיקט איר קול.

איך זע נישט דער מאַמעס פנים און זי קומט מיר איצט פאָר ווי דער פויגל, וואָס פליט אַוועק פון שפּאַרבער אין איר נעסט אַריין. עס איז אַזוי שווער צו פאַרהיטן איר נעסט פאַר דער פינצטערקייט, פאַר דער נאַכט, פאַר דער וואַכעדיקייט. אַ רחמנות איז מיר אויף דער מאַמען, אַ רחמנות אויף זיך און אַ רחמנות אויף די רשעים וואָס מוזן צוריק גיין אין גיהנום אַריין. ווי די סמאָלע

אין גיהנום איז שוואַרץ די נאַכט. אין אַ שוואַרצן רויך איז אַלץ איינגעהילט. זענען מיר אפשר די רשעים? מיר מוזן צוריק גיין אין גיהנום? איך טוליע מיך פעסטער צו דער מאַמען.

אָבער פאַרוואָס זענען מיר רשעים? דער טאַטע טוט קיינעם קיין שלעכטס נישט. און די מאַמע — אַוודאי נישט. איך שריי אַריין אין מיר:

— ער איז נישט קיין רשע, דער טאַטע.

— אפשר געדענקסטו ווו איך האָב געלייגט די קינדלעך? — פרעגט די מאַמע. קיינער אָבער ענטפערט נישט. דער טאַטע דאַוונט מעריב און זיין קול ברעכט זיך.

— שוין? שוין? קיין האָפענונג איז נישטאָ. אַ ליכט וועט באַלד אויפשיינען. דאָס גיהנום עפנט זיך...

די מאַמע נעמט מיין קעפל אין דער האַנט און מורמלט שטיל:

— גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב... שיק גאָטעניו אליהו הנביא...

לייכטער ווערט מיר. אליהו הנביא וועט אונדז היטן. איך בויג מיך אין דער מאַמעס שויס.

— ...נעם דעם בעכער אין דער האַנט. און מאַך אַ ברכה איבערן גאַנצן לאַנד... אַ ברכה פאַר אונדז און הצלחה פאַר אַלע יידן... די גוטע וואָך, די מזלדיקע וואָך. אָמן.

אַ ליכט פלאַקערט אויף אין איר האַנט. אויף די ווענט הויבן אָן קריכן שאָטנס. אַז אליהו הנביא וועט קומען וועלן די רשעים אַוודאי נישט דאַרפן גיין אין גיהנום אַריין. זיכער... זיכער נישט...

פון דער שניידער־מאַשין, וואָס שטייט אין ווינקל באַדעקט מיט אַ ווייס טישטוכל, שטעקט אַרויס אַ האַנט. דער ווינט יאָגט דאָס פאָרהאַנגל אויפן פענצטער, בלאָזט אין ברענענדיקן ליכט. בלוי טוליעט זיך דאָס פלעמל צום קנייטל. די הבדלה צעפלאַקערט זיך ביי מיר אין די האַנט. זי שטעכט מיר די אויגן. איך געוווין זיך צו דער וואָכעדיקייט.

— אַז אליהו הנביא וועט קומען וועלן די רשעים נישט דאַרפן גיין אין גיהנום אַריין. זיכער נישט. זיכער...

# אינהאַלט


הקדמה / שלמה גראָדזענסקי . . . . . . . 5—8

דער גרויסער איינזאַמער / הלל צייטלין . . . . . 9—21

ערד און הימל

(דראַמע פון חסידישן לעבן) . . . . . . 24—129

צוויי דערציילונגען

צער גידול בנים . . . . . . . . . . 133—157

מיין מאַמעס טויט . . . . . . . . . . 159—172

פאַרטונקלט גאָלד (שבת־בילדער)

פיש אויף שבת . . . . . . . . . . 175—179

דער ווינשענקער . . . . . . . . . . 181—186

דער שוסטער . . . . . . . . . . . 187—193

שבת אויף דער דזשיקע . . . . . . . 195—199

דער שבת אין־דער־פרי וועקט זיך אויף . . . 201—205

דער שבת־קודש גייט אַוועק... . . . . . . 207—215


Free Public Library, Newark, N. J.